דוד בערגעלסאָן

# אָרום וואָקזאַל

# דוד בערגעלסאָן

## ווערק

נייע פאַרבעסערטע אויסגאַבע

פארלאג »וואָסטאָק«, בערלין C 2
An der Spandauer Brücke 2
1922

# דוד בערגעלסאָן

באנד II

# אַרום וואָקזאַל
# דער טויבער
# יורדים

4A
43147

פארלאג »וואָסטאָק« בערלין C 2
An der Spandauer Brücke 2
1922

Copyright by Wostok (Der Osten)
Verlag und Büchervertriebsgesellschaft m. b. H. Berlin
1922

3
Bibliotheca
Universitatis
Tartuensis
1941: 8876
119590

Druck der Spamerschen Buchdruckerei in Leipzig

# אַרום וואָקזאַל

אין פֿאַרשיידענע אָרעמע שטעטלאַך הייבן זיך אָן ציהען שמאָלע וועגן און שנייַדן דורך פֿאַרשלאָפֿענע דערפֿער. אויף שטילע גרינע בערג דראַפּען זיך די וועגן, צום גרונט פֿון טיפֿע טאָלן נידערן זיי אַראָפּ און ווייַט, ווייַט, בייַ דער הייך פֿון א קליינעם באַרג, קומען זיך די וועגן צונויף און בוקן זיך פֿונדאָרטן צום שטיינערנעם און רויטן וואָקזאַל.

א הויכער איז ער דער וואָקזאַל, א רויטער און א צווייגאָרנדיגער. און שטיין שטייט ער דאָ שוין פֿון יאָרן א פֿאַרגליווערטער און טויטער און ווייַזט דער געגנט אויס, ווי א פֿאַרכישופֿטער היטער, וועלכן ס׳האָט אַמאָל עמיץ אויף א שפּיצל פֿאַרשלעפֿערט מיט אַן אייביגן מעלאַנכאָלישן דרימל. יענער אומבאַקאַנטער און שווייַגנדיג בייזער, וואָס האָט אַמאָל אויף אים דעם שלאָף אָנגעוואָרפֿן, איז שוין לאַנג א שוכן־עפֿר, די ביינער זייַנע זיינען שוין אין דער פֿייַכטער ערד טונקל געוואָרן. און דער וואָקזאַל קאָן זיך נאָך אַלץ פֿונם דרימל ניט באַפֿרייַען. דרימלענדיג היט ער אָפּ די וועגן, וואָס בוקן זיך צו אים, די נאָהענטע און ווייַטע בערגלאַך און טאָלן מיט יענעם שיינעם און צעוואָרפֿענעם דאָרף, וואָס ליגט אין דער טיף פֿון א לאַנגן טאָל, דראַפּעט זיך שוין פֿון יאָרנלאַנג אויף די שיפּועים פֿון די צוויי שכנישע בערג און קאָן זיך

נאָך אַלץ ביז זייערע שפּיצן נישט אַרויפדראַפּען. דערפאַר, וואָס דאָס דאָרף מיטן געגנט האָבן געשוויגן, האָט אויך געשוויגן דער אַלטער פאַרגליווערטער וואָקזאַל און מיט א באַהאַלטענער בענקשאַפט אַרײַנגעקוקט אין דער טיפע־ניש פון דער בלויער און אומבאַקאַנטער ווײַטקײַט, גלײַך ווי די ווײַטקײַט וואָלט דאָ אינגאַנצן דער עיקר געווען און נאָר פון איר האָט אין איינעם א טאָג געדאַרפט א שטאַרקער און שטאָלצער העלפער זיך מיט גערויש אַרומ־טראָגן אין אַלע שלאָפנדיגע ווינקעלאַך און מיט זײַן קראַפט און מאַכט צום לעבן אומקערן אַלץ, וואָס איז דאָ שוין פון יאָרן פאַרשטיינערט און פאַרשמאַכט. נאָר די ווײַטקײַט איז תמיד רוהיג געווען, תמיד מרה־שחורה־דיג און תמיד שטיל, און נמאס איז איר שוין געווען צו קוקן אויף דער שלעפעריגער געגנט, און אַליין איז זי שוין אויך שלעפעריג געווען. דערפאַר האָט זי אָפט א נודנעם געגנעץ געטאָן, געעפנט פאַמעלאַך איר גרויס, אַלט און ליידיג מויל און מיט גרויס פוילקײַט אויסגעשפּיגן א לאַנגן און לויפנדיגן פּאַסאַזשירצוג. פונווײַט איז דער צוג געלאָפן און געטראָגן האָט ער מיט זיך א גוטע און א פרייליכע בשורה פאַרן וואָקזאַל און פאַר דער געגנט, און געאיילט האָט ער זיך די בשורה צו ברענגען. אָבער נאָך אינם ערשטן טרויעריגן אָפּהילכן פון זײַן לאַנגן און פרייליכן פײַף האָט ער זיך שוין איבערצײַיגט, אַז די מרה־שחורה איז דאָ זעהר טיף און אייביג. ער איז שוין צום וואָקזאַל צוגעקראָכן פאַמעלאַך מיט א געפאַלענעם געמיט און דאָרטן שטיין געבליבן מיט א שווערן און לאַנגן זיפץ פון דער באַפרײַטער און הייסער פארע פונם טאָרמאָז.

»אומזיסט... אומזיסט... און פאַרפאַלן... אַלץ פאַרפאַלן«, האָט זיך א טויבער קלאַנג צוזאַמען מיטן זיפץ אַרומגעטראָגן.

און בײַ די רײַזנדע, וואָס אין צוג, האָט זיך דערפאַר מאָדנע פאַרקוועטשט דאָס האַרץ, און א בלאָז האָט אויף זיי געטאָן מיט טרויער. זיי האָבן באַלד אַרויסגעשטעקט זייערע אומבאַקאַנטע פנימער און שווײַגנדיג באַטראַכט דעם אַלטן און שלעפעריגן וואָקזאַל. אַזוי פוסט, מרה־שחורה־דיג און נודנע איז דאָ געווען; ס'האָט זיך קיינעם נישט געוואָלט ריידן און פונם אָרט זיך א ריר טאָן. און די מענשן האָבן געשוויגן, געשטאַנען אָהן א שום באַוועגונג און שוין אויסגעזעהן אַזוי מעלאַנכאָליש און שלעפעריג, ווי אַליין דער אַלטער פאַרשטיינערטער וואָקזאַל. עטליכע פאַרטיפטע אין חלומות, זיינען דאָ פאַמעלאַך אַרומגעגאַנגען און שווײַגנדיג געקוקט אויף די פאַרחלומטע רײַזנדער. זיי האָבן ניט געוואוסט פונוואַנען און וואוהין די רײַזנדער פאָרן, מיט וואָס זיי פאַרנעמען זיך און וועגן וואָס זיי קלערן. דערפאַר האָבן זיי געהאַט דרך־ארץ, געשוויגן און געוואָלט אויסזעהן פײַנער און לײַטישער, ווי זיי זיינען. און נמאָס איז די וואָקזאַלדינער נישט געווען צו ציהען זיך מיט זייער גאַנצער הייך, נמאָס איז דעם טרעגער, וואָס איז בײַם גלאָק געשטאַנען, נישט געוואָרן אַרויסצושטעקן זײַן שטאָלצע ברוסט פאָרויס, נמאָס איז אויך קיינמאָל ניט געוואָרן די יונגע קאָמיסיאָנערן צו שטיין מיט ערנסטע פנימער אָנאַזײַט און כאַפּן אַלעמאָל א קוק אויף א שיינער דורכפאָרנדיגער נקבה. ערגעצוואו אויפן וואָקזאַלפלאַץ זיינען פאַרקלערטע סוחרים געשטאַנען. זיי האָבן געקוקט אויפן צוג, געביסן די בערד און גע־טראַכט וועגן זייערע מסחרים; ערגעצוואו איז א שוואַרצער, נידעריגער און איבערגעשראָקענער מעקלער געשטאַנען. ער האָט אויך געשוויגן, אויך געקוקט אויף דעם צוג און פאַרטיפט געווען אין איבערגעשראָקענע, נישט קיין זיכערע געדאַנקען פון א יורד. וועגן צוג האָט ער גע־

קלערט׳ וועגן די אומבאַקאַנטע און שוויַיגנדיגע רײַזנדער און וועגן דעם׳ וואָס ער האָט אויך אַמאָל געלט געהאַט און געדענקט שוין איצט ניט׳ וויאַרום ער האָט עס באַקומען און וויאַרום פאַרלוירן.

נאָר איין גרויער אויסגעדינטער משולח׳ א בלינדער אויף איין אויג׳ איז איינער אַליין געזעסן אויף א באַנק׳ געקלאַפּט מיט זײַן אַלטן שטעקן אינם האַרטן שטיינערנעם וואָקזאַלפלאַץ און געגנודעט. אפשר איז ער דאָ דער איינציגער געווען׳ וועמען ס׳האָט זיך די אַרומיגע פּוסטקײַט צוגעגעסן און וועלכער האָט געוואָלט עמיצן דערציילן וועגן זײַן אָרעמקײַט׳ וועגן זײַן תמיד אָפענער און בלינדער אויג׳ וועגן זײַנע קינדער׳ וואָס זיינען אין אַמעריקע׳ און וועגן זײַן ווײַב׳ וועלכע איז שוין צעהנדליגער יאָרן טויט. נאָר קיינער איז צו אים נישט צוגעגאַנגען און קיינער האָט אויף אים ניט געקוקט. ער האָט דערפאַר קינדערשן שכל באַקומען און זיך געשפּילט מיט די טויטע קלעפּ פון זײַן שטעקן. און אַז די שפּיל איז אים נמאס געוואָרן׳ האָט ער מיט זײַן איינציגן אָפענעם אויג געקוקט און געזעהן׳ ווי פּיניע ליסאַק גייט צו א פרעמדן סוחר צו׳ פאַרקרימט זיך׳ ווי אויף א נדבה בעטן׳ און איז אים אויף שטומלָשון מודיע:

»כ׳בין פּיניע ליסאַק׳ כ׳האָב שוין אַמאָל געלט געהאַט און איצט א מעקלער געוואָרן... אפשר וועט איר עפּעס קויפן?«

נאָר דער פרעמדער סוחר קוקט אויף אים נישט׳ און פּיניע גלײַכט זײַן פּנים נישט אויס. ווען דער צוג גייט אָפּ׳ דערזעהען די סוחרים׳ אַז ליסאַק׳ס פּנים איז נאָך פאַרקרימט. זיי ווינקן צו אים פונוויַיטן און שמייכלען.

»ווי איר זעהט מיך א יידן׳ שווערט זיך לוי פּיווניאַק׳ א הויכער איינגעהויקערטער מעקלער מיט גרויסע׳ אַרויס־

געקראָכענע און ווערטלדיגע אויגן, ער האָט שוין א פּנים פון א קבצן«.

אַרום אים שטייען קאָמיסיאָנערן, סוחרים און מעקלערס און באַווייזנדיג געלע, פאַררויכערטע ציינער, לאַכן זיי אויף א קול. דער געלעכטער קלינגט שטיל אָפּ אויף דעם ליידיגן וואָקזאַלפּלאַץ און וועקט אין יעדערן פון זיי א פרייד פאַר זײַן אייגענער צוקונפט. ס׳לאַכט נישט נאָר איין פּיוניאַק. אַן איינגעהויקערטער און ברייטביינער־דיגער שטייט ער רוהיג אינמיטן בינטל, די הענט פאַר־לייגט אין די אַרבל און דעם קאָפּ עטוואָס אָנאַנזײַט.

פאַמעלאַך גייט צו צום בינטל אַברהמטשיק קויפמאַן, אַ דיקער סוחרישער בחור מיט ברייטע נגידישע פּלייצעס. זײַנע הענט זיינען פאַרלייגט הינטער די פּאָלעס פון זײַן נײַעם רעקל, דער קאָפּ אַרויסגערוקט פאָרויס און אויף זײַן דיקן פּנים ליגט א שטענדיגער שמייכל. א רוהיגער איז דער שמייכל, א פּוילער און א זיכערער, ער וואַרפט זיך יעדערן אין די אויגן און גיט צו וויסן:

»כאַפּט זיך נישט, און קלערט נישט, אַז איר וועט מיך אָפּנאַרן«.

די וואָקזאַללײַט ווייסן, אַז קויפמאַנס אָנצוג איז א טײַערער, אַז זײַן פאָטער איז א קמצן און דער נגיד פון דעם נאָהענטן שטעטל, אַז ער אַליין איז א בחור, א סוחר און פאַרמאָגט שוין היפּש געלט. דערפאַר פילט זיך לעבן זיי אַברהמטשיק היימיש און פרײַ און שמייכלט צו בשעת זיי קלאַפּן אים פרײַנטליך אויף זײַנע נגידישע פּלייצעס. שמייכלענדיג באַטראַכט ער ליסאַקן פונדערזײַט, הערט אויס די ווערטלאַך און זאָגט פאַמעלאַך און רוהיג:

»ער האָט נאָך א טכוירענעם טולופּ. ווען ער וויל, וואָלט איך אים פאַרן טולופּ הונדערט קלינגעדיגע »געז־סילקט«, וואָלט ער ווידער א נגיד געוואָרן. חברה לאַכן

און ביי פיוניאַקן טוען א ציטער די ווערטלדיגע אויגן און ווערן מיטאַמאָל ערנסט«·

»וואָס, וואונדערט ער זיך, ווילסט דעם טולופ? אָט מעקלער איך אים אויס«·

ער זאָלט זיך אויפצוכלומרשט לויפן צו ליסאַקן·

---

פאַרהאַן נאָך א צווייטע זייט וואָקזאַל, וואו קיין סוחרים דרייען זיך נישט אַרום· זיצנדיג אויף די איינגעשפאַנטע בריטשקעס, דרימלען דאָרטן אונטער־געגאַרטלטע שמייסערס און מיט אוממענשליכער געדולד וואַרטן זיי אויף זייערע אָנקומענדיגע בעלי־בתים· אַז א בעל־הבית קומט אָן, קריכט ער באַלד אויף זיין בריטשקע אַרויף און טוט דעם שמייסער א שלעפ פאַרן אַרבל· דער שמייסער כאַפּט זיך אויף און טוט א טרייב די פערד· די בריטשקע הייבט זיך אָן צו וויגן, און דער בעל־הבית ווערט גיך אַנטדרימלט· נאָר די פערד לויפן שוין צווישן גרינע פעלדער, אָנגעוואָרפענע בערג, און קליינע פאַר־וואַקסענע טאָלן· אויף די העלזער פון די פערד קלינגען איינטאָניג די גלעקלאַך, און ווען דער בעל־הבית כאַפּט זיך אויף, הערט ער א פאַרשלאָפענער אויס, ווי די גלעקער דערציילן דער פעלדשטילקייט אַלץ, וואָס ער האָט פאַר דער צייט פון זיין נסיעה געזעהן· ער פאַר־געסט, אַז ער פאָרט אַהיים און ווערט ווידער אַנט־שלאָפן· ערגעץ ווייט, אין א שטעטל, וואָס אין אַטאָל, קוקט אויף אים אַרויס א שטוב מיט אירע פענסטערס, חדרים און מענשן· און א קליין קינד זיינס לויפט דאָרטן באָרוועס אַרום און באַרימט זיך, אַז ער וועט באַלד א מתנה באַקומען·

און ער וויגט זיך נאָך אַלץ אויף דער לויפנדיגער בריטשקע, וויגט זיך און דרימלט·

I

א וואַרעמער פרילינג האָט איינמאָל א שמייכל געטאָן אַרום וואָקזאַל מיט זײַנע פאַרשלאָפענע סוחרים און אויף זײַן פרילינגלשון געפרעגט:

»באַווײַזן א קונץ?«

דער וואָקזאַל האָט זיך ניט הערנדיג געמאַכט און ווידער געדרימלט· און די סוחרים האָבן אין דעם שמייכל געזעהן א סימן אויף א זאַט יאָר און מורא גע־האַט צו האַנדלען·

אַרום זיי האָבן אונטער פאַרחלומטע הימלען געדרימלט גרינע באַארבעטע פעלדער· אויף די פעלדער זיינען נאָהענטע און ווײַטע בערגלאַך געלעגן און געהערט, ווי שטיל ווינטן סודען זיך מיט זייער גראָז·

וועגן דעם, וואָס אַלץ וועט בזול זײַן האָבן זיך די ווינטן מיטן גראָז געסודעט·

ערגעץ אין א גרינעם טאָל, וואָס הינטער א שטילן דאָרף האָבן זיך צוויי פאָרנדיגע סוחרים באַגעגנט, זיך אָפּגעשטעלט און זיך פונאַנדערגעשמועסט אויפן קול:

»פונוואַנען פאָרט מען? פון דער קאַצעביפּקער פערמע?«

»און איר? פון די שלאַכעטקעס, מן־הסתם?«

»פונוואַנען דען? א טאַפּ געטאָן דעם וואָגן«·

»נו?«

»וואָס נו? ··· דער גוי בעט זיך«·

»פיל וואַגאָנעס וועט ער האָבן?«

»קיין מעשה ניט«·

»דהיינו?«

»וואָס האָסטו וואָס צו קלערן, קוק ···«

אוןביידע סוחרים האָבן זיך פאַרקוקט אויף די גרינע פעלדער, וואָס אין די זײַטן פון דעם שמאָלן וועג· דאָס

גראָז איז דאָרטן געווען שטאַרק באַשעפּטיגט מיטן וואַקסן׳ זיך געבוקט מיט לאַנגזאַמע און פרומע שאָקלען און איבער־געחזרט אַלץ איין טיפע און קורצע כוונה:

»א גערעטעניש ··· א גערעטעניש!«

דאָך האָט אינמיטן פרילינג פּלוצים אויפגעהערט צו רעגענען און דאָס גראָז האָט אָנגעהייבן פאַרדאַרט ווערן.

ווען אויף דעם וואָקזאַל האָבן די סוחרים די »זאַסוכע« דערפילט׳ האָט שוין דער שטויב געוואַקסן אויף די בוימער און אויף די גרעזער׳ זיך מיט די ברענענדיגע ווינטן אַרומגעטראָגן אין אַויר און טונקל געמאַכט די שייַן פון לאַנגע און הייסע זומערטעג. די סוחרים זיינען שוין געווען פאַרשמירט׳ אָפּגעברענט און דערשראָקן באַ־שעפּטיגט. דער שטויב איז שוין געלעגן בייַ זיי אויף די פנימער און די בערד׳ און אין די רויטע ניט דער־שלאָפענע אויגן׳ נאָר זיי האָבן נאָך אַלץ אַרומגעשנאָרעט אין דער גרויסער וואָקזאַלסביבה און אויסגעכאַפּט איינער בייַם צווייטן די קניות׳ זיך פון צייַט צו צייַט באַוויזן אויף דעם וואָקזאַל׳ זיך דאָרטן געלאָדן׳ געזידלט׳ פאַר־קויפט און צוריק געקויפט.

גרויסשטעטיגע סוחרים זיינען יעדן טאָג מיט די צוגן אָנגעקומען און אין איילעניש געהאַנדלט מיט פאַרשמירטע און אָפּגעברענטע וואָקזאַלליַיט. שטייענדיג אויף די טרעפּלאַך פונם אָפּגייענדיגן צוג האָט נאָך איינער צו א וואָקזאַלסוחר געשריען:

»איז געענדיגט? שיקט איר מאָרגן אַרויס«.

דער וואָקזאַלסוחר האָט געפּרובט ענטפערן אויפן קול׳ נאָר הינטער די לאַנגע אָפּגייענדיגע וואַגאָנעס האָבן שוין הייך געקלאַפּט די רעדער·· ער האָט זייַן קול ניט דער־קאָנט און נאָר געשאָקלט מיטן קאָפּ:

»געענדיגט׳ געענדיגט«.

זײַן מוח האָט נאָך וועגן דער מכירה געקלערט און די פּאַרטראַכטע אויגן האָבן געקוקט אַהין, וואו דער צוג וועט פאַרשוואונדן, אַהין, וואו ווילדע ווינטן און שטויבשטראָמען יאָגן דעם צוג נאָך און מאַכן דעם הימל מיט דעם אויר טונקל. ער האָט שוין געפילט, אַז עמיץ האָט זיך אין דער מכירה אָפּגענאַרט, נאָר ער האָט ניט געוואוסט ווער: ער, צו יענער גרויסשטעטיגער סוחר, וועלכן ס'האָט צוזאַמען מיטן צוג נאָרוואָס איינגעשלונגען די וואָלקנדיגע ווײַטקײַט.

און א בינטל סוחרים זיינען שוין אַרום אים געשטאַנען און אים באַשיט מיט שאלות:

»וואָס, פאַרקויפט?«

»טאַקע?«

»ווי טײַער?«

דער סוחר האָט ניט פאַרשטאַנען, וואָס מען פרעגט אים און ווי פון שלאָף געפרעגט:

»אַ?...«

---

ווען די סוחרים האָבן שוין אַלץ אין געגנט אויפגעראַמט און דאָס איבערגעפּעקלט אין פאַרשיידענע ווײַטע גובערניעס, איז אויפן וואָקזאַל ווידער שטיל און רוהיג געוואָרן. די מעקלערס זיינען ווידער אַרום־געגאַנגען פוסט און פּאַס און געשמועסט פון דער אומ־געוואוינליכער מַהפכה:

אֶלי דערבאַרעמדיגער, א הויכער און דאַרער יונגער־מאַן, א משכיל, א גוטער און א בעל־מדות מיט צוויי קולות: איינס א גראָבס, א מאַנסבילש, דאָס צווייטע א דינס און ווײַבערש, האָט דעם זומער א קערבל צעהנ־טויזנט באַקומען. צום וואָקזאַל איז ער געפאָרן מיט

זײַנע אייגענע פערד און אייגענעם שמײַסער און גע־טרונקען טיי אין »ערשטן קלאַס«.

שלומקע פערל, א יונגערמאַן א שווינדלער, ניטלאַנג געטראָגן געלאַטעטע הויזן און געבעטלט א ציגאַר טיטון, האָט געהאַנדלט אויפן גבירישן אופן, געקויפט און פאַר־קויפט וואַגאָנעסווײַז.

חיים מענדל מאַרגוליס, א ייד א פּאָסעסאָר און א »גרויסער פאַרלעבער« מיט אַן איידעלן פּריצישן פּנים און אויך אַזעלכע איידעלע פּריצישע מאַנירן האָט פיל געלט אָנגעזעצט, און קיינער האָט ניט געוואוסט צו אים אַליין איז פון דעם אָנזעצגעלט געבליבן. צום וואָקזאַל איז ער, ווי פריהער, געקומען מיטן נײַעם פאַעטאָן און הייסע פּאָר פערד, ווי פריהער זיך געפירט ברייט און געהאַט עסקים מיט די דורכפאָרנדיגע רײַכע פּריצים. צוליב אים איז אָפּטמאָל אויפן וואָקזאַל אַראָפּגעקומען חנינה שפּירא, א רײַכער ברייטביינערדיגער און הוסטנ־דיגער בעל־הלואה. גלעטנדיג זײַן געלע און פאַר־פּלאָנטערטע באָרד, האָט זיך חנינא איינזאַם אַרומגעדרייט אויף דעם וואָקזאַלפּלאַץ; די וואָקזאַללײַט האָבן אויף אים געקוקט פונדערווײַטנס און צוגעשמייכלט. ס'האָט זיך געמאַכט, אַז די חברה איז אויפגעלייגט געווען: מ'האָט דעמאָלט באַטראַכט אויף פּיוניאַקן דעם נײַעם שוואַרצן פּאַלטאָ און אים צו חנינאָן אונטערגעשיקט. האָט פּיוניאַק געפּאָלגט, אים אָפּגעשטעלט און געפרעגט:

»עפּעס האָט איר מיר, רב חנינא, אַפּנים, ווי איר לאָדט זיך בײַם »מיראָוואָי« און דער משפט דאַרף זײַן דעם זעכצנטן. וואָס איז די מעשה, אַ?«

דער עולם האָט ווילד הנאה געהאַט און געלאַכט. און דער הויכער וואָקזאַל האָט דעם געלעכטער גלײַכגילטיג אויסגעהערט און ווידער געדרימלט. חנינא האָט געוואָלט

עפּעס ענטפערן, זיך באַטראַכט אַז ס'איז ניט כּדאַי, גע־טאָן א הוסט און א סמאַרע מיטן נאָז. פון היסח־הדעת וועגן האָט ער פאַמעלאַך פון דער פאַלטאָקעשענע אַרויס־גענומען א פאַרשמאָציוועטס און צונויפגעלייגטס שטיקל פּאַפּיר, דאָס צוגעטראָגן צו זײַנע גרויסע און קורצ־זיכטיגע אויגן און דאָס באַשמעקט מיטן נאָז, גלײַכווי אָטדאָס שטיקל פּאַפּיר האָט עמיץ נאָרוואָס אויף א שפּיצל אַרײַנגעוואָרפן צו אים אין קעשענע, און ער אַליין וואָלט דערפאַר מורא געהאַט, ווי פאַר א מסוכנ־דיגער באָמבע.

אינמיטן פלאַץ, ווי א פאַרגעסענער און איבערגעלאָזטער, איז געשטאַנען ביינעש רובינשטיין, א מיטלוואוקסיגער און שוואַרצער יונגערמאַן מיט א קליינעם פאַרוואַקסענעם שטערן, טיפע שוואַרצע אויגן און א קליינע, שפּיציכיגע נאָז.

אַליין איז ער א למדן, א יחסן און א שטאַרק פרײַער. ניטלאַנג האָט ער חתונה געהאַט מיט דער צווייטער ווײַב און גענומען דאָס צווייטע מאָל נדן. זי, א קליינע, א גרינע, א אויפגעקומענעם גבירס א טאָכטער, און ער, א שטיק קמצן מיט נידעריג צוגעשוירענע באַקן און פאַר־בליבענע בית־המדרשטיפקײַט. ס'טוט אים באַנג אַלמאי סוחרים פאַרדינען און ער עסט גרייט געלט, ער האָט דערפאַר די סוחרים פײַנט, טראַכט פיל און בײַסט די נעגל. צײַטנווײַז גייט צו אים צו אַברהמטשיק קויפמאַן קלאַפּט אים פרײַנטליך אין די פּלייצעס און קוקט אים שמייכלענדיג אַרײַן אין זײַן פאַרמוחטן פּנים.

»ביינעש, שרײַט ער צו אים, אייך איז גוט«.

בײַ ביינעשן לײַכטן זיך און שמייכלען עטוואָס די טיפע און שוואַרצע אויגן. ער ווייסט ניט, צו ער זאָל זיך באַליידיגן, צו ניין, נאָר אַברהמטשיק האָט שוין

פּאַמעלאַך אַװעקגעשפּאַנט, די הענט אונטערן פּידזשאַק און דעם קאָפּ עטװאָס פאָרױס. ער האָט דעם זומער גוט פאַרדינט, אַװעקגעשלעפּט דערצו בײַם קאַרגן פּאָטער א היפּשע סומע און אָפּגעקױפט דעם רעזערװואַר, װאָס בײַם װאָקזאַל. אַלײן איז ער געװאָרן קרעפטיגער, דער פּנים לױטערער און דער שמײכל פוילער. ער באַגעגנט איציק־ברוכן, כאַפּט אים פאַר די הענט, שאָקלט אים. אַהין און צוריק און פרעגט קריצנדיג מיט די צײנער:

»נו, איציקל, באַדאַרף מען זיך מוטשען, אַ?«

אַמאָל האָבן זײ געלערנט אין אײן חדר. איציק פלעגט אים שטענדיג אָפּנאַרן, אױסשמירן זײַן פּנים מיט סאַזשע און צוקלעפּן צו די פּלײצעס א װײַסן פּאַפּיר מיט גרױסע און שװאַרצע אותיות: דוראַק. נאָכדעם איז איציק אַװעקגעפאָרן און געװאָרן אַן עקסטערן. ער האָט זיך לאַנג געװאַלגערט אין די גרױסע שטעט און דאָרטן לאַנג געלערנט. זײַן קלענערער ברודער איז שױן אַרײַן אין אוניװערזיטעט און ער האָט געלערנט. דער פּאָטער, א ליטװאַק פון די ערשטע קאָמיסיאָנערן, איז אַלט געװאָרן, און ער האָט נאָך אַלץ געלערנט. דער פּאָטער איז געשטאָרבן, האָט ער זיך צוליב דער מוטער געזעגנט מיט די גרױסע שטעט און אַראָפּגעקומען אױף דעם װאָקזאַל. די װאָקזאַללײַט האָבן פאַר אים דרך־ארץ דערפאַר, װאָס ער איז א נײַאָנגעקומענער, א הױכער, א געזונטער און טראָגט לאַנגע האָר, און אױך דערפאַר, װאָס ער איז אין די װײַטע שטעט א רעװאָלוציאָנער געװען און האָט מיט זײ װײניג שײַכות. אַברהמטשיקן שטופּט ער פון זיך אָפּ מיט א שמײכל און רױמט אים אײן אין אױער:

»ס׳אַרא רחמנות אױף דיר, אַברהמטשיק. אַזאַ געזונטער ביסטו, אַזאַ קרעפטיגער און — אַזאַ שוטה.«

אַברהמטשיק הערט רוהיג אויס, צעלאַכט זיך אויפן קול און באַלוינט אים ווידער מיט א פריַינטליכן קלאַפּ אין די פלייצעס.

## II

אין דעם זומער האָט אַברהמטשיק א שטוב געבויט.

געבויט האָט ער פּאַמעלאַך און פויל, ווי פּאַמעלאַך און פויל ס׳זיינען געווען זיַין פעטער מוח מיט די שמעלצע־דיגע סוחרישע געדאַנקען. דאָך איז שוין אין אָנהייב אלול לעבן רעזערוואואַר, אַביסל אָנאַזיַיט פונם וואָקזאַל, געשטאַנען א היפשע הויכע און איינגאָרנדיגע שטוב, געטראָגן אויף זיך מיט א מהיכי־תיתימינע דעם וויַיסן און פלאַטשיכיגן דאַך און ערנסט באַטראַכט די דורכ־פאָרנדיגע פורן, גליַיכווי אין איר פאָדערשטער וואַנט וואָלט ניט געווען קיין פיר לאַנגע און גלעזערנע פענסטער, נאָר גאָר פיר גרויסע און שטאַרק אָפענע אויגן. באָרוועסע פויערשע קינדער האָבן דאָ ניט וויַיט וויַיסע גענז אויף דעם גראָז געפּאַשעט, זיי פלעגן אָפטמאָל צו די אָפענע פענסטער צוגיין, באַטראַכטן די פינף געפּאַרבטע, גע־שפּאַלירטע און ליידיגע חדרים, און זיך צוהערן, ווי ס׳הילכן דאָרטן די שטיינדלאַך, וועלכע זיי וואַרפן בגנבה אַריַין. אויף דעם געשניצטן און ניט דערענדיגטן באַלקאָן איז ציַיטנווייַז געשטאַנען אַברהמטשיק אַליין, די הענט פאַרלייגט אונטערן פידזשאַק, דעם קאָפּ עטוואָס אָנ־געבייגן און שמייכלענדיג געווינקען צו די דורכפאָרנדיגע קאָמיסיאָנערן און סוחרים. די סוחרים האָבן ניט פאַר־גונען, דער באַלקאָן האָט זיך אָבער ביסלעכוויַיז גע־ענדיגט. דאַמאָלס האָט אַברהמטשיק געמאַכט א בחורשן חנוכת־הבית, און פונם נאָהענטן שטעטל זיינען אַראָפּ־געקומען געבעטענע און אומגעבעטענע געסט.

ענג איינגעזעצטע אין צוויי גרויסע, בעל־עגלהשע פאַעטאָנעס, ס׳רוב מיידלאַך מיט אָפּגעטראָגענע היטעלאַך, זיינען די געסט מיט א ליאַרעם און געפּילדער צוגעפאָרן צו דער נייַער און ליידיגער שטוב און געבליבן זיצן אין די פאַעטאָנעס.

זיי האָבן זיך געשעמט אַראָפּקריכן דערפאַר, וואָס דער בעל־הבית איז געווען א בחור און א ווילדפרעמדער. זיי האָבן דערפאַר געלאַכט, געווען שטאַרק רויט און זיך הינטנאַרום געקנייַפּט. דערנאָך האָבן זיי זיך אַוועק־געלאָזן אויפן וואָקזאַלפּלאַץ און אַרומשפּאַנענדיג, האַלב־שעמעוודיג, געגריזשעט וואָלוועלע, צוגעשימלטע קאָנפעקטן.

צווישן זיי איז א הויכע און געזונטע געגאַנגען אַברהמטשיקס שוועסטער, א מיידל פון א יאָר זיבעצן, און שטאַרק געמאַכט מיט אירע לאַנגע און אומגעוויינליך גרויסע הענט. איר פּנים איז געווען א מאַנסבילשער, דער גאַנג א מאַנסבילשער און די מאַנערן מאַנסבילשע. קוקנדיג אויף איר האָט זיך געדאַכט, אַז ווען זי איז נאָך א קינד געווען, האָט זיך עמיץ טועה געווען און פאַר־ביטן אירע מאַנסבילשע קליידער אויף ווייַבערשע, נאָר סוף־כל־סוף וועט מען זיך אַרומזעהן און זי וועט מוזן אפּשערן איר לאַנגן צאָפּ און צוריק אָנטאָן א פּידזשאַק מיט לאַנגע הויזן.

די קאָמיסיאָנערן האָבן געקוקט אויף די אומגעוויינליכע געסט, זיך געווערטלט און גערעדט ניבול־פּה, און ביינעש רובינשטיין איז א צעטראָגענער געשטאַנען אָנאַזייַט און פאַרטראַכטערהייט געביסן די נעגל. ס׳האָט אים פאַרדראָסן דאָס, וואָס אַברהמטשיק האָט אויף דעם וואָקזאַל אַראָפּ־געבראַכט אַזוי פיל מיידלאַך מיט געזונטע רויטע פּנימער.

ער האָט געפונען איציק ברויך, צו אים שמייכלענדיג א וואונק געטאָן און געפרעגט:

»ווי איז אייער מיינונג, איציק?«

ער האָט תּמיד ליב געהאַט צו ריידן טיף מיט האַלבע ווערטער און אָנהייבן פונדערמיט.

»אָטאָדי מיידעלע, האָט איציק אָנגעוויזן, האָט א שיינעם פּנים, א געזונטן און א רויטן«.

ער האָט זיך פאַרטראַכט און פאַמעלאַך געענדיגט:

»א שיינעם, נאָר א נאַרעשן«.

א יונגער קאָמיסיאָנער מיט א שטאַרק רויטן פּנים, ווי ביי א קצב, האָט די מיידלאַך אָפּגעשטעלט און מיט זיי א שמועס פאַרפירט. די מיידלאַך האָבן זיך פונאַנדער־געלאַכט, זיך פאַרשעמט און פונאַנדערגעלאָפן אין פאַר־שיידענע זייטן פונם גרויסן וואָקזאַלפּלאַץ.

»נו, איציק?« האָט רובינשטיין ווידער געפרעגט.

נאָר איציק האָט נאָך אַלץ געשוויגן. ער האָט פון אים קיין אויג ניט אַראָפּגענומען און אים באַטראַכט מיט דרך־ארץ: א הויכער און א קרעפטיגער, אָנגעקומענער פון א פרעמדער און ווייטער וועלט. און קיין זאַך באַרירט אים ניט...

»פאַרהאַן ביי אייך גוטע מידות«, האָט ער אים געלויבט. און נאָך א ווײַלע טראַכטן צוגעגעבן:

»איר האָט דאָך קיינעם ניט פייַנט, איציק?«

איציק האָט זיך אומגעקוקט און געענטפערט:

»כ'האָב פייַנט זויערן באָרשטש, נאַראָנים און מענשן, וועלכע ווייסן ניט, וואָס זיי ווילן«.

רובינשטיינס אָנגעבלאָזענע און נידעריג צוגעשוירענע באַקן זיינען מיטאַמאָל רויט געוואָרן. ער האָט זיך מאָדנע פאַרקרימט און א שמייכל געטאָן.

»עט, איציק«.

נאָר איציק איז שוין לעבן אים ניט געווען און רובינ־שטיין האָט פּלוצים דערפילט, אַז ער איז א קליין איינ־

זאַם באַשעפעניש, וואָס טרינקט זיך אין אים פון גיפטיגער שנאה, וואָס בשעת ער טרינקט זיך, וואַרגט אים עמיץ הינטנאַרום פאַרן האַלז, וואַרגט אים פּאַמעלאַך אָן מיט־לייד און אַלע טאָג שטאַרקער. און ער אַליין ווייסט ניט ווער ס׳וואַרגט אים און קיינמאָל וועט ער דאָס ניט וויסן, און ניט ווייסנדיג וועט ער אַמאָל ברוין און בלוי ווערן, אַרויסשטעקן אויך אַזאַ מין ברוינע און בלויע צונג און אַרויסלאָזן פון זיך די נשמה, אַזוי מיאוס און נאַריש, ווי מיאוס און נאַריש ער האָט זי צו זיך אַרייַנגענומען, ווי מיאוס און נאַריש ער האָט מיט איר די גאַנצע צייַט גע־לעבט.

ער האָט אָנגעהייבן מיט מער אימפּעט בייַסן די נעגל, געקוקט מיט שטאַרק פאַרקלערטע אויגן און געוואָלט אויפן קאָפּ צונויפרעכענען וויפיל געלט ער פאַרמאָגט. ס׳האָט זיך אים ניט ווילנדיג געקלערט וועגן די סוחרים, וועלכע זיינען אין דעם זומער רייַך געוואָרן, וועגן חיים־מענדל מאַרגוליס, פון וועלכן ס׳קומט אים היפש געלט און וועגן וואָס ער אַליין טוט גאָרניט, דרייט זיך אַרום אויף דעם וואָקזאַל און עסט גרייט געלט.

»א קבצן, האָט ער צו זיך אַליין א שמייכל געטאָן, א מלאכה צו ווערן א קבצן?«

איינזאַם האָט ער אַרומגעבלאָנדזשעט אויף דעם וואָקזאַל־פּלאַץ און פּאַמעלאַך צוגעשפּאַנט ביז דער צווייטער זייַט וואָקזאַל, וואו די קאָמיסיאָנערען און סוחרים האָבן זיך שוין אַרויפגעזעצט אויף די גרויסע, בעל־עגלהשע בריקעס און אָפּגעפאָרן אין נאָהענטן שטעטל אויף נאַכט־לעגער.

פון איין גרויסער ענג אָנגעזעצטער בריטשקע האָט פּיוו־ניאַק אַרויסגעשטעקט צו אים זייַן גרויסן קאָפּ און א גע־שריי געטאָן:

»נו, ביינעש, אַרויף, אַהיים, צום ווײַב«.

נאָר ער האָט זיך ניט גערירט און געטראַכט, אַז זײַן ווײַב איז א קליינע, א גרינע מיט א גראָבליכע, עטוואָס פאַרריסענע נאָז; אַז יעדעס מאָל, ווען זי דאַרף צו דער שפּײַזשאַפע האָבן, דראַפּעט זי זיך אויף א בענקל, פאַלט אַראָפּ און צעברעכט עפּעס; אַז זי איז עפּעס א משונהדיגע און א קראַנקע, וואָס וועט קיינמאָל מיט אים קיין קינדער ניט האָבן, און ער וועט דאַרפן תמיד קוקן אויף איר גרינעם פּנים, און פאַרריסענע נאָז; זעהן, ווי זי ברעכט טעלער און גלעזער.

ס'איז פאַרגאַנגען די זון. א גרויסע און שטאַרק רויטע האָט זי זיך נאָך איינמאָל באַוויזן אויף דעם עק פונם וואָלקנדיגן מערב, אָנגעצונדן די געלע בלעטלאַך, וואָס אויף די שפּיצן פון איינציגע אַקאַציענבוימער און זיך באַהאַלטן הינטער א ווײַטן און נאַקעטן באַרג.

»פאַני רובינשטיין, האָט זיך נאָך עמיץ צו אים גע־ווענדעט, איר בלײַבט אויפנאַכט דאָ?«

נאָר ער האָט ניט אָפּגעענטפערט און געקוקט א הין, וואו צווישן דרײַ בעל־עגלהשע פורן האָט זיך נאָך איינ־זאַם אַרומגעדרייט דער קליינינקער פיניע ליסאַק, א אָנ־געטאָנענער אין זײַן לאַנגן און שוואַרצן ראָק. ער האָט ניט געהאַט צו באַצאָלן פאַר דער פור, האָבן דערפאַר די בעלי־עגלות אויף אים ניט געקוקט און אים ניט גע־וואָלט נעמען. אלי דערבאַרעמדיגער האָט אים אַרויפ־גענומען אויף זײַן פור און אים געזעצט גלײַך מיט דעם אָנטרײַבער. דער אָנטרײַבער, א היפּשער פויערשער בחור מיט שוואַרצע הענט, ווי בײַ א שוסטער, איז דערפאַר ברוגז געוואָרן. ער האָט ליסאַקן הינטנאַרום געשטאָרצעט מיט אַן עלנבויגן, געקוקט אויף אים מיט בייזע אויגן און געקריצט מיט די ציינער. און ליסאַק איז געזעסן אַן איינ־

געהויקערטער, א שוויַיגעדיגער מיט א שוואַרצן, איבער־געשראָקענעם און שטאַרק דאַנקבאַרן פּנים·

ס׳איז אַוועקגעפאָרן די לעצטע פול אָנגעזעצטע פור· ער האָט געקוקט אויף די פריילּיכע פּנימער פון די, וואָס פאָרן צולעצט אַהיים; געזעהן, ווי דער בעל־עגלה וויל די אָפּגעפאָרענע פורן דעריאָגן און שמייַסט דערפאַר זייַנע מאָגערע פערד; ווי דאָס קילע פאַרנאַכטווינטל יאָגט זיך נאָך דער פור און פאַרטרייַבט דעם שטויב צום שטעטל צו·

פונם וואָקזאַל איז אַרויסגעגאַנגען דער הויכער און גלייַכער זשאַנדאַרם· נאָך אים האָט א שטאַרקן קלאַפּ געטאָן די טיר, גלייַך ווי דער וואָקזאַל וואָלט ניט באַ־שטאַנען פון חדרים און קאָרידאָרן, נאָר פון איין גרויסע און פּוסטע פּאַס· דערזעהענדיג רובינשטיינען אַן איינ־זאַמען און פאַרמוחטן האָט ער אים אַרומגעקוקט און געוואָלט עפּעס זאָגן· נאָר ער האָט זיך באַלד באַטראַכט, אַז ס׳פּאַסט ניט פאַר אים, און זיך מיטאַמאָל געלאָזט גיין אַהיים שטאָלץ און גרייט אויף אַלץ, גלייַכווי פון דעם גאַנצן ליידיגן פּלאַץ און הויכע, שאָקלענדיגע בוימער וואָלטן אויף אים אַרויסגעקוקט טויזנטער אָפענע אויגן פון זייַן נאַטשאַלסטוואָ·

קוקנדיג אַהין וואו די פורן דראַפּען זיך איינע נאָך דער צווייטער אויף דעם באַרג און ווערן איינגעזונקען אינם וואָלקנדיגן האָריזאָנט, האָט זיך ביינעש דערפילט מאָדנע איבערגעבליבן און פאַרגעסן· ער האָט געזעהן פאַר זיך דאָס אינם האָריזאָנט באַהאַלטענע שטעטל, גלייַכווי ער וואָלט איצט דאָרטן געשטאַנען, געזעהן ווי מען טרייַבט די טשערעדע איבער דער לאַנגער און שמאָלער גאַס, ווי ווייַבער זיצן אין די אָפענע טירן, וואַרטן אויף די פאָרנ־דיגע מאַנען און קלאָגן אויף דער פריהער אלולקעלט·

דאָרטן אין עק גאַס שטייט די שטוב זײַנע. זי איז אַרומגעצאַמט מיט א נידעריגן פּאַרקן, און אויף דער טיר הענגט א שלעסל. ווען ער קומט איצט אָן, וואָלט ער דאָס שלעסל א טאַפּ געטאָן, אַרײַנגעקוקט דורך דעם פּאַר־מאַכטן פענסטער אין דער פוסטער שטוב און זיך געלאָזט דאָס ווײַב זוכן. ער וואָלט זי געפונען בײַ איר פּאָטער. זי וואָלט זיך ניט דערפרייט און וואָלט ניט טרויעריגער געוואָרן און דאָס פּנים אירס וואָלט, ווי תמיד, מרה־שחורהדיג גרין געוועזן, נאָר די שוויגער וואָלט זיך אויפ־געהויבן און געזאָגט:

»זעה נאָר, ביינעש איז געקומען! גיי, טאָכטער, גיב אים טיי«.

און זיי וואָלטן געגאַנגען.

און ווײַט, ווײַט, פון יענער זײַט האָריזאָנט ליגט נאָך א שטעטל. ס׳שלינגט דאָס איין די נאַכט. אין יענעם שטעטל איז אויך א לאַנגע גאַס פאַרהאַן, נאָר א ברייטע איז זי און א קרומע.

דאָרטן אינמיטן גאַס שטייט זײַן פּאָטערס שטוב, אַן אַלטע און אַן אויסגעקרימטע מיט שטאַרק אויסגעקרימטע פענסטער. אין יענער שטוב איז ער געבוירן געוואָרן און אין דעם נאָהענטן אַלטן בית־המדרש זײַנע יונגע יאָרן פאַרבראַכט. זײַן פּאָטער זיצט איצט געוויס אין בית־המדרש און יידן האָבן פאַר אים דרך־ארץ, א יחסן, קלערען זיי, און א סך געלט האָט אַמאָל זײַן שווער געהאַט.

און ער שטייט דאָ, בײַם פוסטן וואָקזאַל. ער האָט ניט קיין היים, און אין יענעם שטוב, אויף וועלכן ס׳הענגט דאָס שלעסל, איז שטיל און פוסט, פוסט...

פונדעמאָלסטאָן איז ביינעש רובינשטיין שוין מער צו זיך אין שטעטל ניט געפאָרן· ניט ווייַט פונם וואָקזאַל האָט ער זיך ביי א פויער א חדר אָפּגעדונגען און דעם א נאָמען געגעבן »די היים«·

אויפצולהכעיס דער גרינער און משונהדיג קראַנקער ווייַב האָט ער דאָס געטאָן און אויפצולהכעיס נאָך עמיצן, א שטאַרק שלעכטן און פאַרמיאוסטן, וועגן וועלכן ער האָט טראַכטן ניט געוואָלט· אפשר איז דער עמיץ זייַן אָנגעבלאָזענע שוויגער געווען, וועלכע האָט געמוזט זייַן ווייַב אויף צו לעבן געבן· אָבער ניט דאָס ווייַב, ניט די אָנגעבלאָזענע און קאַרגע שוויגער האָבן ביי אים געפרעגט, פאַרוואָס ער וויל אַהיים ניט קומען; אַזוי קליין איז ער שוין ביי זיי אין די אויגן געווען און באַמערקט האָבן זיי אַפילו ניט, צו ער קומט אַהיים, צו ניין· ער האָט זיך דערפאַר נאָכמער פאַרעקשנט און ניט געשריבן קיין בריוו·

אויף דעם וואָקזאַל איז דאָס לעבן געקראָכן פאַמעלאַך און נודנע· אַלע גאַנצפריה זיינען זיך די סוחרים צונויפ־געפאָרן· נאָך דעם הונגער האָבן זיי אויף דעם וואָקזאַל קיין אַרבעט נישט געהאַט, זיך א גאַנצן טאָג געוואַרטלט מיט די מעקלערס, און באַגלייט מיט די אויגן די לאַנגע ברוגזע פאַסאַזשירצוגן· ער האָט מיט די סוחרים ווינציג שייכות געהאַט, דערפאַר וואָס זיי אַלע זיינען צופרידן געווען פון דעם, וואָס ער דערלייגט געלט און האָט א מיאוסע ווייַב· אַזעלכע שלעכטע און פאַרביסענע זיינען זיי געווען, און פאַרדינט האָבן זיי אַלע חוץ אים··· ער האָט זיי טאַקע דערפאַר שטאַרק פייַנט געהאַט און זיך געהאַלטן מיט זיי פונדערווייַטנס· דאָך איז יעדן פאַר־נאַכט· ווען די סוחרים זיינען זיך פונאַנדערגעפאָרן, אויף דעם וואָקזאַל נאָך פוסטער און אומעטיגער געוואָרן·

ער האָט דעמאָלסט איינזאַם אַרומגעבלאָנדזשעט אויף דעם לײדיגן פּלאַץ און זיך געפילט, ווי א באַליידיגטער און פאַרגעסענער. געטראַכט האָט זיך אים דעמאָלסט טרויעריג און ניט גוט: וועגן זײַן פּוסטער שטוב, וואָס שטייט דאָרטן איינזאַם צווישן די פרייליכע שטיבער פונם לעבעדיגן שטעטל, וועגן דעם שלעסל, וואָס הענגט דאָרטן אויף דער טיר און וועגן דעם, וואָס ער וועט זיך דאָ אייביג אַרומ־בלאָנקען אַן איינזאַמער, א טרויעריגער און א שוויַיגנדיגער. די וואָקזאַלדינער האָט ער זיך, ווי ס'האָט אויסגעוויזן, גיך צוגעגעסן. זיי האָבן אים אַפילו גאָרניט געזאָגט, נאָר דורכגייענדיג פאַרבײַ דעם בענקל, אויף וועלכן ער איז געזעסן, האָבן זיי אויף אים קורצע און בייזע בליקן געוואָרפן און ווי געפרעגט: וואָס וואַלגערט זיך נאָך אָט־דער דאָ?

אַפילו דעם טרעגער, וועלכער האָט יעדער פאַרנאַכט דעם לײדיגן פּלאַץ אָפּגעקערט, האָט ער זיך שוין אויך איינגעגעסן. דאַכט זיך, וואָס האָט ער געהאַט צו פאַר־קערן דעם שטויב גלײַך צו אים אין פּנים און צו קוקן אויף אים מיט בייזע אויגן? נאָר ס'האָט אים פאַרדראָסן: בלאָנקעט זיך א מענש גלאַט אַזוי אַרום, סוחרים פאָרן אַהיים אַוועק, צו ווײַב און קינדער פאָרן זיי, און דער וואַלגערט זיך ווי א הונט, צוליב וואָס? צוליב וועמען? פאַרנאַכטן זיינען ווי אויפצולהכעיס געגאַנגען קילע, וואָלקנדיגע, אלולדיגע. שטילע ווינטן האָבן מרה־שחורהדיג אַרומגעבלאָנדזשעט אינם טונקעלן אַויר און די הויכע גלײַכע טאָפּאָליעס, וועלכע זיינען אַנטקעגן אין סעדל אין צוויי שורות, ווי די סאָלדאַטן, געשטאַנען, האָבן זיך ניט גע־שאָקלט, נאָר די בלעטלאַך זייערע האָבן זיך אויף זייערע לינקע זײַטלאַך איבערגעקערט, זיך געטרייסלט און שטיל געדאַוונט.

אַמאָל פלעגט צום וואָקזאַל צולויפן אַברהמטשיק קויפ־מאַן· כאַפּן א קוק׳ צו מיט דעם משאצוג איז אים ברעטער מיט קעראָסין אָנגעקומען און באַלד לויפן צוריק צום רעזערוואואַר· ווען ס׳איז אינדרויסן פינסטער גע־וואָרן׳ האָט זיך געזעהן׳ ווי דאָרטן ווייַט לייַכט זיך אין זייַן שטיבל; און געהערט האָט זיך אין דער שטילקייַט און פוסטקייַט׳ ווי ס׳היט אים דאָרטן אָפּ זייַן אַלטער סטרוזש און קלאַפּט דאָרטן פּאַמעלאַך אינם דרימלדיגן הילצערנעם פּאַרקן·

אויף דעם עק פון דעם וואָקזאַלפּלאַץ פלעגט זיך אַמאָל באַווייַזן איציק ברוך און עמיצן שלעפּן ער זאָל זיך מיט אים צו דעם פלומפּ באָדן גיין; אַזאַ קרעפטיגער און אומ־פּאַרשטאַנדיגער איז דער קאַלטבלוטיגער בחור געווען׳ און געבאָדן האָט ער זיך נאָך אַקוראַט צוויי מאָל אין טאָג׳ כאָטש אין טייַך איז שוין דאָס וואַסער שטאַרק קאַלט גע־ווען און געשניטן דאָס לייַב ווי מיט מעסערס· זייַנע פּאַר־דינסטן האָט ער אַלעמאָל זייַן מוטער מיט די שטאָטבעלי־עגלות אָפּגעשיקט׳ אַליין געזעסן בייַם וואָקזאַל׳ זיך מיט קיינעם ניט אָנגעקערט און געהאַט אַלץ איין פּנים אי שבת אי וואָך· איינמאָל בייַנאַכט איז ביינעש צו אים אַרייַנגעגאַנגען און אים געטראָפן ליגנדיג אויף דער נידע־ריגער קאַנאַפּע מיטן פּנים צו דער סטעליע·

»ס׳איז אייך אומעטיג ?« האָט ער אים געפרעגט·

נאָר איציק האָט געענטפערט: »ניין« און ווידער געקוקט אויף דער סטעליע· ער איז בייַ אים דעמאָלט אָפּגעזעסן א פּאָר שעה און נאָכדעם אָנגעהייבן אַרייַנקומען צו אים אַלע אָוונט· איציק האָט ס׳רוב געשוויגן און געקוקט אויף דער סטעליע מיט גרויס אינטערעס׳ גלייַכווי ער וואָלט אין אירע טונקעלע ווינקלען געזעהן יענע גרויסע און ווייַטע שטעט׳ אין וועלכע ער האָט זייַן יוגנט איבער־

געלאָזט; ס'האָט אים ניט באַרירט וואָס די וואָקזאַלסוחרים פאַרדינען, און צופרידן איז ער ניט געווען דערפון, וואָס ער דערלייגט. טאַקע דערפאַר האָט ער זיך לעבן איציקן געפילט גרינג און פריי און איז גיך געוואוינט געוואָרן דערצו, וואָס ער האָט גערעדט און איציק האָט געשוויגן.

איינמאָל איז ער זיך ביי איציקן שפעט פאַרזעסן און געבליבן נעכטיגן. ער האָט זיך טאַקע דאָסמאָל אויס־דערציילט פאַר איציקן. נאָר איציק האָט, ווי געוויינליך, געשוויגן און א פנים געהאַט, ווי מען רעדט ניט צו אים; די לאָמפּ איז געווען אַרומגענומען מיט א רויטן פּאַפּיר, דערפאַר זיינען אין חדר רויט געווען דער אויר, די ווענט, דער טיש מיטן זודיגן סאַמאָוואַר און אָנגעגאָסענע גלעזער טיי און איציק אַליין, וועלכער איז, ווי תּמיד, געלעגן אויף דער נידעריגער קאַנאַפּע די הענט אונטערן קאָפּ און די אויגן צו דער סטעליע. אַזוי שטיל איז אין חדר געווען, אַזוי אָנגענעם, וואָס אין נאָהענטן קאָרידאָר קוויטשעט אינדערפינסטער א קליינער חזיר און וואָס אין דער צווייטער העלפט פון דער שטוב שרייט דער גויאישער בעל־הבית און קריגט זיך דאָרטן מיט זיין יונגע און שיינע ווייב. דאָך האָט צווישן דער שטילקייט און רוהיגקייט שטאַרק געגאָגט דאָס האַרץ, זיך געפּרעסט און וויי געטאָן. ביינעש רובינשטיין האָט שוין גערעדט שטיל און אין זיין אַראָפּגעלאָזטן קול האָט זיך געהערט אַן איינגעהאַלטענע קלאָג:

»איר פאַרשטייט, איציק! מען שטעלט אייך אַנידער און מען זאָגט אייך: נאַ, קוק און ווער צעזעצט. די זאַך איז פּשוט«.

אויף זיין פנים איז פאַרקילט געווען א פאַרדראָס, א פאַרדראָס אויף זיין ווייב, א פאַרדראָס אויף די סוחרים,

וועלכע פאַרדינען, א פאַרדראָס אויף דעם גאַנצן לעבן, וועלכעס פירט זיך ניט אַזוי ווי ס׳דאַרף צו זײַן און טוט אַלץ אויפצולהכעיס. די טיפע און קליינע אויגן האָבן געלויכטן און אויסגעזעהן באַליידיגט און הילפלאָז.

»אומעטום זעהסטו א זעלכע דברים־אחרים, ווי אַברהמטשיק קויפמאַן, און ס׳איז זיי גוט און זיי שמייכלען«.

נאָר איציק האָט זיך פלוצים אויסגעצויגן מיט זײַן גאַנצער קרעפטיגער לענג, געטאָן א גענעץ אויפן קול און אויסגעצויגן צו אים א פאָר פאַרמאַכטע און קרעפ־טיגע הענט.

»מ׳זאָגט, רובינשטיין, אַז די ערשטע ווײַב אייערע איז געווען א שיינע און א קלוגע«.

בײַ רובינשטיינען האָבן די קליינע אויגן שטאַרקער צו לײַכטן אָנגעהייבן. ער האָט געוואָלט זאָגן: און הײַנט לעב איך מיט אַזאַ מיאוסער און נאַרעשער; ער האָט זיך אָבער איינגעהאַלטן און געשוויגן.

ס׳איז אַרײַנגעקומען דעם בעל־הביתס שיינע און יונגע ווײַב. זי האָט צוגעשטעלט בענקלאַך צו דער קאַנאַפּע און מיט אירע פולע, האַלבנאַקעטע הענט געמאַכט א געלעגער. ער האָט זיך האַלב אויסגעטאָן און זיך גע־לייגט בײַ דער וואַנט. נאָכדעם האָט איציק פאַרלאָשן די לאָמפּ, זיך אויסגעצויגן לעבן אים און באַלד אַנט־שלאָפן געוואָרן. דער קליינער חזיר האָט זיך פאַרשטופּט אין טיפן ווינקל פון דעם פינסטערן קאָרידאָר, זיך דאָרטן צונויפגעקנייטשט און אויפגעהערט צו קוויטשען. מיט־אַמאָל איז געוואָרן שטיל און פוסט, און דורך די נידע־ריגע, האַלבפאַרהאַנגענע פענסטער האָט אַרײַנגעקוקט די שוואַרצע, וואָלקנדיגע און קילע אלולנאַכט, זיך געצויגן ווײַט ווײַט און געדרימלט. פון יענער זײַט איז דורכ־

געגאַנגען דער אָנגעפּעלצטער בעל־הבית מיטן לאַמטערן אונטערן אָרעם און פּאַמעלאַך אַוועקגעשפּאַנט ערגעץ אויף דער דריטער וויאָרסט, וואו ער האָט איינער אַליין באַדאַרפט אָפּשטיין די גאַנצע נאַכט. מ׳האָט נאָך לאַנג געזעהן ווי בײַם אַוועקגייענדיגן ציטערט דער לאַמטערן אונטערן אָרעם, בייגט זיך און פינקלט, ווי א גרויסע רויטע און פײַערדיגע אויג, וואָס קאָן ערגעץ אַוועקגיין, זיך ערגעץ באַהאַלטן, אָבער קיינמאָל ניט אויסגעלאָשן ווערן. ס׳האָט ווידער געגנאָגט דאָס האַרץ און דער מוח האָט געטראַכט וועגן דאָס ערשטע געשטאָרבענע ווײַב. אַזאַ שיינע איז זי געווען, א שטילע און א ווייכע מיט אויך אַזעלכע שטילע און ווייכע געפילן, און ליב געהאַט האָט זי אים, דעם שוואַרצן און ניט שיינעם, מיט די נידעריג צוגעשוירענע באַקן און אָפּגעביסענע נעגל. ער האָט זי, ווי ס׳האָט אויסגעזעהן, שטאַרק ליב געהאַט. וואָרעם ווען ער זאָל זי ניט געווען ליב האָבן, וואָלט ער זיך, בשעת זי איז געשטאָרבן, ניט געווען אַזוי שטאַרק איבערגעשראָקן, וואָלט ניט געווען אַרויסגעלאָפן אויף דער גאַס, ווי א חסר־דעה און וואָלט דאָרטן ניט געווען אָפּגעשריגן גאַנצע צוויי שעה »גוואַלד«, אַזוי אַז אַלע ווײַבער זאָלן זיך צונויפלויפן. א מענש שרײַט ניט אומזיסט און איבערהויפּט ער, ביינעש רובינשטיין. דאָך איז ער באַלד נאָך איר טויט צו זײַן פאָטער געקומען, צעריסן איר שיינעם בילד, וואָס זי האָט אים נאָך כלהוויַיז געשענקט, און די שטיקלאַך פאַרשטופּט ערגעץ הינטער א פּלאַט פון א טיש, און אין פיר חדשים אַרום האָט ער מיט דער צווייטער ווײַב חתונה געהאַט און גענומען דאָס צווייטע מאָל נדן. ווען ער איז מיט איר אין א פּאָר חדשים אַרום צום פאָטער צוגאַסט געקומען, האָט די מוטער, א קלוגע און לײַטישע יידענע, איר כבוד

אָפּגעגעבן, ווי אַן אָנגעלייגטער שנור, נאָר זײַן קלענערע שוועסטער, א געזונטע קליינשטעטלדיגע מיידל מיט א בראָדעווקע אונטערן נאָז, האָט זיך איינמאָל צעוויינט אויפן קול און געקלאָגט ווי אויף א מת:

»אוי, אויסגעביטן האָסטו!«

און זי, די נײַע אויסגעביטענע איז דעמאָלסט געווען אין צווייטן חדר, אַלץ אויסגעהערט און אַפילו ברוגז ניט געוואָרן. אַזאַ הילצערנע און לעבעדיג־טויטע איז זי געווען. איינמאָל ווען מ׳האָט דעם טיש איבערגעטראָגן, זיינען די שטיקלאַך פון דעם צעריסענעם בילד אַרויס־געפאַלן. דאָס ווײַב האָט זיי אויפגעהויבן און זיי באַ־טראַכט, אויף איין שטיקל איז געווען נאָר איין אויג, וואָס האָט געקוקט רוהיג און אָהן שום פאָרוואורף.

»פון וועמעס בילד איז דאָס?« האָט זי אים געפרעגט.

ער איז דעמאָלסט שטאַרק רויט געוואָרן און אין האַלז האָט אים עפּעס מאָדנע געוואָרגן, נאָר ענטפערן האָט ער געמוזט, אָבער אויף זײַן ווײַב האָט זײַן ענטפער קיין שום איינדרוק ניט געמאַכט, און אים האָט דערפאַר אויך שטאַרק פאַרדראָסן אויף איר; ער האָט געוואָלט, אַז די שוועסטער זאָל זיך פאַר איר אין די אויגן נאָכאַמאָל צעכליפּען: »אויסגעביטן, אויסגעביטן האָסטו«.

ווען ער האָט שוין אָנגעהייבן דרימלען, האָט פּלוצים עמיץ אָנגעהייבן קלאַפּן אין א פענסטער פון דער צווייטער האַלבער שטוב. ער האָט א ציטער געטאָן און אויפגעעפנט די פאַרשלאָפענע אויגן. שטילע קלעפּ האָבן זיך דאָרטן פּאַמעלאַך געשאָטן אויף א דינער, גלעזערנער שויב. די שויב האָט געציטערט מיט א שלעפערדיגן קול און עפּעס קאַלטבלוטיג אויסדערציילט דער נאַכט, און די נאַכט האָט געשוויגן און געהערט. נאָכדעם האָט זיך גע־הערט, ווי מען עפנט פּאַמעלאַך די טיר פונם פינסטערן

פּאָרהויז און מען סודעט זיך דאָרטן שטיל דורך, ווי עמיץ גייט פונם קאָרידאָר אַרויס און גייט באַלד צוריק אַרײַן.

»אָט א שד!« האָט א מורמל געטאָן פונם שלאָף איציק, זיך דורכגעוואָרפן און אים עטוואָס צוגעקוועטשט צו דער וואַנט.

»ווער?« האָט ער בײַ איציקן געפרעגט.

»אַברהמטשיק« האָט ווי פונם שלאָף איציק געענטפערט, »אַלע נאַכט...« און באַלד איז ער שוין געשלאָפן, און אין חדר האָט זיך שוין געהערט, ווי ער עטעמט גלײַך און פעסט.

»אַברהמטשיק?« ביינעש רובינשטיין האָט זיך ניט געגלויבט און זײַנע טיפע און קליינע אויגן האָבן אינדערפינסטער געלויכטן מיט א שמייכל פון ערשטוינונג. שפּעטער, ווען ס׳איז פאַר אים קלאָר געוואָרן, אַז אין דער צווייטער פינסטערער האַלבער זײַט שטוב איז איצט פאַרהאַן אַברהמטשיק מיט יענער יונגער און שיינער גויע, וועלכע האָט זיך דאָ ניט לאַנג אַרומגעדרייט און צוגעשטעלט בענקלאַך מיט פולע האַלבנאַקעטע הענט, האָט ער שוין געטראַכט, אַז דערזעלביגער פעטער און תמיד שמייכלענדיגער אַברהמטשיק האָט געלט, א רעזערוואואַר, א נײַע שטוב מיט נײַע מעבל.

»א חזיר האָט דאָס אביסל פון עולם־הזה הנאה. ניט אומזיסט שמייכלט ער«.

ער האָט אים ניט מקנא געווען, נאָר ס׳האָט אים גלאַט אַזוי פאַרדראָסן און ער האָט ליגנדיג אין בעט געביסן די נעגל.

»פאַרוואָס קומט דאָס אים?«

און גאַנץ פריה, ווען ער האָט איציקן בײַם וואָקזאַל באַגעגנט, האָט ער אים אָפּגעשטעלט און געזאָגט:

»אָט וועט איר זעהן: אַברהמטשיק וועט נאָך האָבן א שיינע ווײַב אויך«. איציק האָט צום אָנהייב ניט פאַר־שטאַנען וועגן וואָס ס׳גייט. ער האָט זיך אָבער באַלד דערמאָנט און גלאַט אַזוי אויסגעשפּיגן.

### III

פּיניע ליסאַק האָט זיך איינגעהויקערט, אַרומגעקוקט צו ס׳קוקט אים קיין מענש ניט נאָך און שטילערהייט זײַנע ביינער פון וואָקזאַל אָפּגעטראָגן. אויף דעם וואָקזאַל איז ער שוין סײַוויסײַ איבעריג געוועזן און געערעדט האָט ער שוין נישט מיט קיינעם און מורא געהאַט האָט ער שוין פאַר יעדערן. א שטיק צײַט האָבן די סוחרים טאַקע זײַן פליטה ניט באַמערקט; מען האָט זיך אָבער צום סוף אומ־געקוקט און זיך געוואונדערט:

»הערט א מעשה?!«

»איך זעה אים שוין אָבער טאַקע א שטיק צײַט ניט« האָט זיך דאָסמאָל צום עולם צוגעשאַרט לוי פּיוניאַק און געגעבן צו וויסן:

»וואָס, פּיניע ליסאַק?« ער גייט אַרום אין די הײַזער. א מזיק, אָטדער איינגעהויקערטער פּיוניאַק; קיין זאַך איז פון זײַנע אויגן נישט צוגעדעקט. און א מינע א פאַרוואונדערטע באַווײַזט ער נאָך דערצו, גלײַכווי ער וואָלט וועלן זאָגן:

»א בושה כלעבן, אַזאַ נאַרעשקײַט ניט צו וויסן«.

און אַז דער נאַאיווער עולם האָט זיך נאָך אַלץ ניט גע־גלויבט, האָט ער קאַלטבלוטיג די הענט אין די אַרבל אַרײַנגעשטעקט, דעם קאָפּ פּאַמעלאַך אויף דער ברוסט אַראָפּגעלאָזט און, ניט קוקנדיג אויף קיינעם, אויפן קול אויסגעשריען:

»נחום פּיאַטקע! וואו ביזטו ערגעץ?«

האָט זיך צוגערוקט א רויטער יונגערמאַן מיט א רויטן קלײַיענדיגן פנים מיט א פאַרבונדענער באַק און שטאַרק בלאַסע ליפן און עדות געזאָגט:

»מײַן שוויגער אַליין האָט אים אין אָדעס געזעהן; ער גייט אַרום אויף דעם לימאַן און זאָגט, אַז ער איז פון די קאַליבעלאָדער נשרפים«.

דערמאָנט, האָט פיווניאַק גלאַט אַזוי א הוסט געטאָן און ניט אויפהייבנדיג דעם קאָפּ, פאַמעלאַך אַוועגעשפאַנט.

און די סוחרים זיינען נאָך פאַרוואונדערטע געווען און מיט עטוואָס שמייכלענדיגע פנימער זיך געקוקט אין די אויגן.

זיי האָבן שוין געגלויבט, געשוויגן און געקלערט וועגן ליסאַקס שוואַרצן און איבערגעשראָקענעם פנים, וואָס בלאָנקעט ערגעץ אַרום, ווײַט, ווײַט הינטער די פלייצעס, און פאַרקרימט זיך פאַר אָפּגעברענטע ווײַבער, וואָס שמירן זיך אַלע טאָג דאָס לײַב מיט בלאָטע:

»פון די קאַליבעלאָדער נשרפים«.

און לעבן זיי איז נאָך געשטאַנען דער רויטער יונגערמאַן מיטן קלײַענדיגן פנים און שטאַרק בלאַסע ליפן און זיך ערנסט געשוואָרן:

»זאָל איך אַזוי א גוט יאָר האָבן«.

ס'איז געווען מאָדנע אויף דער נשמה.

אין א פאָר וואָכן אַרום, ווען די צוגן זיינען איינמאָל אָפּגעגאַנגען און אויפן וואָקזאַל האָט שוין דער עולם אָנגעהייבן קלענער ווערן, האָבן די סוחרים באַמערקט ליסאַקס ווײַב. א שוואַנגערע און א גראָבע מיט גלאַטע געלע האָר און אויך אַזאַ גלאַטן און געלבליכן פנים איז זי געשטאַנען מיטן פנים צו דער וואַנט און שטיל, אָן א קול און אָן לשון געוויינט. די סוחרים האָבן זיך אַרומגעדרייט פונוויַיטנס, געכאַפּט א קוק אויף אירע פלייצעס,

וואָס האָבן געציטערט׳ און זיך דערמאָנט׳ אַז ניט לאַנג האָבן אירע האָר מיט פּאַרפום געשמעקט און אַליין איז זי געזעסן מיט ליסאַקן אין קליינעם קאַבינעט און זיך אין מסחר געמישט׳ זיי זיינען טאַקע גערירט געוואָרן און איר געמאַכט א נדבה׳ צונויפגענומען די נדבה האָט אלי דערבאַרעמדיגער אַליין; ער האָט צו יעדן געשמייכלט מיט זייַנע גוטע אויגן און צוגעאַנגען מיט זייַן דינעם׳ ווייַבערשן קול:

»אויף אַזאַ זאַך דאַרף מען צומאַכן די אויגן און געבן«׳ און סוחרים האָבן רחמים באַקומען און געגעבן׳

ווען מען איז נאָכדעם אויך צו ביינעש רובינשטיין צו־געגאַנגען׳ האָט פּיוניאַק אַרייַנגערוקט די נאָז און צו־געמורמעלט:

»גיט׳ גיט׳ אי״ה בייַ אייך׳ וועלן מיר אויך געבן«׳

דער עולם האָט הנאה געהאַט און געלאַכט׳ און בייַ ביינעשן האָבן די טיפע אויגן א ציטער געטאָן און מיט־אַמאָל צו לייַכטן אָנגעהייבן׳

דאַכט זיך׳ וואָס האָט צו אים אָטדי ברייטביינערדיגע און איינגעהויקערטע בריאה׳ ער האָט אים קיינמאָל קיין שלעכטס נישט געטאָן׳ ער איז דערפאַר אויף אַלע סוחרים אינכַעס געווען׳ אָנגעוויזן אויף ליסאַקס ווייַב און אים מודיע געווען:

»אָטדעם ווייַבלס מאַן האָבן זיי פּאַר א קבצן געמאַכט׳ אים האָבן זיי קיין אָדעס נדבות בעטן משלח געווען און איר מאַכן זיי דאָ א נדבה«׳ ער האָט זיך מיט באַליידיגטע אויגן אויף די סוחרים אומגעקוקט און אויף שטומלָשון געפרעגט בייַ העכטן:

»גוט אַזוי׳ אַ?«

העכט האָט געקוקט אויף דעם כליפּעדיגן ווייַבל מיט זייַן אונטערגעהייבענעם פּנים׳ היפּשער נאָז און צענומענע

נאָזלעכער, וואָס זיינען בײַ אים תּמיד צענומען געווען און דער פנים תּמיד אונטערגעהייבן גלײַך, ווי עמיץ וואָלט אים מיט גרויס ליבע האַלטן פאַר זײַן שוואַרצע און נאָר־וואָס שפּראָצנדע בערדל און וואָלט בײַ אים מיט ליבע פרעגן:

»זאָג זשע נאָר, מײַן קינד: וואָס האָסטו הײַנט אין חדר געלערנט?« ניט לאַנג איז ער פון טשערניגאָווער גובערניע א פאַרטיע קלײַען קויפן אַראָפּגעקומען. ער האָט מיט סוחרים קיין גרויסע אינטערעסן ניט געהאַט, האָבן זיי אים א נאָמען געגעבן »דער יום־טובדיגער«.

אפשר האָבן זיי אים דעם נאָמען געגעבן דערפאַר, וואָס ער האָט תּמיד א שוואַרצן און נײַעם סורדוט געטראָגן און גערעדט מיט גרויסע הפסקות און מיט א ניגון פון פרק, ווי אַן ערליכער ייד אום שבת, און אפשר גאָר דערפאַר, וואָס זײַן טונקעלער פנים איז זעלבסט יום־טובדיג געווען און מיט עפּעס וואָס, ווי זײַדנס, גלאַטעס געווען באַצויגן.

א מאָדנער נפש איז דער העכט געווען. ער האָט פײַנט געהאַט האַנדל און סוחרים מיט אַלע איידעלע געפילן פון זײַן האַרצן און אַליין א סוחר געווען.

געהאַט ערגעץ א ווײַבעלע אין טשערניגאָווער גובערניע, א קליינינקע און א שיינינקע.

זי האָט אים געשריבן, אַז זי האָט אים ליב און ער האָט איר געענטפערט, אַז קלײַען »האַלט א מקח«.

---

פון די בוימער זיינען געפאַלן האַלבגעלע, האַלבפאַר־טריקנטע בלעטלאַך. פאַלנדיג האָבן זיי זיך נאָך עטליכע מאָל אין אויר איבערגעקערט, פאַמעלאַך אַרומגעשוועבט אין אַלע זײַטן פון דער נאָהענטער לופט און סוף־כל־סוף ליגן געבליבן אויף דעם וואָקזאַלפלאַץ, געפאַלענע און דערשלאָגנדיג־פרעגנדיגע:

»איז אָטדאָס, הייסט עס, דער סוף?«

ס׳האָט זיי געענטפערט א קער פון א בעזעם מיט א בלאָז פון דעם קילן, חושכדיגן בין־השמשותווינט. זיי האָבן זיך אַוועקגעקײַקלט ערגעץ ווײַט איבער די רעלסן, געפלויגן פון איין אָרט אויף דעם צווייטן, און פון די האַלבנאַקעטע בוימער זיינען אויף דעם וואָקזאַלפּלאַץ געפאַלן נייע בלעטער, און אויך אַזעלכע האַלבגעלע און האַלבפאַרטריקנטע, טרויעריגע פאַרנאַכטן האָבן זיך בײַם וואָקזאַל אָנגעהייבן. די ברואים האָבן זיך כלומרשט גע־שעמט אויסזאָגן, אַז זיי האָבן פאַר די פאַרנאַכטן מורא, און דאָך זיינען זיי זיך אַלע פאַר פחד פונם וואָקזאַל פונאַנדערגעלאָפן, זיך אַרײַנגעכאַפּט אין באַלויכטענע, וואַרעמע שטיבעלאַך און איבערגעלאָזט ביינעש רובינ־שטיין איינעם אַליין.

זיי האָבן זיך דאָרטן רוהיג געטרונקען טיי, פאַמעלאַך געשמייכלט צו די שטובמענשן, געהאַלטן א קינד אויף די הענט, דערצו געצמאָקעט, גערעדט, כדי דעם טרויער פון יענער זײַט באַלויכטענעם פענסטער צו פאַרטרײַבן, האָט זיך דער טרויער פון דאָרטן צום וואָקזאַל פאַרקליבן און דאָ פאַרשפרייט זײַן מרה־שחורהדיגע שליטה. צוזאַמען מיט דער גלײַכער רעלסנשנור און הויכע סלופּעס פון טעלעגראַף האָט ער זיך אַלץ העכער און העכער אויף דער ערד געדראַפּעט און צוזאַמען מיט זיי שטעקן גע־בליבן אינם ווײַטן עק הימל, וואָס אין האָריזאָנט. די רעלסן מיט די סלופּעס האָט לאַנגזאַם איינגעשלונגען די אָנקומענדיגע נאַכט. און דער טרויער האָט פון זיך די לעבעדיגע נאָך א זכר געלאָזט, א לאַנגע שורה פון רויטע לאַמטערנעס, וואָס האָבן געציטערט און זיך געבוקט אַהין, פונוואַנען ס׳איז געקראָכן די נאַכט. לאַנגע משאצוגן זיינען בײַם וואָקזאַל געשטאַנען, שווערע זיינען זיי גע־

ווען און אויף עמיצן ברוגזע. זיי האָבן זיך פאַמעלאַך און שווער צוריקגערוקט, דערהערט א פייַף פון אַן אָנ־געפּעלצטן און שלאָפנדיגן קאָנדוקטאָר, און ווידער שטיין געבליבן ברוגזע און שווייַגנדיגע. האָט ביינעש רובינ־שטיין אויף די משאצוגן געקוקט און געקלערט:

»אָנגעפּאַקטע וואַגאָנעס, פון וועלכע סוחרים האָבן הנאה געהאַט, וואַגאָנעס מיט ברעטער און האָלצוואַרג פון אַברהמטשיקס וועגן און פונוועגן פיל אַנדערע זאַטע אַברהמטשיקס, וואָס געפינען זיך אויף ווייַטע, אומעטיגע און האַלבשלאָפנדיגע וואָקזאַלן. מענשן האָבן פונם לעבן הנאה«.

און לעבן אים, אויפן ליידיגן וואָקזאַלפּלאַץ האָבן נאָך אַרומגעשפּאַנט ישראל־זאַזאָלי, א רויטער אָנגעשטאָפּט־רייַכער דאָרפסאידל און ניט ווייַט פון אים, דער איינציגער פאַרשפּעטיגטער וואָקזאַלגימנאַזיסט. זאַזאָלי האָט פאַר־טראַכטערהייט גערעדט מיט זיך, ווי מיט א זייַטיגן, און זיך אַליין אָפּט מכבד געווען מיט א וואַרעמען »רוח אין טאַטן«. און דער גימנאַזיסט האָט נאָך אַלץ הארציג געטענהט מיט דעם שיינעם מיידל, וואָס האָט אויף דעם וואָקזאַל ביכער און בלעטער פאַרקויפט.- אפשר האָט ער איר דאָס דערציילט, פאַרוואָס ער איז ביז אַזאַ שפּעטער צייַט אויף דעם וואָקזאַל געבליבן און איר געוואָלט איינריידן, אַז זי מעג אים ליב האָבן, ניט קוקנדיג אויף זייַן פאַרריסענע נאָז, אומגעלומפּערטע הייך און גרויסע, גלעזערנע אויגן. ס'איז געווען אומעטיג צו הערן.

האָט ביינעש געפּרובט אין א ביכל אַרייַנקוקן, איז נאָך אומעטיגער געוואָרן. אַמאָל האָט ער געקאָנט גאַנצע טעג אַרייַנקוקן און לערנען, און היינט...

עפנט ער נאָר א ביכל אויף, אַזוי דערמאָנט ער זיך אָן די יינגלשע יאָרן, אָן דעם, וואָס זייַן ערשטע ווייַב

האָט ליב געהאַט אָנצושפּאַרן איר קאָפּ אויף זײַן אַקסל׳ פאַרמאַכן די אויגן און שווײַגן׳ שווײַגן··· און אַלץ קריכט׳ קריכט צו׳ ביז דער נײַער משונהדיג קראַנקער ווײַב מיט דער גראָבער שוויגער· ס׳דוכט זיך׳ אַז זי רעדט דאָ גאָר נאָהענט מיט איר פאַלשן קול:

»זעה נאָר: ביינעש איז געקומען? גיי׳ טאָכטער׳ גיב אים טיי·«

וויל ער אויפצולהכעיס וועגן זיי ניט טראַכטן און שפּאַנט פאַמעלאַך אַוועק צו מאיר העכט·

מאיר העכט האָט אויך אַמאָל פיל געלערנט און געלייענט און היינט רויכערט ער פּאַפּיראָסן און טראַכט·

»דאָס לעבן׳ זאָגט ער׳ איז מער אינטערעסאַנט פאַר יעדן בוך«· און דאָס פּנים זײַנס׳ דאָס טונקלזײַדנס און אונטערגעהייבנס איז דעמאָלסט אַזוי ערנסט און שטאָלץ און די אויגן זײַנע זיינען דעמאָלסט גרויס׳ שטאַרק גרויס·

און א וואונדערליכע און אַלטע מעשה דערציילט ער דעמאָלסט׳ א מעשה מיט א פּויפּס׳ וועלכער האָט אויף דער נאַטור אָנגעוויזן און געזאָגט:

»אָטדאָס זיינען מײַנע ביכער«·

האָט זיך ביינעש איינמאָל דערמאָנט אָן זײַן אייגענעם לעבן: אַן אָרעם׳ א שוואַרץ לעבן· און פאַר א האַלבן קבצן האָט דאָס אים שוין געמאַכט׳ און מענשן וועלן שוין באַלד חוזק מאַכן פון אים· ער האָט אביטערן שמייכל געטאָן:

»נו׳ און מײַן לעבן׳ אַ?«

זיינען בײַ מאיר העכט די אויגן נאָך גרעסער געוואָרן און נאָכמער גלאַנצן אָנגעהייבן:

»און אייער לעבן׳ האָט ער׳ רויכערנדיג דעם פּאַפּיראָס׳ צו אים מיטן קאָפּ געשאָקלט׳ און יעדן מענשנס לעבן׳ האַ האַ···« גוט איז געווען אַזוי צו קלערן אים׳ העכטן·

געלט האָט ער נישקשהדיג פאַרדינט און א ווײַבעלע האָט ער געהאַט א לעבעדיגע, א קליינינקע און א שײנינקע. ווען זי איז צו אים איינמאָל אויף עטליכע טעג אַראָפּ־געקומען, האָט זי צו אים די גאַנצע צײַט געשמייכלט מיט אירע בלויע און פריילינע אויגעלאַך און געשפּילט מיט אים אין „פּאַטשערלאַך". ער האָט יעדעס מאָל אירע קליינע אויפגעבלאָזענע הענטלאַך אָנגעפּאַטשט אַזוי שטאַרק, אַז זיי זיינען העלישרויט געוואָרן און זי האָט אַוועקלויפנדיג פון אים, געשריען:

„גיי, כ'האָב דיך שוין פיינט!"

זי האָט מיט אים אויך אַלע אָוונט בײַם וואָקזאַל אַרום־געשפּאַצירט, אַרײַנגעקוקט מיט קוועלנדיגע אויגן אין זײַן טונקלזײַדענעם פּנים, און אים ·אַלץ דערציילט וואונדער־ליכע און מאָדנע פריילינע מעשהלאַך, וואָס האָבן זיך אָפּגעטאָן אַלץ דאָרטן, אין טשערניגאָווער גובערניע.

חברה האָבן פון איר קיין אויג ניט אַראָפּגענומען און זיך פּאַר קנאה געווערטלט:

„א קליינס און א שיינס..."

„אַ?!..."

און אַברהמטשיק איז דאַמאָלס אַלעטאָג אין זײַן נײַעם קאָסטיום צום וואָקזאַל געקומען.

פיוניאַק האָט אים אַפילו איינמאָל אָפּגעשטעלט און אויסגעשריען אינדערהייך:

„גוט יום־טוב אייך, רב אַברהמטשיק!"

האָט ער צו פיוניאַקן מיט זײַן זאַטן און פוילן שמייכל געקוקט און אָנגעוויזן אויף העכטס ווײַבל.

„ווילסט אויך אַזעלכע?" האָבן צו אים פיוניאַקס ווערטל־דיגע אויגן געוואונקען.

און אים, ביינעשן, האָט זיך שטאַרק געוואָלט צוגיין צו אַברהמטשיקן און זאָגן:

»העכטן קומט אַזאַ ווײַבל׳ פּאַרשטייסט? ער איז א יונגערמאַן מיט מעלות׳ אָבער דו׳ גראָבער חזיר...«

ער האָט זיך אָבער באַלד דערמאָנט אָן אַברהמטשיקס טרפהנע הצלחה און אָנגעהייבן צו בײַסן די נעגל.

ס׳איז שוין פאַר אים אַלץ קלאָר געוועזן.

אַלע וועלן לעבן גליקליך און שיין און נאָר ער...

ער האָט אין נאָהענטן שטעטל א שטוב׳ אויף דער טיר פון וועלכער ס׳הענגט א שלעסל. ער האָט דאָרטן אויך א משונהדיג קראַנקע ווײַב׳ וואָס שרײַבט׳ אַז זי איז אי געזונט אי ניט געזונט׳ אַז ניט לאַנג איז זי פון עפּעס אַראָפּגעפאַלן׳ זיך געטאָן א שטאַרקן קלאַפּ און צעבראָכן די גרויסע פּאָרצעלײַענע וואַזע. און די געשעפטן זײַנע... די געשעפטן?!

---

ס׳האָט זיך געצויגן דער לאַנגזאַמער האַרבסט. קורצע און טונקעלע טעג אָהן זונען און אָהן הימלען׳ לאַנגע מעת־לעתדיגע רעגנס מיט פרישע און שוואַרצע שבת־בראשיתדיגע בלאָטעס. די וואָקזאַלבעלי־עגלות האָבן דאָס אַביסל טרחא געהאַט׳ געהאַלטן אין איין בינדן די האַרטע פערדישע וויידלען׳ זיך געהילט אין גראָבע און נאַסע רעדנעס׳ און מורא געהאַט פאַר די פינסטערע נעכט׳ ווי פאַרן מלאָך־המות.

»אוממעגליך צו פאָרן« האָבן זיי׳ שמײַסנדיג די פערד׳ געזיפצט׳ האָטש נעם אַרויס די אויגן. וויאָ!«...

דאָרטן אין יענע שטעטלאַך׳ וואוהין זיי האָבן די פאַר־שוינען געפירט׳ זיינען שוין יינגעלאַך געגאַנגען בײַנאַכט אין חדר׳ באַלויכטן מיט זייערע לאַמטערנדלאַך די אויס־געקנעטענע בלאָטע און זיך פאַר פריילכקײַט צוגעזונגען.

»הנה לא ינום ולא יישן שומר ישראל...«

און דאָ האָט דער נעפל דעם טונקל באַלויכטענעם און שטאַרק אָפּגעוואַשענעם וואָקזאַל געשלונגען און אים אָפּ־געזונדערט פון דער גאַנצער געגנט.

די דורכפאָרנדיגע זיינען אויך ווייניגער געוואָרן און ביינעשן איז געווען שרעקליך אומעטיג.

מאיר העכט איז אויף א פּאָר וואָכן פונם וואָקזאַל אָפּ־געפאָרן; אַברהמטשיק האָט שוין ערגעץ א שיינע כלה געהאַט און זיך באַרימט, אַז שבת חנוכה וועט ביי אים די חתונה זיין. און איציק? א מאָדנעם לעבן האָט ער דאָ געפירט. אַן איינזאַמעס און אומבאַוואוסטזיניגעס, ווי אומבאַוואוסטזיניג ס׳איז געווען זיין לעבן אין יענע גרויסע און וויַיטע שטעט, פון וועלכע ער איז צום וואָקזאַל אַראָפּגעקומען. דעם גאַנצן טאָג איז ער ביים וואָקזאַל פאַרנומען געווען, און פאַרנאַכט האָט ער א גראָבן שטעקן אין האַנט גענומען, און ניט אויסריידנדיג צו קיינעם א וואָרט, פאַמעלאַך אַוועקגעשפּאַנט אין יענעם צעשפּרייטן דאָרף, וואָס האָט זיך געדראַפּעט, אויף זיינע צוויי שכנישע בערג. צו וועמען איז ער דאָרטן גע־גאַנגען? קיין יידן האָבן דאָך דאָרטן ניט געוואוינט, חוץ חיים מענדל מאַרגוליס, דער פּאָסעסאָר, וואָס האָט געהאַט א פּריצישן פּנים מיט פּריצישע מאַנערן און באַוואוינט דעם גרויסן און שיינעם פּריצישן הויף.

## IV

אין איין פראָסטיגן און וואָלקנדיגן בין־השמשות האָבן די וואָקזאַללייַט באַמערקט אַברהמטשיקן בשעת ער איז אָנגעקומען מיט א לאַנגן פּאַסאַזשירצוג. זיי האָבן מיט־אַמאָל באַקומען שטאַרק נייַגעריגע פּנימער, זיך אַרומ־געשטעלט אַרום אים און געשלעפּט: דער פּאַר די פּלייצעס און דער פּאַר די הענט.

»נו, אַברהמטשיק, וואו איז זי?«

מען האָט אים געשטופּט און געשליידערט פון איינעם צום צווייטן. ער האָט געהאַלטן א פּעקל אין האַנט, געשמייכלט און געשריען:

»זעה נאָר, ווי ס'חאַפּט זיי דער רוח אַוועק?! וואַרט, האָט צייט...« באַלד אָבער האָבן זיך די סוחרים אַרומגעקוקט און מיטאַמאָל שטיל געבליבן.

א מיטלוואוקסיגע און גלייכע מיידל איז געשטאַנען לעבן אַברהמטשיקן און אָהן ווערטער ביי זיי געפרעגט:

»איז דאָס, הייסט עס, זייט איר וואָקזאַלסוחרים?«

זי האָט געהאַט אַן איידעלן שוואַרצחנעוודיגן פּנים און אויגן שוואַרצע און קלוגע, וואָס האָבן געלויכטן און געטובלט זיך אין חלומות.

דאָס איז געווען »זי«, אַברהמטשיקס ווייבל.

יונגוואַרג איז טאַקע דערפאַר רויט געוואָרן און עלטערע האָבן זיך הינטנאַרום געקנייפּט. ס'האָט זיך געמאַכט, א קניפּ איז פאַרבלאָנדזשעט געוואָרן צו אַברהמטשיקן, האָט ער שיר־שיר ניט א געשריי געטאָן, זיך אַרומגעקוקט און ניט געוואוסט וועמען דאַרף ער פאַר דעם קניפּ אָפּדאַנקען: ביי אַלע סוחרים זיינען די פּנימער געווען ערנסטע און לייטישע, און די אויגן זייערע האָבן עפּעס מאָדנע געפינקלט. זיי האָבן זיך, אַפּנים, ניט אינגאַנצן גוט געפילט.

האָט זיי אַברהמטשיק דערפאַר געוואָלט ווייזן, אַז ער איז מיט איר גאָר היימיש, זי גענומען אונטערן האַנט און מיט איר אַוועקגעשפּאַנט אַהיים צום רעזערוואואַר.

די סוחרים זיינען ווי פון עפּעס וואָס ניצול געוואָרן און נאָכגעקוקט די אָפּגייענדיגע מיט פריילִיכע און ווערטלדיגע פּנימער.

דער ערשטער איז פון זיין ערנסטקייט און אַרטיגקייט

באַפריַיט געוואָרן לוי פּיוניאַק; ער האָט פאַרלייגט די הענט אין די אַרבל און געזאָגט זיַין מיינונג:

»ניט שטאַרק שיין, אָבער כלל ניט מיאוס און א פּאָר אויגלאַך«.

האָט זיך באַלד נאָך עמיץ אַרויסגעכאַפּט:

»און א פּאָר...«

האָבן איבער דעם לעצטן וואָרט אַ ציטער געטאָן די סוחרישע מוחות און מיטאַמאָל פאַרטומלט געוואָרן:

»דוקא אַן איידעלע, נאָר...«

»א?«

»וואָס זאָגסטו?«

מען האָט שוין גערעדט מיט האַלבע ווערטער, מיט וואונקען און תּנועות פון פינגער, און הונגעריגע מוחות זיינען שוין שיכור געווען און שוין געוועבט אינדערפינסטער דאָס, וואָס די וואונקען מיט די תּנועות האָבן געמאָלט.

»וואַרט צו«.

ס׳האָט גערעדט א הויכער און געזונטער קאָמיסיאָנער מיט א פעטן רויט נאַרעשן פּנים און גרויסע פאַרדרייטע וואָנצעס. נאַריש איז זיַין פּנים געווען דוקא אויף דעם אָרט, וואו ס׳האָבן באַדעקט דאָס די שוואַרצע און פאַר־דרייטע וואָנצעס, דערפאַר האָבן דאָס פרעמדע מענשן ניט באַלד באַמערקט און געפילט א טעמפּן פּחד פאַר זיַין הויכקיַיט און געזונטקיַיט. אין דעם משך פון זיַין פוסטן לעבן האָט ער פיל אינטריגעס געהאַט מיט אויך אַזעלכע געזונטע און נאַרעשע וויַיבלאַך, איז ער דערפאַר שטענדיג געווען שטאָלץ און זיכער.

ס׳איז אים געפעלן אַברהמטשיקס שיינע וויַיבל, האָט ער זיך באַרימט, אַז ער וועט געשווינט מיט איר אַן אינטריגע פאַרפירן. און די סוחרים האָבן אים געגלויבט און מקנא געווען.

אין א פּאָר שעה אַרום איז אַברהמטשיק שוין ווידער בײַם וואָקזאַל געווען· די וואָקזאַללײַט האָבן אים שוין ווידער איינער צום צווייטן געשלײַדערט· און ער האָט געשמייכלט און שוין געענטפערט אויף יעדער קניפּ און שטורך·

אינדערפינסטער האָט איינער· נאָך גאָר א יונגער מיט וויכן מאָך אויף דעם אָרט פון וואָנצעס געטאָן א הוסט און אַן אַנדערער· אַן עלטערער און א גרויסער »בָקי« האָט אויסגעשריען אויפן קול:

»כ׳האָב פײַנט אַן איידעלע נקבה· פאַרשטייסט?«

דער עולם האָט זיך מיטאַמאָל צעלאַכט· און צוזאַמען מיט אים האָט שוין געלאַכט אַברהמטשיק אַליין· גלײַכווי די איידעלע און חנעוודיגע נקבה· וועגן וועלכער מען האָט זיך דאָ געוועטלט· וואָלט מיט אים ניט מער שייכות געהאַט· ווי מיט די איבעריגע· און אויף דעם וואָקזאַל וואָלט זי אַראָפּגעבראַכט ניט ער· נאָר גאָר א צווייטער· זײַטיגער און פרעמדער· וועלכער איז שוין דאָ איצט ניט געווען· עמיץ האָט אים דערפאַר פרײַנטליך א קלאַפּ געטאָן אין די פּלייצעס; צווישן קלאַפּערײַ און רעש פונם אָפּגייענדיגן משאצוג האָט זיך געהערט א צוגעוואָרגענער »מאָלאָדיעץ« און זיך איבערגעחזרט ערגעץ הייך און ווײַט:

»מאָלאָדיעץ! מאָלאָדיעץ!«

דעמאָלסט האָט זיך ביינעש רובינשטיין דערמאָנט אָן יענער שיינער גויע· צו וועלכער אַברהמטשיק האָט איינמאָל בײַנאַכט אין פענסטער געקלאַפּט· זײַנע אויגן האָבן שוין געלויכטן און מיט כעס געפרעגט:

»האָב איך דען פריהער ניט געוואוסט?«

און לעבן אים איז נאָך עמיץ געשטאַנען· געשאָקלט צו אים מיטן קאָפּ און זיך געוואונדערט:

»אַזאַ שיינע, אַ?«

און א צווייטער האָט זײַן שטערן שטאַרק פאַרקנייטשט און צו פאַרשטיין געגעבן:

»שוטה, טאָ וואָס זשע איז דאָ דער חידוש?«

די אויפגערודערטע וואָקזאַללײַט האָבן געפּילדערט.

זיי האָבן זיך געשטופּט, געשלײַדערט און געשלעפּט אַברהמטשיקן צו דעם באַלויכטענעם צווייטן קלאַס, אַהין, וואו בײַם טיש, א אָנגעשטעלטן מיט פלעשלאַך, איז נאָך געשטאַנען דער אָנגעברוגזטער טאָטער און נאָך געהאַלטן זײַן האַנט בײַ איין גרין פלעשל.

קליינע און מיאוסע זיינען זיי געווען און ער איז, ווי איינער פון זיי, קליין און מיאוס געווען. ס'איז ניט געווען וואוהין פונם וואָקזאַל אַוועקצוגיין, איז ער דאָ געשטאַנען, געהערט פּיוניאַקס ווערטלדיגן קול מיט יענעם צווייטן קול, וואָס שאַצט אָפּ אין געלט די לאַנגע פאַרשיכורטע נאַכט, וואָס שטייט פאַרן זאַטן אַברהמטשיקן, און שרײַט צו אים:

»ס'קומט, ס'קומט פון דיר, אַברהמטשיק!«

---

ס'איז שוין אויף דעם וואָקזאַלפּלאַץ געווען קאַלט און פּוסט. נאָר אין איינעם פון זײַנע שטאַרק פינסטערע עקן זיינען נאָך עטליכע אויסגעטרונקענע סוחרים געשטאַנען און צווישן זיי צוויי, וועלכע האָבן זיך געקריגט פאַר א מכירה בײַ א פּריץ.

פונדאָרטן האָט דער קאַלטער ווינט אַלעמאָל געבראַכט אָפּגעריסענע סוחרישע קולות און זיי צעשפּרייט אין פאַר־שיידענע עקן פונם פינסטערן און קאַלטן אויר:

»הלואי זאָלסטו כאָטש האַלב פאַרקרענקען, וויפיל דו האָסט מיר קאַליע געמאַכט«.

א לאַנגע שורה פון אָנגעצונדענע לאַמטערנעס זיינען געווען שווייַגנדיגע עדות פון דער קללה. אין יעדערן פון זיי האָט פּאַמעלאַך געציטערט דער קליינער פלאַם, זיך געגנויגט און געשאָקלט, ווי קליינע מענשליכע קעפּ, גלייַכווי יענער [אומבאַוואוסטער, וואָס אינדערפינסטער, וואָלט בייַ זיי גובה עדות זייַן און זיי וואָלטן אים ענטפערן:

»געהערט, געהערט«.

עמיץ איז פון יענעם שטאַרק פינסטערן עק אַרויס־געקראָכן, זיך אינדערפינסטער אייַנגעהויקערט און פאַר־קרימט און נאָך פונווייַטנס אויסגעשטרעקט די האַנט נאָך א נדבה. נאָר ביינעש האָט אים קיין נדבה נישט געגעבן און זיך אַוועקגעדרייט אָנאַזייַט און שוין בשעת מעשה געפילט, ווי ס׳רייצט זיך מיט אים עמיץ א שטאַרק שלעכטער און פאַרעקשנטער:

»גיב יאָ, גיב ניט, סייַוויסייַ וועסטו, ביינעש, זייַן א קבצן«.

ער האָט געביסן די נעגל און פּאַמעלאַך אַוועקגעשפּאַנט פונם וואָקזאַל. מוראדיגע געדאַנקען האָבן אים געפּרעסט דעם מוח:

ער וועט זייַן א קבצן, אַזאַ מרה־שחורהדיגער און איבערגעשראָקענער קבצן, ווי פיניע ליסאַק. די וואָקזאַל־לייַט וועלן לאַכן פון אים אַזוי, ווי זיי לאַכן פון ליסאַקן. ער וועט שוין דאָ ניט זייַן. ער וועט זיך וואַלגערן ערגעץ אַן אָפּגעריסענער מרה־שחורהדיגער און פאַר בּעס משוגענער, און דער אַלטער און רויטער וואָקזאַל וועט נאָך שטיין אויף דעמזעלביגן אָרט, קוקן מיט זייַנע פאַרגליווערטע און האַלבאָפענע אויגן אויף די אָנ־קומענדיגע און אָפּגייענדיגע צוגן, אויף די באַשעפטיגטע און פריילעכע סוחרים.

אַרום איז געוואַקסן דאָס פינסטערניש· א שוואַרצע און א טיפע האָט זי אָנגעפילט דעם קאַלטן אויר, צוגעדעקט די פאַרוואָלקנטע הימלען און איינגעשלונגען די הײַזער, די בוימער און רעלסן· פון יענער זײַט פינסטערניש האָט ערגעץ געפרובט א פײַף טאָן איינער פון די רעזערוולאָקאָמאָטיוון, זיך אינדערמיט איבערגעריסן און באַלד אַנטשוויגן געוואָרן מיט א שווערן און הייזעריגן זיפץ· דעם זיפץ האָט באַלד אונטערגעכאַפּט דער קאַלטער ווינט, אים פאַרטראָגן אין קליינעם וועלדל, וואָס אין דרומזײַט וואָקזאַל און דאָרטן אויפגערודערט די נאַכט־שטילקײַט, וואָס צווישן די דרימלדיגע און אָפּגעפאַלענע בוימער·

אויף א רגע האָט זיך ניט ווילנדיג אויפגעכאַפּט דאָס וועלדל, אַרײַנגעוואָרפן א ניטווילנדיגן בליק אין דער טיפקייט פון דער שוואַרצער נאַכט און באַלד ווידער איינ־געשלאָפן מיט א שטאַרקן און טיפן שלאָף, אַזוי אַז ער האָט שוין ניט געפילט, ווי איבער דעם קאַלטן ווינט שאָקלט ער זיך אינגאַנצן, נויגט זיך און קניהט מיט אַלע זײַנע געדיכטע און נאַקעטע בוימער·

רובינשטיין האָט נאָך אַלץ געשפּאַנט פּאַמעלאַך און פאַרטראַכט און דאָך האָט ער אין יעדער רגע געדענקט, אַז דאָס שפּאַנט ער, ביינעש רובינשטיין, וועלכער טרינקט זיך און גייט צום גרונט מיט זײַן גאַנצן פאַרמעגן — און לעבן; וועלכער איז שוין דרײַ מאָנאַטן ניט געוועזן אינדערהיים, ניט געזעהן דאָס ווײַב און ניט גערעדט מיט איר·

אין דער פינסטערניש, וואָס הינטער די פלייצעס, האָט געהודעט דער גרויסער וואָקזאַלגלאָק· ער האָט דאָרטן מלחמה געהאַלטן מיטן ווינט און דערציילט פּאַמעלאַך און קאַלטבלוטיג וועגן א לאַנגן צוג, וואָס רוקט זיך

שוין ערגעץ שנעל און שנײַדט דורך די פינסטערע נאַכט. ווי אַן ענטפער אויף דער דערציילונג זיינען פון דער פינסטערניש באַלד אַרויסגעקראָכן צוויי וואוקסיגע, אָנ־געפעלצטע און ניט קיין אויסגעשלאָפענע קאָנדוקטאָרן. בײַ ביידע האָבן הינטער די אָרעמס געציטערט די רויט־גרינע לאַמטערנעס און ביידע האָבן געשוויגן און גע־פילט, ווי ס׳פּאַטשט זיי אין פּנים דער ווינט. דאָס פינס־טערניש, וואָס אַנטקעגן האָט אויסגעזעהן צופרידן צו זײַן דערמיט, וואָס די צוויי אומרוהיגע און וואוקסיגע ברואים זיינען שוין ענדליך פון איר אַרויסגעקראָכן; זי איז דערפאַר שטאַרקער און טיפער געוואָרן. אויס־געלאָשענע וואָקזאַלשטיבלאַך, אָפּגעבליאַקעוועטע און ווי קברים טרויעריג, זיינען דאָרטן אין א לאַנגע שורה גע־שטאַנען. דרימלען האָבן די שטיבלאַך געוואָלט, דרימלען גרינג און רוהיג, ווי גרינג און רוהיג ס׳האָבן אין זיי געדרימלט די אָנגעהאָרעוועטע ברואים, האָט זיי אָבער דער קאַלטער ווינט געוועקט.

ס׳איז אים איינעם אַליין אומעטיג געוועזן. נאָר דאָרטן אין דער לינקער זײַט פון דער פינסטערניש, וואו קיין געביידע חוץ דעם רעזערוואואַר איז שוין ניט געוועזן, איז אָפּגעזונדערט און פאַרטראַכט געשטאַנען אַברהמטשיקס שיינע און באַלויכטענע שטוב, און ווי געפילט, אַז וויַיט וויַיט הינטער איר שטיינערנער און בלינדער וואַנט ליגט די שוואַרצע און קאַלטע נאַכט. ציהט זיך איבערן גרויסן שטח פון פאַרפראָרענע פעלדער, פאַרטריקנטע טאָלן און נאַקעטע בערג. רובינשטיין האָט זיך אַרומגעדרייט בײַ דער שטוב און זי באַטראַכט:

»א שיינע שטוב. א שיינע און א קליינע«.

א שמאָלער שײַן האָט זיך דורכגעשלאָגן דורך די אויס־וויינִיגסטע לאָדנס פון די ערשטע דרײַ פענסטער. די לאָדנס

פון די איבעריגע צוויי פענסטער זיינען געווען אָפן. ס׳איז דאָרטן געווען פינסטער. נאָר פּלוצים האָט די פינסטערע נאַכט א ציטער געטאָן און די פענסטער זיינען מיטאַמאָל באַלויכטן געוואָרן. ער האָט דאָרטן דערזעהן אַברהמטשיקס ווייַבל. א אָנגעצונדענע ליכט האָט זי אין האַנט געהאַלטן. שווייַגנדיג און ברוגזדיג האָבן אויף איר געקוקט צוויי בעטן, צוויי שאַפּעס און טישלאַך. זי האָט עטוואָס פּאָרויס אויסגעצויגן איר גלייַכן קערפּער און דאָס מעבל באַטראַכט. נאָכדעם האָט זי זיך פאַר עפּעס וואָס דערשראָקן און זיך מיטאַמאָל א כאַפּ געטאָן צוריק. די ליכט איז פון איר האַנט אַרויסגעפאַלן און פאַר־לאָשן געוואָרן. ס׳איז אין חדר ווידער פינסטער געוואָרן. ביינעש האָט געפילט, ווי ס׳קלאַפּט ביי אים דאָס האַרץ:

»אַרייַנגיין?« האָט ער געקלערט.

און באַלד האָט ער זיך פאַרשעמט פאַר דער מחשבה און זיך פאַרענטפערט:

»זי האָט זיך דאָך איבערגעשראָקן«.

אפשר האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז דאָרטן צווישן די בעטן שטייט עמיץ, שטייט עמיץ א משונהדיגער און שרעקליכער. און אפשר האָט זי זיך דערשראָקן פאַר די בעטן אַליין...

נאָר אין חדר איז שוין ווידער ליכטיג געוואָרן. זי איז דאָרטן ווידער געשטאַנען ביי דער טיר מיט א ליכט אין האַנט, און מיט טיפע און דערשראָקענע אויגן אַרייַנ־געקוקט אין דער טיפעניש פונם חדר.

ער האָט געטראַכט:

»אַברהמטשיק וועט באַלד קומען. ער וועט צו איר שמייכלען מיט זייַן פוילן און זאַטן שמייכל, ווי ער האָט געשמייכלט צו יענער שיינער גויע, וואָס האָט פולע, האַלבנאַקעטע הענט«.

ער האָט זיך דאָ אַרומגעדרייט אַלע אויפדערנאַכט.

פינסטערע און קאַלטע זיינען די נעכט געווען און מיט איינזאַמקײַט האָבן זיי געשמעקט, און דער ווינט האָט אין זיי די אויסגעלאָשענע וואָקזאַלהײַזער פונם שלאָף געוועקט. דאַכט זיך, וואָס האָט ער אין אַזעלכע אויפ־דערנאַכטן געדאַרפט אין דעם פינסטערניש, וואָס לעבן אַברהמטשיקס שטיבל?

ער האָט ניט געהאַט וואוהין צו גיין, איז ער אַרומ־געגאַנגען דאָ און געטראַכט:

»אַברהמטשיק איז א גראָבער חזיר. ער ווייסט דען ווי גוט אים איז?«

ס׳האָט זיך געמאַכט, אַז אַברהמטשיק איז זיך שפעט אויף דעם וואָקזאַל פאַרזעסן, און די פענסטערלאָדנס זיינען ניט צוגעמאַכט געווען, האָט ער דענסטמאָל דורך די באַלויכטענע פענסטער געזעהן: א מיטלוואוקסיגער, גלײַכער און שיינער פרויענקערפער מיט שוואַרצע און טיפע אויגן, וואָס האָבן צײַטנווייז געשמייכלט צום פויערשן דינסטמיידל. און דאָרטן אויף דעם וואָקזאַל איז געזעסן אַברהמטשיק און געשפילט מיט די סוחרים אין קאָרטן און גענומען א ביסל משקה בײַם אָנגעברוגזטן טאָטער.

ווען ער האָט אים דאָרטן באַגעגנט, האָט ער אים גע־שלעפט פאַרן האַנט.

»קומט, ביינעש, וואָס מאַכט דאָס אויס?«

אַברהמטשיק האָט אים געקיצלט און צו אים געשמייכלט, און ער האָט געטראַכט:

»פאַרוואָס קומט דאָס אַלץ אַברהמטשיקן?«

ער איז דענסטמאָל צום וואָקזאַל צוגעגאַנגען און דאָרטן אויסגעטרונקען עטליכע פלעשער ביר. ער האָט ניט גע־קענט טרינקען, האָט זיך בײַ אים אַפילו פון ביר געדרייט

דער קאָפּ, דער מוח האָט געשווינטער געאַרבעט און די אויגן האָבן מיט מער שנאה צו די סוחרים און צו אַברהמטשיקן געלויכטן. ער האָט געקוקט אויף דעם טאָטער, וואָס האָט אים דאָס ביר אין גלאָז אָנגעגאָסן, און געפרעגט ביַי אים:

»די סוחרים שפּילן אין קאָרטן, אַ ?«

דער טאָטער האָט זיך צו אים עטוואָס צוגעבויגן און אים, ווי אָפּגעגעבן אַ ראַפּאָרט פון אַן ערנסטע שליחות:

»יאָ, זיי שפּילן אין מאַנסבילשן חדר«.

ער האָט אַפּנים געקלערט, אַז ער, ביינעש רובינשטיין, וויל אויך אין קאָרטן שפּילן און זוכט זיי, די סוחרים, וואָס שפּילן אין מאַנסבילשן חדר. אַ גראָבן קאָפּ האָט דער טאָטער געהאַט. ביינעש האָט מיטאַמאָל אַ גאַנצע גלאָז ביר אויסגעטרונקען און אים צו פאַרשטיין גע־געבן:

»זיי קאָנען איצטער איינער ביַים צווייטן אין מסחר קיין געלט ניט אויסנאַרן, די געשעפטן, פאַרשטייסטו, זיינען איצט געשלאָגן, נאַרן זיי דאָס אויס אין קאָרטנשפּיל«.

ס'איז אים אַליין געפעלן געוואָרן דער נײַער געדאַנק, האָט ער צום טאָטער אַ שמייכל געטאָן:

»אַ סוחר, אַז ער קען קיין געלט נישט אויסנאַרן, קאָן ער ניט לעבן. פאַרשטייסט? ... אָט איז, למשל, איך ...«

נאָר דער טאָטער האָט נאָך אַלץ גאָרניט פאַרשטאַנען און זעהר שלעכט האָט ער זיך איבער זײַנע לעצטע ווערטער געפילט. ביינעש האָט גלײַך אין זײַן שוואַרצן פּנים געקוקט און געזעהן: זײַנע אויגן האָבן מאָדנע גע־פינקלט, און די אונטערשטע פּולע ליפּ האָט זיך אַלעמאָל אַראָפּגעלאָזט און צוגעמאַכט.

»עט !«

ער האָט אויף אים מיטן האַנט אַוועקגעמאַכט און איז

אַרויסגעגאַנגען פונם וואָקזאַל. א קאַלטע כוואַליע האָט אים מיטאַמאָל אַרומגענומען.

וועגן קראַפט און מאַכט האָט זיך דער פּראָסטיגער ווינט מיט דער נאַכט געסודעט, און די טיפע פינסטערניש האָט דעם סוד אין זיך געשלונגען און געשוויגן. ער איז גע־גאַנגען און געטראַכט:

»אָט, למשל, איך ...«

פונם אויסגעטרונקענעם ביר האָט זיך אים געדרייט דער קאָפּ; אומעטיגע און פרייליכע געדאַנקען האָבן זיך אין אים געפּלאָנטערט, און דאָס האַרץ האָט די געדאַנקען געפילט און איז אויך געווען אי פריילעך, אי טרויעריג:

»ער, ביינעש רובינשטיין, ס'איז אים שלעכט, געוויס שלעכט ... נאָר אַז מען וויל צוריק ... סוחרים ... שלומקע פערל, אלי דערבאַרעמדיגער, אַברהמטשיק קויפ־מאַן און זיי אַלע, וואָס זיצן אין מאַנסבילשן חדר. כי־כי־כי ... זיי נאַרן תּמיד איינער דעם צווייטן ... און ער, ביינעש רובינשטיין? ... ער קאָן ניט אָפּנאַרן, וועט ער עפּעס אַן אַנדער זאַך טאָן ... עסן מוז מען דאָך, לעבן, לעבן. וועט ער א מלמד ווערן ... א מלמד אין א דאָרף ... כי־כי ...«

ער האָט שוין האַלב געלאַכט, האַלב געוויינט:

»און דאָך פירט זיך אַלץ צום בעסטן ... און פּיוניאַק האָט נחת און די שוויגער ... און דאָס ווײַב, פרומקע ... אַ, א פרומקע? ...«

ער איז שוין ווידער אַרומגעגאַנגען לעבן אַברהמטשיקס שטוב, אַרומגעשפּאַנט הין און צוריק, זיך צײַטנווײַז אָפּ־געשטעלט און אַרײַנגעקוקט אין פענסטער. וואָס האָט דאָרטן באַטראַכט ער, ביינעש רובינשטיין, דער מלמד, וואָס אין דאָרף? »זי« איז דאָרטן געווען. ווי רופט מען זי ביים וואָקזאַל? »קלאַרע« »קלאַרע«. זי איז געזעסן

בײַם טיש מיטן פּנים צום פענסטער און אין עפּעס וואָס אַרײַנגעקוקט· וואַרעם איז דאָרטן, אין שטוב, געווען, שטיל· און אַרום אים האָט געפּײַפט דער פּראָסטיגער ווינט, געבלאָזן מיט קעלט אין די פּלייצעס און אין נאַקן·

ס׳זיינען אין זײַנע אויגן טרערן געשטאַנען· אפשר דערפאַר, וואָס ער האָט פון דער גרויסער פינסטערניש לאַנג אַרײַנגעקוקט אין איר רוהיגן באַלויכטענעם פּנים· ער האָט געזעהן: זי האָט זיך אויפגעשטעלט און עטוואָס אַרויסגעדרייט די לאָמפּ· איר טונקעלער און ערנסטער פּנים איז געווען אַזוי באַקאַנט און נאָהנט, נאָהנט· ער האָט געטראַכט:

אָטדעם טונקעלן פּנים קאָן ער שוין פונלאַנג, פונלאַנג; און די שוואַרצע אויגן, וואָס קוקן ערנסט און קלוג, און איר גאַנצן קערפּערגעבײַ, דעם דינעם און גרינגן; ער האָט זיי דאָך תּמיד געזעהן און קאָן זיי נאָך פונקינד־ווײַזאָן· ברררר...

ס׳איז אים געווען קאַלט· אים, דעם מלמד, וואָס אין דאָרף· מיט די נידעריג צוגעשוירענע באַקן און קליינע איינגעגראָבענע אויגן· א קאַלטער שוידער האָט זיך הינטער די וואַרעמע קליידער אַרונטערגעכאַפּט און דאָרטן איבער די הייספּײַערדיגע פּלייצעס אַרומגעיאָגט; און דאָרטן, וואו זי זיצט, איז דאָך אַזוי וואַרעם, שטיל און ציכטיג־ריין, איר אַליין איז דאָרטן אַזוי אומעטיג, אומעטיג· פאַרוואָס זשע זאָל ער טאַקע ניט אַרײַנגיין? א תּירוץ קאָן ער דאָך אויסטראַכטן, א תּירוץ, א תּירוץ...

ער איז שוין געשטאַנען אויף די גלײַכע שטיינערנע טרעפּלאַך, געהאַלטן די האַנט בײַם גלעקל און געטראַכט:

»אַברהמטשיק· אַברהמטשיק איז אינדערהיים ניטאָ?«

ער האָט אָנגעקלונגען און זיך דערשראָקן:



Ex bibl. univ. ...

»א נאַרעשקייַט׳ אַ? געוויס א נאַרעשקייַט«.

ס׳איז שוין קעגן אים געשטאַנען דאָס קליינע פויערשע דינסטמיידל. ער האָט געזעהן: אירע האָר זיינען צעוואָרפן געוועזן און די פיס באָרוועסע. ער איז שוין צוריק האַלבניכטער געוועזן און געקלערט:

מ׳דאַרף פרעגן, צי אַברהמטשיק איז ניטאָ, און באַלד גיין צוריק. איז שוין אָבער אויף דער שוועל פונם באַלויכטענעם חדר געשטאַנען זי, מיטן טונקעלן און הנעוודיגן פנים און געקוקט אויף אים מיט קלוגע און שוואַרצע אויגן. ער האָט געפילט, אַז ער ווערט רויט און קאָן ניט ריידן. אין קאָפּ האָבן זיך איילנדיג געדאַנקען געפלאָנטערט און די אויגן האָבן געלויכטן און געציטערט יעדעסמאָל, ווען ער האָט אַרייַנגעקוקט אין איר טונקעלן און ערנסטן פנים.

»קומט אַרייַן, זיצט!« האָט זי געבעטן.

ער האָט זיך געזעצט קעגן איר בייַם טיש און געטראַכט, אַז דער שמייכל, וואָס אויף זייַן פנים, איז אַן איבעריגער, אַז ער האָט שוין פאַרגעסן, צוליב וואָס ער איז אין דער שטוב אַרייַנגעקומען.

און בשעת זי האָט געפרעגט, צי ער דאַרף אַברהמטשיקן האָבן, האָט זיך שוין דער שמייכל איבער זייַן גאַנצן פנים פונאַנדערגעגאָסן. ער האָט, דאַכט זיך, שטאַרק ניט געוואָלט און שטאַרק אינזינען געהאַט די הענט אויף דעם טיש ניט פונאַנדערצולייגן און דאָך זיינען זייַנע הענט פאָרט אויף דעם טיש אויסגעוואַקסן. ער איז געוואָרן שטאַרק רויט און געענטפערט:

»אַברהמטשיקן? ניין, דווקא ניין«.

און באַלד האָט ער דערפילט, אַז דער »דווקא« איז אַן איבעריגער און נאַרעשער געוועזן, געוואָלט פאַרבעסערן און געזאָגט:

„איך בין גלאַט אַזוי אַרײַנגעגאַנגען ··· איך בין פאַר־בײַ דורכגעגאַנגען ··· איך בין א סוחר ···“

ריידנדיג האָט ער געפילט, אַז ער פאַרפלאָנטערט זיך וואָסאַמאָל מער, אַז ער איז שטאַרק רויט, אַז ס'וואַרגט אים זײַן האַלז. און זי איז געזעסן קעגן אים. זי האָט דעם קאָפּ אויף ביידע הענט אָנגעשפאַרט און געקוקט אויף אים ווי א קליין קינד, וואָס האָט זיך אָנגעהאָרעוועט. זי האָט אים געפרעגט:

„אויף דעם וואָקזאַל זיינען פיל סוחרים פאַרהאַן?“

איר קול האָט שטיל און פּאַמעלאַך געקלונגען; ער האָט זיך דערמאָנט אין א וויכטיגער זאַך און זיך ווי פון עפּעס אויפגעכאַפּט:

„בין איך, הייסט דאָס, איינער פון די סוחרים ···“

ער האָט א ציטער געטאָן און זיך דערשראָקן:

מאָרגן וועט לאַכן דער גאַנצער וואָקזאַל, ס'וועלן לאַכן אַלע סוחרים, קאָמיסיאָנערן און מעקלערס דערפאַר, וואָס צווישן זיי וועט שטיין א קוועלנדיגער פאַרשוין און וועט דערציילן, ווי אַזוי ער, ביינעש רובינשטיין, איז געקראָכן צו אַברהמטשיקס ווײַבל.

ער האָט פאַרטראַכטערהייט א זיפץ געטאָן:

„ניט אַלעמען לעבט זיך גוט“.

ער האָט געזעהן: איר קאָפּ האָט זיך אויפגעהויבן, אירע אויגן האָבן זיך אויפגעהויבן און ווי מיט שרעק אַרײַנגעקוקט אין זײַן פּנים:

„דערציילט! דערציילט! ווי לעבט זיך דאָ בײַם וואָק־זאַל?“

ס'האָבן אים געבעטן איר טונקעלער פּנים מיט די קלוגע און טיפע אויגן; האָט ער דערפאַר שוין ווידער פאַרגעסן, אַז ער זעהט זי דאָס ערשטע מאָל און דער־ציילט, ווי א באַליידיגטער און א הילפסלאָזער:

»ניט אַלעמען ··· הם ··· ניט אַלעמען לעבט זיך גלײַך, און דער עיקר: ניט אַלע פאַרשטייען גלײַך, ווי־אַזוי זיי לעבן«.

ער האָט זיך דערמאָנט אָן אברהמטשיקן, אָן פּיווניאַקן, אָן יענעם קאָמיסיאָנער מיט די גרויסע וואָנצעס, אָן יענעם גאַנצן עולם, וואָס זיצט איצט אין מאַנסבילשן חדר.

»עט, ווי אַזוי לעבט מען דאָ? ווי די חזירים לעבט מען דאָ, ווי די הינט ···«

פאַרוואָס האָט ער פּלוצים א שמייכל געטאָן? פאַר פאַרדראָס? צי גאָר דערפאַר, וואָס עמיץ האָט שוין אין טיר געקלונגען?

---

און אין דעם צווייטן אָוונט איז ער שוין ווידער געזעסן קעגן איר אין דעם באַלויכטענעם חדר און זיך שוין געפילט היימיש און גרינג.

ער האָט זיך געקלאָגט אויף דעם וואָקזאַל, אויף די סוחרים און אויף דעם מסחר:

»סוחרים, איר פאַרשטייט? דאָס איז שוין אַזאַ מין אומה, א מיאוסע אומה ··· זיי דערוואַרגן פריהער א מענשן און נאָכדעם האָבן זיי אויף אים רחמנות, זיי דער־וואַרגן ··· אָט, למשל, מיך ···«

ער איז שוין אויך האַלב דערוואָרגן; ער, אַז ער וויל ניט זידלען יענעם, זידלט מען אים ··· און אַז ער וויל ניט וואַרגן יענעם, טאָ וואַרגט מען אים«.

מיט אַזאַ אינטערעס האָט זי אין זײַן פּנים אַרײַנגעקוקט. ער האָט דערפון א משונה פאַרגעניגן געהאַט און געזעסן קעגן איר ביז שפּעט אויפדערנאַכט.

»א לעבן, וועגן א לעבן פרעגט זי? וואָס פאַר א לעבן קען דאָ זײַן? א מיאוס לעבן, א נאַריש לעבן. ער אַליין לעבט אויך, ווי אַלע. אָט וועט ער איר דערציילן, ווי־

אַזוי מען פּלאַסקעט זיך דאָ אין בלאָטע און מ׳ווייסט ניט צוליב וואָס. לאָז זי פּרובן אָפּשטעלן א סוחר, לאָז זי עמיצן פאַרהאַלטן, וועט ער זיך ארויסרייַסן און ווידער מסחרן.

געפעלט איר אַזאַ לעבן?

און זי... ער קאָן זי ניט, ער זעהט זי ערשט דאָס דריטע מאָל... נאָר אַז מען וויל צוריק, קען ער זי יאָ, ער זעהט, ער פאַרשטייט: זי האָט צום וואָקזאַל ניט באַדאַרפט קומען. זי האָט זיך ניט באַדאַרפט דער־נעהענטערן צו מענשן, וואָס טראַכטן ניט פון זיך, נאָר פון זייער געלט... מן־הסתם פאַרשטייט זי אַליין...

ער האָט זיך דערמאָנט אַז ס׳פאַסט ניט, ווען אַברהמטשיק זאָל אים הייַנט ווידער דאָ געפינען און זיך אויפגעשטעלט. אָט גייט ער איצט צו זיך »אַהיים«, דאָ ניט ווייַט איז זי, די היים, אין א קליין חדרל, וואָס אין א קליין פויערש שטיבל...«

אַמאָל שלאָפט ער ניט גאַנצע נעכט; ליגט דאָרטן און טראַכט, ווי מיאוס די סוחרים זיינען... ער טראַכט, ווי־אַזוי פון די סוחרים צו אַנטלויפן, וויאַזוי צו אַנטלויפן פון זיך אַליין...

»און אַ ווייַב האָט ער ערגעץ דאָ אין א נאָהענט שטעטל; א קליינע איז זי, א גרינע און א משונהדיג שלאַפע... ער האָט זי שוין דרייַ חדשים ניט געזעהן, איר אַפילו קיין בריוו ניט געשריבן, און זי באַרירט דאָס ניט. זי פאַרשטייט? דאָס ווייַב באַרירט עס ניט...

ס׳האָבן אים שוין ניט אינטערעסירט דער וואָקזאַל מיט די סוחרים. ס׳האָט אים שוין ניט אינטערעסירט ניט דאָס, וואָס אַברהמטשיק קאָן באַלד אָנקומען, ניט דאָס, וואָס זי, די פאַרקלערטע און שיינע, טראַכט וועגן אים. ער האָט פאַמעלאַך געשפּאַנט צו זיך אַהיים, זיך צוזאַמענ־

געגאָסן מיט דער שטאַרקער נאַכטפּינסטערניש און גע־טראַכט:

„דרײַ מאָנאַטן זי ניט געזעהן׳ איר אַפּילו קיין בריוו ניט געשריבן׳ און זי באַרירט דאָס ניט…״

## V

אלי דערבאַרעמדיגער האָט ביינעשן אויף זײַן דין ווײַבערש קול דערציילט:

„אייער שוויגער האָט מיך אין גאַס אָפּגעשטעלט און געפרעגט׳ וואָס מאַכן סוחרים׳ ווי זיינען די פּאַרדינסטן און צי איר פאַרדינט עפּעס. איך׳ זאָגט זי׳ דאַרף דאָס געוויס וויסן״.

וועגן אַלץ׳ הייסט דאָס׳ האָט זי בײַ אים געפרעגט מיט שכל און מיט חשבון און אין יעדעס וואָרט אירס איז פאַרבאַהאַלטן געווען די געוויסע כוונה:

„זײַ זשע מוחל און זאָג אים טאַקע׳ אַז ער מעג זיצן דאָרטן״.

און דאָך האָט ער׳ ביינעש׳ געמוזט צושמייכלען און שמייכלענדיג אָפּדאַנקען פאַרן גרוס. מילא איז די שוויגער א נידעריג באַשעפעניש׳ ווייסט כלומרשט ניט׳ אַז ער האָט שוין באַלד זײַן פאַרמעגן אויפגעגעסן און גיט אים איבער:

„פאַרדינט ער דאָרטן עפּעס מײַן איידעם?״

סך־הכל האָט ער טיף אין דער ערד די שוויגער׳ די סוחרים מיט די פאַרדינסטן. וויל ער׳ טאָ טוט ער גאָר אויף אַלץ אַ שפּײַ און ווערט א מלמד אין א דאָרף.

דאָך האָט ער פון היסח־דעת וועגן עטליכע שעה כסדר די נעגל געביסן; זיך אָהן א ציל בײַם וואָקזאַל אַרומ־געדרייט און צום סוף פאַרקראָכן צו איציק ברוך אויף דער קוואַרטיר. ער האָט לאַנג געקוקט׳ ווי איציק האַקט

אויס פון האָלץ א שליטל און געטראַכט וועגן זײַן לאַגע און וועגן דעם, וואָס איציק האַקט דאָס שליטל בדחילא ורחימא, ווישט אַלעמאָל דעם שווייס פונם שטערן און האַקט ווידער. נאָכדעם האָט ער זיך מיטאַמאָל אויפ־געשטעלט, א ריר געטאָן איציקן פאַר די פלייצעס און געפרעגט:

»ווי קלערט איר, איציק, צוואַנציג רובל א מאָנאַט וועט מען מיר אין א דאָרף געבן?«

און איציק האָט דענסטמאָל די האַק אין האָלץ אַרײַנ־געשטעקט און אויף אים א מאָדנע וואַרעמען בליק גע־וואָרפן, אַזוי וואַרעם האָט איציק אויף אים נאָך קיינמאָל ניט געקוקט, טרערן האָבן זיך אים אין די אויגן אַזש געשטעלט, און דאָס האַרץ האָט א ציה געטאָן צו אים, צו דעם קאַלטן און קרעפטיגן בחור, וואָס האָט שוין דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט און שוין ווידער דאָס שליטל געהאַקט.

צו וואָס האָט אים אָטדאָס קינדערשע שליטל גענוצט? ס׳איז ניט געווען כדאי צו פרעגן.

נאָר איינמאָל איז א טונקעלער און פראָסטיגער שבת־בײַטאָג געווען. ער איז בײַם פאַרפאַראָרענעם טײַכל, וואָס בײַ דעם פלומפּ, דורכגעגאַנגען און געזעהן, ווי איציק איז אינם שליטל איינגעשפּאַנט און שלעפּט אַרום איבערן טײַכל חיים מענדל מאַרגוליסעס נײַנצניאָריג מיידל.

ס׳איז געווען מאָדנע צו קוקן.

בײַם וואָקזאַל האָט מען שוין אַפילו געשמועסט, אַז מאַרגוליסעס מיידל האָט איציקן ליב, און דערפאַר שפּאַנט ער אַלע פאַרנאַכט אינם נאָהענטן דאָרף, וואָס דראַפּעט זיך אויף די בערג. דאָך איז די זאַך אייגנאַרטיג און אומ־פאַרשטענדליך געווען; סוחרים האָבן זיך טאַקע אונטערן אויער געקראַצט און ניט פאַרשטאַנען:

»זאָל די זאַך אַזוי פּשוט זײַן?«

ער׳ חיים מענדל מאַרגוליס אַליין מיט זײַן פּריציִשן פּנים און איידעלע מאַנערן איז דאָך תּמיד אין זײַנע פּריצישע געדאַנקען פאַרטיפּט געווען, געשמועסט בײַם וואָקזאַל מיט אַלע דורכפאָרנדיגע מאַגנאַטן און איציקן אַפילו ניט באַמערקט.

ער האָט פונדעמאָלסטאָן זיך אָנגעהייבן שטאַרק צוקוקן צו איציקן און עטליכע טעג כסדר געהאַלטן אין איין קלערן:

»אָט איז איציק, למשל, א געזונטער און א שיינער בחור, און פון קיין יסורים ווייסט ער קיינמאָל נישט, און פאַרטיפט איז ער ערגעץ אין א מערקווירדיגער וועלט, וואו קיין סוחרים זיינען נישטאָ, און דאָס לעבן האָט ער מיט א אייגנאַרטיגער ליבע האָלט, און קיין געלט דאַרף ער ניט האָבן. נו, האָבן טאַקע סוחרים פאַר אים דרך ארץ, און ליב האָט אים מאַרגוליסעס נײַנצניאָריג מיידל, וואָס האָט געקרייצטע בלאָנדע האָר און הימל־בלויע אויגן, וואָס שמייכלען עטוואָס צו און קוקן אויף אים מיט אַזאַ ווילדער פרייד, ליידנשאַפט און פאַרגעניגן. און ער, ביינעש?«

ער האָט א פּנים א קליינס און באַקן שוואַרצע, נידעריג צוגעשוירענע האָר און א נאָז א שפּיציכיגן און אויגן קליינע און שוואַרצע, וואָס לויכטן תּמיד פונוויַיטן. מעגן די אויגן ווי שטאַרק וועלן וויינען, מוזן זיי אָנ־הייבן צו שמייכלען, ווען עמיצער שמייכלט צו זיי.

»וואָרום ער אַליין איז א קליין מענשעלע, וואָס טוט נאַרעשקיַיטן, פאַרבינדט זיך מיט א מיאוסער און שלאַפער ווײַב, כדי מענשן זאָלן לאַכן, כדי ער זאָל זיך וואַלגערן אַן איבעריגער און אַן איינזאַמער בײַם וואָקזאַל; וואָרום ער פאַרדינט קיין געלט נישט און נעמט אָפּ א גרוס פון דער שוויגער: »פאַרדינט ער דאָרטן עפּעס, מײַן איידעם?« און וואָס וועט זײַן דער סוף?

ער האָט געהיט דעם מאָמענט, ווען אַברהמטשיק האָט מיט די סוחרים אויף דעם וואָקזאַל אין קאָרטן געשפּילט, און זיך דעמאַלסט לעבן רעזערוואואַר אַרומגעדרייט. וואָס האָט ער דאָרטן באַדאַרפט! מיט איר, מיט קלאַרן, האָט ער זיך זעהן געוואָלט? צוליב וואָס? געלט וועט אים דערפון אַרויסקומען?

ס'איז אָבער מוראָדיג אומעטיג געווען און ריידן מיט א מענשן האָט זיך געוואָלט און קיין מענש איז אויף דעם וואָקזאַל ניט געווען, חוץ איציקן, וואָס האָט ביים פּלומפּ ערגעץ אויף דעם קינדערשן שליטל מאַרגוליסעס נײַנצנ־יאָריג מיידל ארומגעשלעפּט און חוץ יענע סוחרים, וואָס האָבן מיט אַברהמטשיקן אין קאָרטן געשפּילט און געלאַכט פון אים, ביינעשן, וואָס האָט פּיינט זײַן מיאוסע, משונהדיג שלאַפּע ווײַב, וואַלגערט זיך ביים וואָקזאַל און עסט גרייט געלט. אַמאָל איז זי פאַרבײַ אים דורכגעגאַנגען, אים אָפּ־געשטעלט און געבעטן:

»קומט אַרײַן צו אונז«.

זי האָט, ווײַזט אויס, פאַר עמיצן מורא געהאַט. דער־פאַר האָט זי שטענדיג מוסיף געווען:

»ס'איז דאָך אַזוי אומעטיג...«

און ער איז אַרײַנגעקומען, געזעסן קעגן איר ביים טיש, לאַנגזאַם געטרונקען טיי און די גאַנצע צײַט גערעדט מיט א שוואַכן שטילן קול פון א הילפלאָזן און א זינדיגן:

»האָט ער אפשר פאַר איר דאָס פריהערדיגע מאָל עפּעס וואָס איבעריגס גערעדט, זאָל זי אויף אים קיין פאַריבל ניט האָבן... ס'איז שווער צו שווײַגן... זי דאַרף אַליין פאַרשטיין... נו, כאַפּט מען זיך טאַקע אַמאָל מיט אַן איבעריג וואָרט אַרויס«.

דערפאַר, וואָס זי האָט געקוקט אויף אים מיט א שטום־

פרײַנטליכן בליק׳ און מיט דער אויפמערקזאַמקײַט פון א שטאַרק נאָהענטן זיך איינגעהערט יעדעס וואָרט׳ וואָס ער האָט אַרויסגערעדט׳ האָט דאָס האַרץ זײַנס שטיל גענודעט און שטיל מקנא געווען דעם זאַטן און שמייכלענדיגן אַברהמטשיקן׳ וואָס נעמט פון לעבן אַלץ פאַמעלאַך און גרינג און שמייכלט נאָך בשעת מעשה צו מיט איין און דעמזעלביגן זאַטן און פוילן שמייכל· זאָל זי טאַקע וויסן!

ער וויל ניט׳ אַז זי זאָל אויף אים פאַריבל האָבן··· ס׳האָבן שוין אויף אים פאַריבל דאָס ווײַב׳ די שוויגער; ס׳האָבן אים שוין פײַנט׳ שפעטן׳ חוזקן פון אים סוחרים׳ קאָמיסיאָנערן׳ טאָ זאָל זי··· טאָ לאָז כאָטש בלײַבן איין מענש׳ וואָס זאָל קלערן וועגן אים אָן שנאה···

און דאָך׳ ער דערמאַנט זיך׳ ער טוט א טראַכט: מענשן האָבן דאָך אים אַמאָל ליב געהאַט׳ ס׳איז שוין געוויס לאַנג געווען׳ זעהר לאַנג׳ אָבער דאָך איז דאָס געווען··· און ער געדענקט׳ ווי דעם רבינס אויגן׳ וואָס האָבן צו יעדן קינד מיט שנאה און צאָרן געקוקט׳ האָבן אין זײַנע אויגן מיט א ווייכן שמייכל אַרײַנגעקוקט׳ אים געגלעט מיט א פריינטליכן וואונק און אים אָפגעדאַנקט דערפאַר׳ וואָס ער האָט זײַן תּורה גוט און ריכטיג פאַר־שטאַנען· און נאָך געדענקט ער··· אַלטע יידן מיט גרייזגרויע בערד און ליכטיגע פנימער האָבן זיך מיט אים׳ ווי מיט א גרויסן׳ משמח געווען··· און נאָך געדענקט ער··· אַן אַלטער ייד׳ משה אהרן דער איינקל׳ א בייזער אומריינער און הוסטנדיגער···

ער האָט פון שלעכטסקײַט ווײַב און קינדער פון זיך פאַר־טריבן און אין קיין זאַך נישט געגלויבט··· ער האָט מיט קיין מענש קיין וואָרט נישט אויסגערעדט און נאָר אים׳ דעם איינציגן׳ דערציילט׳ ווי טיף און שטאַרק ער האָט די מענשן פײַנט···

»און אַפילו שפּעטער, ווען ער איז א גרויסער געווען און צו דער ערשטער כלה צוגאַסט געפאָרן ··· עט, וואָס איז שייך ··· ס׳איז איר אפשר ניט אינטערעסאַנט צו הערן, וועט ער בעסער וועגן דעם ניט ריידן«.

זי האָט זיך עטוואָס פאַרשעמט און איז עטוואָס רויט געוואָרן.

»נאָך וואָס זאָל ער, ביינעש, נאָר קלערן, אַז ס׳איז איר ניט אינטערעסאַנט צו הערן? ער דאַרף וויסן, אַז זי פאַר־שטייט אים ··· אַזוי ריכטיג פאַרשטייט זי אים. זי פילט אפשר צוזאַמען מיט אים. אָט וועט זי אים דערציילן ··· ס׳איז אַפילו ניט כדאַי ··· זי האָט וועגן אים געטראַכט אין יענעם אָוונט און אויך אין א פריהערדיגן אָוונט. זי איז געזעסן איינעאַליין אין שטוב, געהערט ווי דער זייגער קלאַפּט שטיל און פאַמעלאַך און ווי דער ווינט רייַסט די דרויסנלאָדנס ··· ס׳איז געווען שטאַרק אומעטיג ··· נאָר ניט דאָס האָט זי געוואָלט זאָגן. ער, ער האָט דאָך אַזוי פיל איבערגעלעבט«.

»וואָס, ער גייט שוין אַוועק? וואָס האָט ער קיין צייַט ניט? אַזעלכע לאַנגע אָוונטן, קאַלטע חושכדיגע און מרה־שחורהדיג שטורמדיגע ··· און דער עיקר: ער גייט דאָך זעהר זעלטן אַרייַן. בעסער ווי ביי אים, אין פויערשן שטיבל איז דאָך געוויס ··· נאָר אפשר איז אים ניט אָנגענעם מיט איר צו זיצן? ער מעג דאָס אויסזאָגן ··· ס׳מאַכט ניט אויס«.

»און צי ווייסט ער אפשר, וואו אַברהמטשיק ווערט דאָס אַלע אָוונט פאַרפאַלן? ער איז געוויס בייַם וואָקזאַל. מ׳זאָגט, אַז ער שפּילט דאָרטן גאַנצע נעכט אין קאָרטן. צי איז דאָס אמת? ער דאַרף דאָס געוויס וויסן«.

»און נאָך האָט זי וועגן גאָר א וויכטיגע זאַך גע־וואָלט מיט אים שמועסן, נאָר ער אײלט זיך איצט ···

געוויס וועט ער די טעג אַרײַנקומען, וועט זי נאָך מיט אים וועגן דעם שמועסן. א גוטע נאַכט, א גוטע נאַכט.«

ער איז געגאַנגען פאַמעלאַך, מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ און געטראַכט: »האָט ער, הייסט דאָס, געדאַרפט נעמען פרומקען, די הילצערנע משונהדיגע און גרינליכע, וועלכער ס׳גייט קיין זאַך נישט אָן, חוץ די טעלער און גלעזער, וואָס זי האַלט אין איין ברעכן, און אַברהמטשיק — קלאַרען, וועלכע האָט קלוגע אויגן און...«

»און בײַם וואָקזאַל זאָגט מען, אַז זי האָט אים א היפּשן נדן געגעבן«.

»און איך, זאָגט מען...«

»עט, וואָלט ער אַזאַ ווײַב געהאַט, וואָלט ער מיט איר איצט געזעסן אין א קליינעם וואַרעמען חדר, זיך איינגעהערט ווי דער שטורמווינט רײַסט מיט צאָרן די דרויסנלאָדנס און איר דערציילט, ווי ער איז אַמאָל איינגעראַליין אין אַזאַ שטורמדיגן אָוונט פונם חדר געגאַנגען, דורכגעגאַנגען דורכן שמאָלן בית־מדרשגעסל און געהערט, ווי אין דער פינסטערער ווײַבערשער שול קלאַפּט עמיץ פאַמעלאַך אין א דרימלדיגער שויב. און נאָך וואָלט ער איר דערציילט, ווי פאַר דרײַ קאָפּיקעס איז ער אַמאָל איינגעראַליין בײַנאַכט אויף דעם בית־עולם געווען... ער וואָלט איצט וועגן געלט ניט געטראַכט«.

## VI

האַרט איינגעטראָטענע, ערטערווײַז טונקעלע שנייען האָבן שוין די פאַרגליווערטע ערד איינגעדעקט און זי באַהאַלטן פון מענשליכע אויגן, אויף די בערג, וואָס אַרום וואָקזאַל, זיינען די שנייען געלעגן, אויף די בערגיגע פעלדער און איינזאַמע טאָלן. וואוהין ס׳האָט זיך צײַטנווײַז אַן איינזאַמע בעל־עגלהשע פור אַראָפּגעלאָזט

און דאָרטן פאַרלאָרן א ציטעריגן קלונג פון אַן אַלטן מעשענעם גלאָק. א נעפּל א גרייַז־גרויער האָט זיך אין אַויר פאַרשפּרייט, און אָנגעפּראָרענע בוימער האָבן זיך אין אים, ווי אַלטיטשקע, איינגעבויגן און מיט זייער גאַנצער שווערקייַט זיך געצויגן צו דער ערד.

ביינעש איז געזעסן אַן אָנגעפּעלצטער אינם טיפן בעל־עגלהשן שליטן, און געזעהן, ווי דער בעל־עגלה, וואָס האָט דעם קאָפּ צו אים אויסגעדרייט, האַלט דאָס מויל אָפן. א בלויקאָלירענע פּאַרע האָט פון דעם מויל געזעצט, ווערטער אָפּגעריסענע האָבן זיך אָפּטמאָל פון דאָרטן אַרויסגעכאַפּט און, צופליהענדיג צו אים זיך צוגעפּראָרן און ניט געוואָרן.

»אָטדער מאָני דרעל... גאָר קיין נאַר... ערשט צוריק מיט א יאָר אָנגעזעצט... און שוין... זיך אויף די פיס אַרויפגעכאַפּט... א שטוב זיך אין... סעטרע־ניץ קעגן דער פּאָסט אויסגעבויט... א הויף... און אין צוקערפאַבריק שוין ווידער אַן עסקן געוואָרן... די מיל בייַם גראַף אָפּגעדונגען... גאָר קיין נאַר, ווי איך בין א ייד... וויאָה!«

אָט צו דעמזעלביגן מאָני דרעל פאָרט ער דאָך איצט. ערשט פאַראַיאָרן האָט ער אים זייַנע וועקסלען אויף אַכט־הונדערט רובל פאַר צוואַנציג פּראָצענט אומגעקערט און איצט, ווען אים גייט נישט אַמבעסטן און מאָנען גייט אַזוי גוט, אפשר וועט ער אים עפּעס געבן. מאָני איז אַפילו ניט פון די גוטהאַרציגע... און פאָרן איצט צו אים מיט טענות איז אַפילו א מחיה בזויה, נאָר אפשר... ווער ווייסט... דער בעל־עגלה שלמה ליפּ זאָל כאָטש בייַם וואָקזאַל ניט דערציילן...

ס'האָבן מאָנאָטאָניש געקלונגען די גלעקער און פאַמעלאַך דערציילט אַלץ איין טרויעריגע לאַנגע מעשה; א מעשה

מיט א ווײַטן, פאַרוואָרפענעם וועלטווינקל, וואו ס׳ציהט זיך אַן אייביגער ווינטער, א מעשה מיט הויכע שנייבערג, וואָס דרימלען דאָרטן אונטער אייביגע נעפּלען און כאַפּן זיך קיינמאָל ניט אויף.

דאָ און דאָרטן האָבן זיך אָנגעפּעלצטע און וואַרעם איינגעהילטע ברואים באַגעגנט. זיי האָבן ווי ניט געפילט, אַז דער ווײַסער ראָסט ליגט שוין אויף זייערע בערד און ברעמען און נאָך אַלץ געדרימלט גייענדיג. »היט זיך« האָט צו זיי פון צײַט צו צײַט דער בעל־עגלה געשריען. האָט זײַן קול אָבער צו זייערע אויערן ניט דערגרייכט, איז געשווינט פאַרגליווערט געוואָרן און הענגען געבליבן בײַם בעל־עגלה אונטערן נאָז.

און ווײַט, ווײַט, אויף דעם שיפּוע פון יענעם ברייטן באַרג, וואָס בײַם האָריזאָנט, האָבן זיך שוין סימנים פון »גרויס סעטרעניץ« צו באַווײַזן אָנגעהייבן. פריהער זעהר א הויכער און גלײַכער געמויערטער קוימען, וואָס שטעכט זיך איין טיף אינם נעפּל. נאָכדעם א שאַרפער שפּיץ פון אַן איינזאַמע און פאַרקלערטע קירך, סלופּעס פונם טעלעגראַף מיט א גאַנץ היפשן פעלד פון נידעריגע שנייווײַסע דעכער.

---

מאָני דרעלס א מיידל פון א יאָר אַכטצן האָט אים אין האַלבפינסטערן קאָרידאָר באַגעגנט און געזאָגט:

»דער טאַטע איז איצט אין צוקערפאַבריק; פון דאָרטן וועט ער געוויס אין מיל צופאָרן און אַהיים וועט ער ערשט בײַנאַכט קומען«.

ער האָט געקלערט ענטפערן, אַז ס׳איז אים געוויס שווער צו וואַרטן, נאָר דאָך אַז ער איז שוין דאָ און אַזוי־ווי... האָט זיך אָבער בײַ אים אומגעריכט אַרויסגעכאַפּט א מהיכא־תיתידיגער »נו« מיט א שמייכל דורכן נאָז.

און אַליין איז ער שוין רויט געווען און געפּילט, ווי דאָס האַרץ באַליידיגט זיך:

»וואָס פאַר א »נו« און צוואָס האָט דער שמייכל גע־נוצט?« דאָס מיידל איז נאָך אָבער געשטאַנען קעגן אים און איבערגעחזרט:

»ועט ער, הייסט דאָס, ערשט ביינאַכט אַהיים קומען. איר קענט אַריינגיין אָט אַהער«.

זי האָט אים די טיר פון א זייטחדר געעפנט און אַליין ערגעץ געשווינט נעלם געוואָרן.

ער האָט געטראַכט:

»ווען איציק ברוך קומט איצט אַריין אַהער, וואָלט אָט־דאָס מיידל געוויס פון אים ניט אַזוי געשווינט אַוועק־געלאָפן, און געקוקט וואָלט זי אויף אים ניט מיט אַזעלכע אויגן, וואָס זאָגן: »נו, גיכער, מאַך קיין טענות ניט און זאָג וואָס ווילסטו. אַוועקגיין צו אויסוואַרטן?«

ער האָט זיך צוגעזעצט און זיך אַרומגעקוקט:

א שיין אויסגעמעבלטער קאַבינעט, א מאַרמאָרנער שרייבגעצייג מיט א »מאָפּסיק«, וואָס האַלט דאָס ווידעלע אינדערהייך, גרייט אויף א חניפה צו מאַכן, אויף די ווענט בילדער מיט ברייטע אָפּגעגילטע ראַמען. דאָס אינ־גאַנצן איז אפשר פאַר זיין געלט געקויפט געוואָרן... ווער ווייסט? און דאָך זיצט ער לעבן דעם, ווי לעבן פרעמדס און האָט מורא זיך צורירן צו דעם.

»און די שטוב זעלבסט מיט די געמאָלטע סטעלעס איז אפשר אויך פאַר זיין געלט געבויט געוואָרן, א היפּשן חלק האָט ער דאָך לפּחות אין איר«.

»און לאָז ער נאָר א פּרוב טאָן זיך צושפּאַרן אויפן טיש, לאָז ער זיך, למשל, א וואַלגער טאָן אויף דער קאַנאַפּע און אַרויפשלעפּן אויף איר זיינע פיס...«

פונם צווייטן חדר האָבן זיך געהערט פאַרשיידענע

קולות׳ וואָס האָבן זיך צײַטנווײַז צוזאַמענגעגאָסן און א מלחמה געפירט·

עטליכע מיידלאַך האָבן זיך דאָרטן פאַר עפּעסוואָס גע־קריגט· א שכלדיגע קריג איז דאָס מסתמא געווען· א גראָבער מאַנסבילשער קול האָט דאָרטן איינגעשטילט א מיידל׳ וואָס האָט געהאַט זעהר אַן איידל און הויך קולכל און צו פאַרשטיין געגעבן:

»אָט׳ למשל׳ איר טאַטע האָט א געוועלב· ער פאַר־דינט׳ למשל׳ ביי יעדער אַרשין סחורה צעהן קאָפּיקעס און אַזויווי ער האָט די סחורה אַליין ניט אויסגעאַרבעט׳ קומט אויס׳ אַז די צעהן קאָפּיקעס זיינען דעם אַרבעטערס׳ דאָס הייסט אַז ער לעבט אויף א פרעמדן חשבון«·

האָט זיך באַלד אַרויסגעכאַפּט דרעלס אַכטצניאָריג מיידל און אים אונטערגעהאַלטן:

»געוויס׳ ריכטיג«·

ער איז אויף די שפּיצפינגער צוגעגאַנגען צו דער פאַר־מאַכטער טיר׳ וואָס האָט אין יענעם חדר געפירט און צוגעבויגן דעם אויער·

דער מאַנסבילשער קול האָט זיך ווידער געהערט׳ איז זיך צעגאָסן פאַמעלאַך און באַרוהיגט די אויפגערודערטע מיידלשע הערצער:

»אָט וועל איך אייך א משל געבן···«

אפשר איז דאָס געווען אַן אַלטער בחור׳ א לערער׳ וואָס האָט א גרויסן שטערן מיט צוויי טיף אויסגעקראָכענע ווינקלען געהאַט׳ א בחור א יעדן׳ וואָס האָט די מיידלאַך אין די אויגן ניט געקוקט און נאָר אַלעמאָל די ברילן צום נאָז שטײַפער צוגעדריקט· אפשר האָט דרעלס מיידל פון דעם בחור געהאַלטן׳ און געפעלן איז ער איר געווען מיט ביידע אויסגעקראָכענע שטערנווינקלען און מיט די צוויי רויטע פאַסקעלאַך׳ וואָס די ברילן האָבן מיט דער צײַט

אויף זײַן געלערנטע נאָז אויסגעקוועטשט. און דערפאַר האָט זי יעדעס מאָל, ווען ער האָט געענדיגט ריידן, גע־שריען:

»אמת, ריכטיג«.

האָט אים אָבער אויף דעם מיידל פאַרדראָסן און א שמייכל האָט זיך אין זײַנע אויגן באַוויזן:

»נו, און איר טאַטע... נו, און זי אַליין...«

ער האָט שוין די נעגל געביסן:

»א רוח אין זייער... אַליין רויבט מען זיך אָן, מ׳גזלט, מ׳הרגעט, קליידער פאַר פרעמד געלט קויפט מען זיך, נאָכדעם זיצט מען אין א וואַרעמען געמאָלטן חדר, מ׳קוקט דאָרטן אויף א ליבן בחור און מען זאָגט:

»דו אַרבעטסט ניט און לעבסט... א סימן אַז דו לעבסט אויף א פרעמדן חשבון...«

און יענער בחור האָט נאָך דאָרטן גערעדט פאַמעלאַך.

»דער קאַפּיטאַליסט, איר פאַרשטייט?...«

ער האָט זיך דערמאָנט: א בחור א קאָמיסיאָנער האָט ערגעץ ווערטער געכאַפּט, געקומען אויף דעם וואָקזאַל און געפרעגט ביי אַברהמטשיקן פון וואָס נעמט זיך קאַפּיטאַל. האָט אַברהמטשיק אים ווי א חסר־דעה אָנ־געקוקט און נאָר פיווניאַק האָט די אַקסלען עטוואָס אונטערגעהויבן און אָפּגעענטפערט:

»שוטה איינער, וואָספאַר א שאלה פרעגסטו, מ׳נעמט נדן, ווערט קאַפּיטאַל.« און פון וואָס נעמט זיך טאַקע דער קאַפּיטאַל?... ער, ביינעש, איז דאָך ניט קראַנק צו וויסן בעסער פאַר יענעם בחור, וואָס זיצט פון דעם זײַט טיר; א בעסערן קאָפּ פאַר אים האָט ער דאָך געוויס און חוצדעם האָט ער דאָך שוין עפּעס א שטיקל קאַפּיטאַל געהאַט און האָט אים שוין ניט.

פאַרנאַכט איז מאָני דרעל אַהיים אָנגעקומען. עטליכע קינדער זיינען אים אַנטקעגן אַרויסגעלאָפן, אים אַרום־געכאַפּט און דערציילט:

»טאַטע, דאָרטן אין קאַבינעט וואַרט עמיץ אויף דיר«.

נאָכדעם האָט מען א לאָמפּ אַריינגעטראָגן, אים אויפן טיש געשטעלט און צוריק צוגעמאַכט די טיר.

און דאָרטן ערגעץ אין עסצימער האָט מען טיי געטרונקען און געקלונגען מיט לעפעלאַך. דאַכט זיך, וואָס האָט מאָני אים באַדאַרפט אַזוי לאַנג האַלטן ... קום אַריין און זאָג א וואָרט ... איז דאָך דאָס מאָני דרעל גע־ווען ... פיל איבעריגס האָט ער אויף זיין לעבן געטאָן, און דאָך איז אין יעדער איבעריגער תנועה געלעגן א כוונה ... אָטאַזוי האָט ער, הערנדיג גוט אויףביידע אויערן, גערעדט שטאַרק שטיל, זיך אויף איין אויער טויבליך געמאַכט, אים צוגעבויגן צו יעדן מענשן, וואָס האָט זיך צו אים מיט א וואָרט געווענדעט און איבער־געפרעגט:

»א?«

ער איז צום סוף אַריינגעקומען און אים געפרעגט:

»וואָס האָט איר עפּעס געוואָלט זאָגן?«

זיין גלייך און האַרט בערדל האָט ווי נאָרוואָס אַרום־געצויגן אויסגעזעהן, און ער אַליין האָט א מינע געמאַכט, גלייך ווי אים, ביינעשן, זעהט ער איצט דאָס ערשטע מאָל אין לעבן.

ביינעש איז רויט געוואָרן און א הוסט געטאָן:

»איר פאַרשטייט, האָט ער אָנגעהייבן, פאַראַיאָרן ... פאַראַיאָרן ...«

ס׳האָט זיך געפילט, וואָספאַר א מחיה בזויה עס איז צו זיצן דאָ קעגן אָטדעם בלוטצאַפּער. און צו ריידן איז אַזוי שווער געווען ... און דרעל האָט אויף אים רוהיג

געקוקט און דערצו נאָך אַלעמאָל צוגעבויגן צו אים זײַן כלומרשט טויבליכן אויער און איבערגעפרעגט:

»א?«

ער האָט אים דערציילט, אַז ס׳איז אים שלעכט, זעהר שלעכט, אַז ער גייט צום גרונט, אַז ער טרינקט זיך און אַזוי ווי סוף־כל־סוף קומט דאָך אים בײַ זיבנהונדערט רובל, טאָ בעט ער אים... מיט גוואַלד קען ער בײַ אים ניט נעמען, נאָר בעטן, בעט ער אים...

דרעל האָט אים אויסגעהערט מיט א גאַנץ ערנסטן פּנים, אַזוי אַז עס איז שוין אפשר געווען צו גלויבן, אַז געלט קומט ביינעשן ניט בײַ אים, מאָני דרעלן, נאָר גאָר בײַ א צווייטן. דאָך הערט ער אים אויס מיט געפיל און זוכט א פּלאַן, וויאַזוי, ער ביינעש, זאָל זײַן געלט קענען אָפּנעמען.

»פאַני רובינשטיין, האָט אים דרעל פאַמעלאַך און שטיל צו פאַרשטיין געגעבן, איר זײַט דאָך א יונגערמאַן א בעל־שכל. איר פאַרשטייט געוויס אַליין, אַז לעבן מוז איך שטענדיג, ווי א מענש. איך בין שוין אַזוי גע־וואוינט געוואָרן: מײַן ווײַב מוז פאָרן אַלע יאָר קיין אויסלאַנד. זי איז, ניט פאַר אײַך גערעדט, ניט געזונט, זי האָט א לעבערקרענק. מײַנע צוויי יינגלאַך מוז איך אין א גרויסער שטאָט האַלטן... זיי קאָסטן מיר געוויס הונדערטפופציג רובל א מאָנאַט. די איבעריגע קינדער מוז מען דאָ א לערער האַלטן. אָט גיב איך, למשל, אָטדעם לערער אַכציג רובל א מאָנאַט חוץ עסן און חוץ דער וואוינונג. דאָסגלײַכן קליידן מוז מען זיך און די קינדער. מען קען פאַר דער וועלט קיין פּנים פון חוזק ניט באַווײַזן. צי נעמט, למשל, אָט מיך אַליין, איך באַ־געגן זיך מיט מענשן, כ׳לעב אפשר אינגאַנצן פון מענשן, טאָ מוז איך אַרויסגיין ווי א מענש און אַרויספאָרן ווי א מענש«.

»הערט אויס׳ פאַני רובינשטיין: אויב ס׳וועט מיר נאָך אַלעס קאַפּיטאַל בלײַבן׳ וועל איך אייך דעם ערשטן מיט א גרויסן דאַנק אָפּגעבן׳ איר פאַרשטייט? ווען איך וועל ניט אָפּגעבן׳ נאָר אייך׳ אייך . . .«

און אין פינסטערן קאָרידאָר איז שוין דער בעל־עגלה שלמה ליפ געשטאַנען און דאָרטן געשריען אויף דעם קול:

»אָט דער בטלעניק! וואָס האָט ער זיך דאָרטן אַנידער־געזעצט׳ דעם גאַנצן טאָג מיך דאָ פאַר א קאַרבאַטש אָפּגעהאַלטן! . . .«

ביינעש האָט געטראַכט:

»אַך׳ אָטדער שלמה ליפ׳ ער זאָל כאָטש בײַם וואָקזאַל ניט דערציילן«.

## VII

ס׳איז געווען א מעשה.

צוזאַמען מיט שלומקע פּערל האָט ער אויף א פּאַרטיע צוגעבערענטן קאָרן האַנטגעלט געגעבן. דער קאָרן האָט א היפּשן ריווח געבראַכט׳ האָט אָבער שלומקע געטענהט׳ אַז ביינעש האָט דאָס געלט ניט אינדערצײַט צוגעטראָגן און אים קיין חלק נישט געוואָלט געבן. ער האָט זיך מיט שלומקען אַכט טאָג כסדר אין איינעם פון די נאָהענטע שטעטלאַך געלאָדן און אויסגעשפּילט אַן ערך פון פיר־הונדערט רובל.

זײַן ערשטער ריווח איז דאָס פאַר דעם גאַנצן ווינטער געווען.

אומקערנדיג זיך צום וואָקזאַל׳ האָט ער דעם גאַנצן וועג צו זיך אַליין געשמייכלט׳ די פינגערנעגל פאַרגעסן צו בײַסן און געקלערט:

»אַז מען וויל צוריק . . . זיינען דאָך מענשן׳ אדרבא׳ גאָרניט אַזוי שלעכט«.

ווען ער האָט זיך בײַ זיך שלאָפן געלייגט, האָט ער שוין געקלערט, אַז מען קען געלט פֿאַרדינען און אויס־בויען בײַם וואָקזאַל פּונקט אַזאַ שטיבל ווי אַברהמטשיקס. נאָכדעם האָט זיך אים די גאַנצע נאַכט א מאָדנע וואַרעמער חלום געפּלאָנטערט: כלומרשט ער מיט אַברהמטשיקס ווײַבל פֿאָרן צו זײַן פֿאָטער אויף פּסח ··· ער גייט מיט איר דאָרטן איבער דעם שטעטל און ווײַזט איר:

»אָט אין דעם בית־מדרש האָב איך געלערנט ··· אָט אין יענעם הייפעלע איז א רײַכער בעזדעטניק געזעסן, דער בעזדעטניק האָט א ביבליאָטעק געהאַט, פלעגט ער בײַ אים ביכער אויף לייענען נעמען ··· און דאָרטן אין טאָל איז ער ימים־טובים־צײַט אויף דעם גראָז, וואָס בײַ דער פּוסטער מיל, געלעגן, געקוקט אויף די ברייטע הימלען ···«

און גאַנצפריה, ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט שוין די בעל־הביתטע בײַ אים אין חדר געהייצט און דערציילט:

»געווען דאָ זונטאָג אַברהמטשיקס ווײַבל ··· דעם גאָרטן, האָט זי געזאָגט, וויל זי אויף דעם זומער אָפּ־דינגען. און אין שטוב איז זי אויך געווען ··· ווער וואוינט אין אָטדעם חדר? האָט זי געפרעגט«.

ער האָט זיך דעם גאַנצן טאָג אַרומגעדרייט בײַם וואָק־זאַל. און אינאָוונט ווידער פֿאַרקראָכן צו אַברהמטשיקס רעזערוואואַר. ווען ס׳איז גוט פינסטער געוואָרן, איז ער צום באַלויכטענעם שטיבל צוגעגאַנגען און זיך אָפּגעשטעלט פֿאַר די פענסטער פון עסצימער.

ער האָט געזעהן:

סוחרים און קאָמיסיאָנערן זיינען דאָרטן אַרום טיש געזעסן און אין קאָרטן געשפּילט. און בײַ איין עק פון טיש איז אַברהמטשיקס ווײַבל געזעסן און געשמייכלט צום

קאָמיסיאָנער׳ וואָס האָט געהאַט א געזונטן פּנים מיט גרויסע פאַרדרייטע וואָנצעס.

ער האָט זיך געפילט ניט אַמבעסטן און געקלערט:

»אפשר איז איר מער אָנגענעם צו קוקן אויף דעם געזונטן און שיינעם קאָמיסיאָנער׳ ווי צו קוקן אויף אים׳ דעם דאַרן סוחרל?« און אין א האַלבע שעה אַרום׳ ווען ער איז שוין אין זײַן פינסטערן און קליינעם חדרל אַרײַנגעגאַנגען׳ האָט ער זיך בײַ זײַן שפּיציגע נאָז מיט די נידעריג צוגעשוירענע באַקן א טאַפּ געטאָן און אינדערפינסטער באַשלאָסן:

»געוויס«.

---

ער איז צו איר מער ניט געגאַנגען׳ האָט אַרומגעשפּאַנט אויף דעם וואָקזאַלפּלאַץ און געקלערט:

»אינאמתן׳ איז דען ניט נאַריש געווען דאָס׳ וואָס ער האָט זיך אַרומגעדרייט בײַם רעזערוואואַר אַלע אָוונט? און דער עיקר... אָט האָט ער׳ למשל׳ פירהונדערט רובל פאַרדינט...«

דאָך איז ער אין איינעם אַן אָוונט ווידער צום רעזערוואואַר פאַרקראָכן׳ און שטילערהייט זיך אַרײַנגעגנבעט אינם האַלבפינסטערן קאָרידאָר פון אַברהמטשיקס שטוב. ס׳האָט אים דאָרטן קיינער ניט באַמערקט׳ איז ער דאָרטן עטליכע מינוטן געשטאַנען׳ דערזעהן דורך דער האַלבאָפענער טיר דעם געזונטן און שיינעם קאָמיסיאָנערס פאַרדרייטן וואָנץ׳ און אומבאַמערקטערהייט זיך פונם פינסטערן קאָרידאָר צוריק אינדרויסן אַרויסגעגנבעט.

נאָכדעם איז א קאַלטער׳ נאַסער און טונקעלער טאָג געווען. ער האָט זי בײַם וואָקזאַל דערזעהן און פונווײַטן געכאַפּט א קוק אויף איר שיינעם און שוואַרצליכן פּנים. זי האָט א קורץ ווינטערדיג קאָפּטל געטראָגן׳ האָט דאָס

איר געקליידט, אוןביידע טעלעגראַפיסטן האָבן אויף איר דורכן פענסטער נאָכגעקוקט. ער האָט זיך באַלד אַוועק־געדרייט און א שמועס מיט אֶלי דערבאַרעמדיגן פאַרפירט. עמיצן אויפצולהכעיס האָט ער דאָס געטאָן, אפשר אויפ־צולהכעיס טאַקע איר, דער שיינער און טונקעלער, וועלכע איז ערגעץ אונטער זיינע פלייצעס געשטאַנען.

ס'האָט געבלאָזן א קאַלטער און נאַסער דרום־ווינט. בלאָזנדיג האָט ער פאַרבלאָטיגט דעם ריינעם שניי און אים צעגאָסן אויף די בוימער, פעלדער און אַרומיגע בערג, וואו שוואַרצע ערדפלעקן האָבן שוין ערטערווייז צו די פאַר־וואָלקנטע הימלען געקוקט און שטומערהייט ביי זיי גע־פרעגט:

»וועט איר אונז נאָכאַמאָל באַשיטן מיט ווייסן, ווייסן שניי?«

די הימלען זיינען אָבער זעלבסט שטום געוועזן, און נאָר דער פרייער ווינט האָט ערגעץ א גרילץ פון אַרום־בלאָנדזשענדיגע ראָבן באַקומען און אים צו די פלעקן פאַר־אַן ענטפער געטראָגן. פונם צעגאַנגענעם שניי איז דער וואָקזאַלפלאַץ נאַס און קויטיג געוועזן. דער ווינט האָט איבער אים א מאָדנע פוסטקייט אַרומגעטראָגן און גע־קלאַפט מיט די שויבן פון ניט קיין אָנגעצונדענע לאַמ־טערנעס. פוסט און אומעטיג איז דאָ געוועזן, צייטנווייז האָט זיך דאָ א מענש באַוויזן: ער האָט גייענדיג זיין קאָפּ איינגעבויגן, און דער ווינט האָט זיך נאַריש געמאַכט און אים פאַר די פּאָלעס געריסן.

און פון אֶלי דערבאַרעמדיגנס קליינעם מויל האָבן זיך נאָך אַלץ שטילע ווערטער געשאָטן. עפּעס האָט ער ביינעשן מיט א שמייכלדיגן פנים דערציילט וועגן א פריץ וואָס האָט זעהר וואָלוול האָבער פאַרקויפט, וועגן דעם וואָס מ'האָט דעם האָבער נאָך וועלוועלער געקאָנט

אָפּקויפן· און א המצאהלע א מאָדניטשקע האָט אֶלי דער־צײלנדיג אויפגעטאָן· א המצאה אַן אײדעלע און גוט־האַרציגע· ווי אײדל און גוטהאַרציג ער אַליין איז געווען·

האָט זיך בײנעש אָבער צו דער המצאה ניט צוגעהערט און אַלץ געקלערט וועגן דעם וואָס »זי« שטײט ערגעץ אונטער זײַנע פּלײצעס· וועגן דעם וואָס ס׳קוקן אויף איר דורכן פענסטער צוויי שמײכלדיגע טעלעגראַפיסטן·

ס׳איז צוגעגאַנגען און זיך אָפּגעשטעלט אויף פינף מינוט א נאַסער· פאַררויכערטער און קויטיגער פּאַסאַזשירצוג· דער ווינט האָט אין די נאַסע פענסטער פונם צוג גע־בלאָזן און זיך מיט די וואַגאָנעס געוואָלט שפּילן· נאָר די וואַגאָנעס האָבן זיך ניט גערירט און אַפילו אויף א רגע פון זיך דעם טרויעריגן ברוגז ניט אַראָפּגעוואָרפן קײנער איז פון די וואַגאָנעס צום וואָקזאַל נישט אַרויס־געגאַנגען· קײנער איז אין זיי ניט אַרײַנגעגאַנגען; און צו גלויבן איז שוין געווען· אַז אין יעדערן פון זיי ליגט א מת· און אַרום אים· זײַנע דערשלאָגענע קרובים· וואָס פירן אים פון גאַנצווײַט צו קבורה···

נאָר דאָרטן אין עק פונם צוג· וואו זי· די טונקעלע און שײנע· האָט זיך אַרומגעדרײט· האָט זיך א יונגער־מאַן א סטודענט אויף די טרעפּלאַך פון א וואַגאָן אַוועק־געשטעלט און צוגעקלעפּט צו איר טונקעלן פּנים דעם בליק פון זײַנע מרה־שחורהדיגע אויגן· זי האָט אויך אָפּטמאָל אויפן סטודענט געכאַפּט א קוק· בײנעש האָט שוין אויף איר געקוקט און געטראַכט:

»צוגײן צו איר?«

---

דער צוג האָט שוין ווידער געקלאַפּט· זיך געשווינט געשלענגלט און אײנגעזונקען אין בלײַענע נידעריגע ווינטערוואָלקנס·

אויף דעם פּוסטן און נאַסן וואָקזאַל זיינען זיי שוין ווידער נאָר אינצווייען געשטאַנען. ער א באַליידיגטער און א להכעיסניק, אין איין זייַט, און זי, א יונגע שיינע און אַן איבערגעלאָזענע, אין דער אַנדערער זייַט.

ס׳האָט זיך אים שוין ווידער שטאַרק געוואָלט צוגיין צו איר, גאָר פון נאָהענט אַרייַנקוקן אין איר טונקעלן פּנים און שטיל און פּאַמעלאַך דערציילן וועגן דעם, וואָס זי האָט אויף דעם וואָקזאַל ניט געדאַרפט אַראָפּקומען. נאָר זי איז לעבן אים דורכגעגאַנגען און אַפילו אים ניט באַ־מערקט. ער האָט דערפאַר די פינגערנעגל צו בייַסן אָנ־געהייבן און מיט פּאַריבל געטראַכט:

»גייט ער דאָס אַרום פּוסט און פּאַס און האָט פּוסטע מעשיות אינזינען... און אינאמתן: וואָס איז אים טאַקע דער חילוק וועגן וועמען זי טראַכט איצט, וועגן אַברהמ־טשיקן, וועגן דעם געזונטן קאָמיסיאָנער, צי גאָר וועגן דעם סטודענט? ס׳הייבט אים דאָך ניט אָן צו באַרירן...«

ערשט, ווען זי איז צוריק דורכגעגאַנגען, האָט זי זיך לעבן אים אָפּגעשטעלט, געמאַכט א פאַרזאָרגטן פּנים און זיך געקלאָגט:

»ס׳אַראַ פּוסטקייַט ס׳איז דאָ, אַ?«

איר פּנים איז עטוואָס פאַרקרימט געווען. ער האָט ניט געוואוסט, צי איז איר פּנים פאַרקרימט איבערן ווינט, צי גאָר דערפאַר, וואָס דאָ אויפן וואָקזאַל איז אַזוי פּוסט.

»א פּוסטקע? האָט ער איר נאָכגעשאָקלט, געוויס א פּוסטקע«.

און אַליין האָט ער שוין געפילט, אַז ער ווערט רויט, וויל ניט שמייכלען און שמייכלט פאָרט.

פאַרוואָס האָט אים פּלוצים אויף איר פאַרדראָסן?

עפּעס מיט ניט קיין פאַרזיכטיגן וואָרט האָט ער זי שטאַרק באַליידיגט. ער האָט געזעהן: ס׳האָבן זיך אויף אים אָפּ־

געשטעלט אירע אויגן, שטאָלצע און פולע מיט גאווה. נאָר באַלד האָט זי זיך אויסגעדרייט פונקט אין דער זייַט פון וועלכער ס׳האָט געבלאָזן דער קאַלטער און נאַסער ווינט. עפּעס האָט זי געקלערט, זיך צום סוף באַשלאָסן אים אָפּצאָלן פאַרן וואָרט:

»...טאַקע דערפאַר וויל זי אים בעטן, אַז ער זאָל וועגן איר מער אַזאַ מיינונג נישט האָבן... און נאָך וויל זי אים זאָגן: אין איינעם אַן אָוונט איז ער בייַ איר אין קאָרידאָר געשטאַנען... אַ נאַרעשקייַט איז דאָס פון זייַן זייַט געווען... ער האָט דאָך געמעגט אין שטוב אַרייַנגיין. ער ווייסט דאָך: ס׳איז איר שטענדיג אָנגענעם, ווען ער קומט אַרייַן...«

און איר מיינונג וועגן די וואָקזאַללייַט ווייסט ער דאָך אויך... זי האָט זיי אפשר ניט ווייניגער פאַר אים פייַנט...

ער האָט זי באַגלייט מיט די אויגן און געטראַכט:

»זי האָט זיי פייַנט, די סוחרים, און דאָך איז זי צו זיי געקומען און לעבט צווישן זיי. און ער, ביינעש, האָט זיי נאָך מער פאַר איר פייַנט, און דאָך אַנטלויפט ער ניט פון זיי«.

»און פאַרוואָס אַנטלויפט ער טאַקע ניט פון זיי? וואָס ציהט אים, ביינעשן, צו זיי? די פירהונדערט רובל, וואָס ער האָט פאַר דעם גאַנצן יאָר פאַרדינט?«

## VIII

סאַמע אין סוף ווינטער, ווען פרעסט זיינען שוין קליינע געשטאַנען, נאָר געדיכטע שנייען האָבן זיך נאָך טאָג און נאַכט אָהן אַן אויפהער אינם טונקעלן וואָקזאַלגעגנט גע־שאָטן, איז מאיר העכט ווידער צום וואָקזאַל קלייַען פאַר־קויפן אַראָפּגעקומען און זיך באַזעצט אין א היפּשן חדר

פון א נאָהענטן פויערשן שטיבל. ווי דאָס פריהעריגע מאָל האָט ער איצט געלט פאַרדינט, פאַפּיראָסן אָהן א שיעור גערויכערט און מיט די וואָקזאַלסוחרים קיין איבעריג וואָרט געוואָלט אויסריידן. אין זײַן טונקלזײַדענעם, עטוואָס אונטערגעהויבענעם פּנים האָט זיך קיין שום פאַר־ענדערונג ניט געזעהן, און נאָר דענסטמאָל, ווען זײַנע צופּיל אָפענע אויגן האָבן זיך אויף די סוחרים אָפּ־געשטעלט, האָט זיך געדאַכט, אַז די שנאה צו זיי און צו זייערע עסקים איז פאַר דער צײַט פון זײַן אָפּשטײַגן שטאַרקער און טיפער געוואָרן. ביינעש האָט אויף אים דענסטמאָל ווי אויף א רעטעניש געקוקט און געטראַכט וועגן דער וויַטליכער אומבאַקאַנטער טשערניגאָווער גובערניע, וואו העכט האָט זיך מיט דער שנאה אָנגעזויגן: »מאָדנע ברואים דאַרפן דאָרטן זײַן«.

איינער פון די מאָדנע ברואים איז דאָך העכט אַליין גע־ווען: פײַנט געהאַט דעם מסחר מיט אַלע איידעלע געפילן און אַליין א סוחר געווען; גאַנצע טעג געזעסן בײַ זיך מיט צענומענע נאָזלעכער און מיט זעהר ערנסטע, גרויסע אויגן געקוקט אויף דעם רויך, וואָס האָט זיך פון זײַן אונטערגעהויבענעם מויל געצויגן. וועגן וועמען האָט ער דאָס געקלערט? וועגן זיך? וועגן זײַנע פאַרדינסטן? צי גאָר וועגן זײַן קליינינקער שײניקער וויַבעלע, וואָס ער האָט אין טשערניגאָווער גובערניע איבערגעלאָזט?

ס׳איז געווען אוממעגליך צו טרעפן.

אונטערן טיש און בעט האָבן זיך בײַ אים פיל ביכער געוואַלגערט. צעטרעטן זיינען די ביכער געווען, פאַר־שמירט און פאַרגאָסן. ער האָט זיי קיינמאָל אין האַנט ניט גענומען און קיינמאָל וועגן זיי ניט גערעדט. נאָר אַמאָל האָבן זיך אויף זיי זײַנע צופּיל אָפענע אויגן אָפּ־געשטעלט און געדאַכט האָט זיך, אַז זיי זאָגן:

»אַז וויבאַלד ער אַליין, מאיר העכט, הייסט דאָס, וואָס האָט סוחרים אַזוי פֿיַינט, קען זיך אַליין פֿון סוחרעריַי נישט באַפֿריַיען, טאָ צוואָס זשע נוצן אָטדי טיף קלוגע ביכער און וואָספֿאַר א הילף קענען זיי די מענשן ברענגען«.

«און טאַקע, וויבאַלד ער אַליין קען זיך פֿון סוחרעריַי נישט באַפֿריַיען, טאָ קענען צו גאָרנישט ברענגען די איבעריגע פּלפּולים, און דאָס גליַיכסטע איז דערפֿאַר צו זיצן שטיל, אָט ווי ער, מאיר העכט, זיצט, שוויַיגן און קוקן ווי ס׳ציהט זיך דער רויך פֿונם האַלבאָפּענעם און אונטערגעהויבענעם מויל«.

ביינעש האָט זיך טאַקע נישט געקאָנט איינהאַלטן און אים געפֿרעגט:

»ס׳איז אַפֿילו נישט מיַין עסק, דאָך וויל ער אים פֿרעגן: אָט איז, למשל, ער, ביינעש, ער האָט אפשר ניט ווייניגער פֿאַר אים דעם מסחר פֿיַינט, דאָך קלערט ער אַפֿילו א מלמד אין א דאָרף צו ווערן. און ער, העכט, ווער פֿאָדערט דאָס פֿון אים א סוחר צו זיַין? ווער דאַרף אים, למשל, אָטדאָ ביַים וואָקזאַל האָבן?«

און העכט האָט פּלוצים מאָדנע גרויסע אויגן באַקומען און נישט פֿאַרשטאַנען:

»וואָס הייסט, ווער ס׳דאַרף אים דאָ? ער דאַרף זיך אַליין«.

גלאַט א מאָדנער איינפֿאַל פֿון א ליטוואַק! ביינעש איז מיט אים ניט איינשטימיג געווען און געטראַכט:

»אָט דאַרף אים, למשל, זיַין הילצערנע וויַיב נישט האָבן, נו, אַנטלויפֿט ער נישט פֿון איר?«

---

ביַי איציק ברוך האָט ביינעש איינמאָל געטראָפֿן א דאַרענקע מיידל, וואָס האָט געהאַט א קליין קינדערש פּנימל מיט האַרטע אָפּגעשאָרענע האָר. זי האָט נאָך אין

איינע פון די גרויסע שטעט איציקן ליב געקריגן און צו־ליב אים אַראָפּגעקומען פאַר א לערערין אין איינע פון די נאָהענטע שטעטלאַך. איציק איז דענסטמאָל אויף אינ־פלוענצע שלאַף געווען, געלעגן מיט א פאַרבונדענעם האַלז און שטאַרק רויטן פנים אויף דער נידעריגער קאַנאַפּע און געשוויגן.

אפשר האָט ער געטראַכט, אַז די דאַרענקע מיידל גייט אומזיסט צו אים און אפשר האָט ער אָן איר גאָר אינ־גאַנצן פאַרגעסן, נאָר געבענקט נאָך יענע נעפּלדיגע און פראָסטיגע טעג, אין וועלכע ער האָט מאַרגוליסעס ניינצנ־יאָריגע שיינע מיידל אויף זײַן קינדערשן שליטל אַרומ־געשלעפּט.

ער האָט שוין, הייסט דאָס, די דאַרענקע און קליינינקע אויך ניט באַדאַרפט. האָט זי זיך ניטוויסנדיג געמאַכט, געקומען צו אים אַלע אָוונט און געשמועסט מיט זײַן ברודער וואָלאָדיען, דעם קלײַענדיגן און פרישטשעוואַטן סטודענט, וואָס איז נישטלאַנג אַהיים צוגאַסט געקומען. דאָס מיידל האָט גערעדט מיט האַרץ און די דאַרע באַקן האָבן בײַ איר מאָדנע געפלאַמט און וואָלאָדיע האָט גע־שמייכלט מיט געלע וואַסערדיגע אויגן און געווען צו־פרידן פון דעם, וואָס ער איז איצט צוגאַסט אַהיים גע־קומען.

אינאמתן איז דאָך ביינעשן געווען אַלצאיינס, וועגן וואָס זיי ריידן און וועגן וואָס זיי קריגן זיך. ער האָט טאַקע אין זייערע שמועסן קיין אָנטייל נישט געוואָלט נעמען און געקלערט אַז צום »סאָלנעטשניק«, וואָס ער האָט נישטלאַנג געקויפט, וועט ער געוויס הונדערטפופציג רובל דערלייגן און, ווער ווייסט, אפשר טאַקע גאַנצע צווייהונדערט.

און בײַם וואָקזאַל זײַנען שוין בינטלאַך סוחרים גע־שטאַנען און געשמועסט:

»ביינעש מאַכט דאָס געשעפטן«.

»אַ?«

»ער וועט זיך שוין מיטן »סאָלנעטשניק« אַבי יאָרן האַלטן«.

»ניין, כ׳מיין די הלוואה, וואָס ער האָט דעם באַצענע־צער אָדון געמאַכט«.

»ווייס איך וואָס?! ווער רעדט פון א חסר־דעה?«

און אין שטאָט האָט זײַן שוויגער פיוניאַקן דערטאַפּט און זיך פאַר איר קאָפּ געריסן:

»גוואַלד! גוואַלד! ווער האָט ניט געוואוסט, אַז דער בעצענעצער זעצט הײַנט־מאָרגן אָן?«

פיוניאַק איז באַלד צום וואָקזאַל געקומען און דאָס אויף טעלער צעשמירט:

»כ׳זאָג אייך יידן: א חסר־דעה, מיט אַלע פּישטציקעס א חסר־דעה«.

מילא, האָט ביינעש זיי אַלע אין דער ערד געהאַט און אַפילו ניט געוואָלט וויסן, וואָס זיי פּלאַפּלען דאָרטן. דער עיקר איז געווען דאָס, וואָס ער איז צום בעצענעצער מיט גאַנצע פינפהונדערט רובל אַרײַן.

ער איז טאַקע צעטראָגן געווען און די פינגערנעגל מיט גרויס איילעניש געביסן, דענסטמאָל ווען אין מוח האָט זיך דעם גאַנצן טאָג אַן איינציגע מחשבה געדרייט:

»אַ שפּילכל פינפהונדערט קאַרבן?!«

נאָכדעם האָט ער אַברהמטשיקן אויף דעם וואָקזאַל דער־טאַפּט און זיך דאָס ערשטע מאָל מיט אים דערפרייט: ווי קלערט ער טאַקע, אַברהמטשיק? ער איז דאָך נישטלאַנג פון דעמזעלביגן בעצענעצער מיט טויזנט רובל גאַנץ אַרויס. ווי דענקט ער: ס׳איז מעגליך די פינפהונדערט רובל אַרויסצוכאַפּן?

אַברהמטשיק האָט זײַן פּנים מאָדנע צונויפגעקוועטשט און אונטערן אויער גענומען קראַטצן מיט כּוח און איילעניש, אַזוי אַז ס'איז שוין צו גלויבן געוועזן, אַז אונטערן אויער איז בײַ אים א מסוכנע צרעת פאַרהאַן, וואָס בײַסט אים משוגענערווײַז און לאָזט אים ניט עטעמען.

»ביינעשל, אַי... אַי... אַי... ביינעשל, האָט ער קראַצנדיג זיך, אויף א מאָדנע דין קולכל געשריען, ווי טוט מען מיך פריהער נישט א פרעג? אַ, ביינעשל...«

ביינעש האָט געשווינט די פינגערנעגל געביסן און מיט פאַרקערטע אויגן געקוקט אַראָפּ אויף אַברהמטשיקס פיס.

»איז דאָס געלט, הייסט דאָס, יבש?... אַ?... נו, מילא, ס'גייט ניט אין דעם... האָט ער ווייניגער מיט פינפהונדערט רובל... דער עיקר איז... צי ווייסט אַברהמטשיק ניט: אפשר קען מען פאָרט דאָס געלט אַרויספּאַקן?... אַ?... ניין? נו, האָט ער דאָס אין דער ערד און וויל אַפילו וועגן דעם נישט טראַכטן...«

»נאָר וואָס אַנטלויפט איר אַברהמטשיק? וואָס האָט איר קיין צײַט ניט... וואַרט צו... ס'ווילט זיך גלאט אַזוי אביסל ריידן... הם, שוין אפשר טאַקע לאַנג נישט גערעדט... נו, און ווי קלערט איר, למשל, וועגן אַזאַ מין פּלאַן: נעמען דעם »סודעבנעם« און אים די »קלוניע« פאַרחתמענען? אַ?... ס'איז ניט קיין פּלאַן? נו, און א פּאָר טאָן, למשל, צום קילקיווער גראַף, צום שוואָגער זײַנעם, און אים צוקלאָגן?... ס'וועט אויך נישט פועלן? נו, איז דאָך במילא נישטאָ וואָס צו ריידן... כ'וויל אַפילו דעם קאָפּ נישט ברעכן«.

---

האָט אָבער דער קאָפּ נישט געפאָלגט און זיך זעלבסט געבראָכן.

דער »סאָלנעטשניק«, אויף וועלכן ס׳איז קיין קונה ניט געוועזן און וועלכן ס׳האָבן ערגעץ אין א פינסטער און שטויביג ווינקל די מײַז געטרײַ געגעסן, מיט דעם בעצע־נעצערס נאַרעשן באַנקראָט, וואָס האָט אָהן שכל בײַ אים געלט געליען און אָהן שכל אָנגעזעצט, האָבן זיך צו אים אין קאָפּ פאַרקליבן און דאָרטן דעם איינגעמידטן מוח געפּרעסט. ס׳איז געוועזן שווער צו געדענקען זיי, שווער צו פילן זיי אין יעדן קנייטש פונם האַרץ און נאָך שווערער איז געוועזן זיי צו פאַרגעסן און צו טראַכטן, אַז ס׳איז קיין »סאָלנעטשניק« אויף דער וועלט ניט געוועזן און אַז דעם בעצענעצער האָט ער קיין פינפהונדערט רובל ניט געגעבן.

דאָך זײַנען געוועזן מינוטן, ווען ער האָט זיך פאַרגעסן, אַרומגעגאַנגען בײַם וואָקזאַל און געטראַכט וועגן דעם, וואָס אַברהמטשיקן איז גוט, דערפאַר וואָס קיינער האָט בײַ אים קיין געלט נישט צוגענומען, דערפאַר וואָס ער האָט א רעזערוואואַר, א שיינע שטוב, געלט און דער עיקר א שיינע און קלוגע ווײַב, וועלכער ער איז ניט ווערט. ׳און געוואָלט האָט זיך דענסטמאָל, אַז ס׳זאָל א שטורמווינטיגער אָוונט זײַן און שנייען בייזע זאָלן אין די אויגן פּאַטשן און א ווינט א בייזער זאָל די דרויסנ־לאָדנס אָן וואַנט קלאַפּן און קיינער זאָל בײַ אַברהמטשיקן אין באַלויכטענעם שטיבל ניט זײַן, חוץ אים מיט יענער טונקעלער און שיינער, וועלכע זאָל קוקן אויף אים מיט קלוגע אויגן, אויסהערן מיט גרויס אויפמערקזאַמקײַט זײַנע טיפע ייסורים און זאָגן:

»איר דאַרפט וויסן, ביינעש, איך פאַרשטיי אייך... כ׳פיל אפשר צוזאַמען מיט אייך...«

נאָר וואָס האָבן זיי, די וואָקזאַללײַט, פון אים געוואָלט? פאַרוואָס האָבן זיי געשמועסט וועגן אים אין יעדער ווינ־

קעלע? פאַרוואָס האָבן זיי פון יעדן לאָך אַרויסגעקוקט אויף אים מיט שמייכלדיגע און נייַגעריגע אויגן און אָנגעוויזן:

»אָט גייט ער, ביינעש. אָט איז ער... ווי איך בין א ייד«.

---

אָט איז א לעצטער ווינטערדיגער פאַרנאַכט. פייַכט איז דער וואַרעמער אוויר, פייַכט איז דער וואָקזאַל מיט די אָפּגעשאָקלטע און נאַקעטע בוימער, וואָס רינגלען אים אַרום, פייַכט זיינען די מענשנס פנימער.

ערגעץ העכער פונם עולם־התוהו קריגן זיך איבער די הימלען דער ווינטער מיטן פריהלינג. שמייכלט דאָרטן דער פריהלינג און בעט:

»הימלען, זייַט ריין און לויטער, ס'וועט דאָך אייך נאָכדעם געוויס הנאה טאָן«.

בייזערט זיך דער ווינטער און ווינקט מיט זייַנע ברוגזדיגע ברעמען:

»הימלען, טוט אייערס«.

קווענקלען זיך דאָס די הימלען און ווייסן ניט וועמען צו פאָלגן. זיי זיינען טאַקע אָט לויטער, אָט וואָלקנדיג.

און אומבאַשעפטיגטע מענשן פאַררייַסן צו די הימלען זייערע קעפּ און קלערן:

»וואו וועט זיך די זון זעצן: אינם וואָלקן צו אינם ריינעם הימל?«

אויף דעם וואָקזאַלפּלאַץ שטייען בינטלאַכווייַז די סוחרים און שמועסן נאָך אַלץ פון ביינעשן:

»סטייַטש. ער איז דאָך שוין באַלד א קבצן, ביי אים בלייַבט דאָס?!«

קומט אָן א פּאַסאַזשירצוג, פאַרגעסן זיי ביינעשן א ווייַלע און נעמען זיך צום יונגן עולם, וואָס לערנט ערגעץ

אין פֿאַרשיידענע גרויסע שטעט און פֿאָרן איצט אַהיים אויף יום־טוב. מען ווינקט אויף אַן אויסגעדאַרטן בחור, אַן עקסטערן, א בעל־מרה־שחורה און מען באַקלאָגט אים:

»אוי... אָרעם נעבעך, אָרעם, ווי איז דער מאַמען«.

און ווען ס׳גייט נאָר אָפּ דער צוג דערמאָנט מען זיך ווידער אָן ביינעשן:

»שאַ, וואוהין פֿאָרט ביינעש אויף פסח? די שוויגער זײַנע וועט דאָך אים געוויס מיט א שטעקן דורכטרײַבן«.

ער גייט אַרום איינראַליין, בײַסט די נעגל און טראַכט:

»וואָס האָבן זיי צו מיר?«

אלי דערבאַרעמדיגער גייט פֿאַרבײַ אים מיט א פרעמדן סוחר און קלאָגט זיך צום סוחר מיטן דינעם ווײַבערשן קול:

»שיינע געשעפֿטן מאַכט מען הײַנטיגע צײַטן. אָט איז בײַם וואָקזאַל איינער ביינעש רובינשטיין פֿאַרהאַן... איר האָט שוין געהערט?... נו זעהט איר שוין... כ׳זאָג אייך, מ׳טאָר טאַקע הײַנט ניט אַרויסלאָזן א קאָפּיקע פונם האַנט«.

ער איז אָנאַזײַט געשטאַנען און געטראַכט:

»און ווער האָט דען, חוץ פּיווניאַקן, אויף דעם וואָקזאַל צעפּויקט?«

נאָר פּיווניאַק האָט זיך ניטוויסנדיג געמאַכט און זיך, ניט ווײַט פון אים, מיט די וואָקזאַללײַט געוועדטלט:

»הערט איר, פּאַניע דערבאַרעמדיגער, כ׳האָב שוין דאָ וועגן אייך אסך געטראַכט, אָט לאָזן יידן זאָגן... ס׳פּאַרדריסט מיך אויף אייך ביז די לעבער... איז אָבער צו אייך נאָר איין עצה פֿאַרהאַן: אָפּשטעלן אייך אָטדאָ און אָפּציילן די אמתע עטליכע פּעטש. איר פֿאַרשטייט?«

דער עולם לאַכט געשמאַק און נאָר בײַם גוטן משכיל און בעל־מדות שמייכלען עטוואָס פֿאַרוואונדערט די אויגן.

»פעטש? פרעגט ער, פאַרוואָס ר׳ לוי?«

און פיוניאַק קווענקלט זיך און ענטפערט אויפן קול:

»נאָר פעטש. דען געלט, זאָג איך, האָט איר; א שיינעם טאַטן האָט איר געהאט, אין געלט אָדער אין כבוד רירט איר קיינעם ניט אָן, און א נדבה א שיינע גיט איר אויך, איז צו אַזאַ חצוף און עזות־פנים קיין אַנדער עצה, זאָג איך, ניטאָ: מען גיט אים די אמתע עטליכע פעטש אויף שטומלשון און לאָז ער גיין לאָדן צום מיראָוואָי«.

דער פרייליכער עולם האָט געלאַכט און פריינטליך גע־קלאַפּט אין פיוניאַקס פּלייצעס. נאָכדעם האָט זיך דער געלעכטער פּלוצים איבערגעהאַקט און געהערט האָט זיך ווי עמיצער פרעגט:

»נו, און ביינעשן, ר׳ לוי?«

אים אויף צעזעצעניש האָט דאָס עמיצער געפרעגט און פיוניאַק האָט זיך מיט דער שאלה דערפרייט און באַלד אָפּגעענטפערט.

»ע—ע, שוטה איינער, ביינעש האָט זיך שוין אַליין אויסגעפּאַטשט«.

»ש־ש־שאַ!«

ביינעש האָט געהערט, עמיץ האָט שטיל פּיוניאַקן גע־זאָגט, אַז ער, ביינעש, שטייט דאָ ניט ווייַט. ער האָט געפּילט, ווי מען קוקט אויף אים און מען האָט מורא זיך באַגעגענען מיט זייַנע תרעומותדיגע און באַליידיגטע אויגן. דאָס האַרץ האָט זיך שוין געשווינט און מיט א ווייטאָג געקלאַפּט און אַלעמאָל זיך אונטערגעטונקט אין עפּעס א מאָדנע הייסע און זודיגע זאַך. אַזוי משונה און ניט פאַרשטענדליך איז געווען דאָס, וואָס ס׳קלינגט נאָך פאַמעלאַך און רוהיג פּיוניאַקס ווערטלדיגער קול:

»ער מעג שוין הערן, נישקשה, שלמה ליפּ איז שוין רייַכער פאַר אים«.

ס׳האָט געקלונגען אין די אויערן אַן אומגעוויינליך גרויסער גלאָק· דאָס האַרץ האָט שוין שנעלער און שטאַרקער געקלאַפּט און די זאַך, אין וועלכער דאָס האַרץ האָט זיך געבאָדן, איז שוין הייסער געוועןֹ· די אויגן האָבן געקוקט מיט א מעלאַנכאָלישע פלײַסיגקייט און דאָך האָבן זיי פאַר זיך קיינעם ניט געזעהן, חוץ יענעם איינגעהויקערטן, הויכן און ווערטלדיגן, צו וועלכן ס׳האָבן זיך אומגעוויינליך שטאַרק געצויגן די אויגן, די הענט, דאָס אויפגערודערטע אָפּגעבריטע האַרץ און צו וועלכן ער איז געגאַנגען פעסט און שטאָלץ, טראָגנדיג מיט זיך אויך אַזאַ פעסטן און שטאָלצן פסק:

»נאַ זשע דיר! · · ·«

ער האָט געפילט, ווי זײַן האַנט האָט זיך מיט כעס און כוח אַראָפּגעלאָזט אויף פּיווניאַקס באַק און געשעפּט דעם שיכורן טעם פון נקמה:

»און איצט גיי לאָד מיך דו צום מיראָוואָי!«

עפּעס האָט ער א מאָדנעם ענטפער דערהערט: אַן אומ־פאַרשטענדליכן אויסגעשריי פון א ווילדע און צערייצטע שטימע:

»אַ־אַ־אַ!«

ער האָט אָבער ניט געוואוסט, ווער ס׳האָט דעם גע־שריי געטאָן: ער, ביינעש, צי גאָר יענער איינגעהויקער־טער און הויכער, וואָס האָט זיך מיטביידע הענט בײַם אויסגעפּאַטשטן פּנים געהאַלטן? ס׳האָט אים עמיצער פונהינטן אַרומגעכאַפּט און אים פאַר די הענט געהאַלטן· ער האָט זיך נאָך אַלץ צום אויסגעפּאַטשטן פּיווניאַקן געריסן און געטראַכט אַלץ איין קורצן און פאַרעקשנטן געדאַנק:

»און הײַנט לאָד מיך דו צום מיראָוואָי · · ·«

גוטע פרײַנט זיינען צו אים אין א פּאָר טעג אַרום געקומען און געזאָגט:

»ביינעש! פּאָרט אָפּ פונם וואָקזאַל.«

ער האָט אין זייערע פּנימער געקוקט און געטראַכט וועגן פּיוניאַקס פינפאונצוואַנציגיאָריגן בחור, וואָס איז ניטלאַנג פון זעלנערדינסט געקומען. א געזונטער, א הויכער, אָן אָנגעטאָנענער אין א קורץ לײַבל מיט לאַנגע שטיוול, דרייט ער זיך איצט בײַם וואָקזאַל אַרום און קוקט אַרויס אויף אים, ביינעשן. דער בחור האָט א רויט גויאישן פּנים, שטאַרקע פּלייצעס מיט קרעפּטיגע הענט. דער מוח זײַנער איז קליין, צונויפגעוואַקסן און פאַרגרעבט. אַז מען זאָגט אים: »שלאָג!« קען ער א מענשן דערהרגענען.

»ס'איז א תּירוץ? מ'מוז פאָרן«.

»ס'טוט אים איצט אַפילו אַביסל וויי די קאָפּ, און די הענט מיט די פיס ברעכן, נאָר ס'איז א תּירוץ?«

אָט לייגט ער זיך איצט פריה שלאָפן און מאָרגן גאַנצפריה מיטן זעקסאַזייגערדיגן...

---

האָט ער אָבער בײַנאַכט, נאָך א לאַנגן פאַרוואָגלטן דרימל, פּלוצים דערפילט א משונהדיגע קעלט אין אַלע איברים, אַראָפּגעשטעלט א ציטעריגע און באָרוועסע פוס אויף דער קאַלטער פּאָדלאָגע און אַרויפגעוואָרפן אויף דער קאָלדרע זײַן שווערן און וואַרעמען ראָק. אָבער דער ראָק האָט ניט געוואַרעמט און ער האָט זיך אונטערן שווערן צודעק מיט אַלע זײַנע גלידער געוואָרפן און געקלאַפּט מיט די ציינער. פאַרמאַכנדיג די אויגן האָט ער שוואַך איינגעדרימלט און אינזינען געהאַט, אַז מ'דאַרפט שוין אָט באַלד פאָרן מיטן זעקסאַזייגערדיגן...

און וויאַזוי איז ער דאָס פּלוצים שוין אין צוג אויסגע־וואַקסן! אין שלאָפוואַגאָן האָבן נאָך ליכט אין די לאַמ־טערנעס געברענט. באָרוועסע פּיס האָבן דאָרטן פון די פּאָליצעס אַרויסגעשטעקט. ער האָט זיך אין האַלב־פינסטערן ווינקל פאַרשטופּט, האָבן זיך אָבער דאָרטן באַקאַנטע געפונען, געשמייכלט צו אים און געפרעגט:

»וואוהין, וואוהין פאָרט מען דאָס, ר׳ ביינעש, אַ?«

ס׳איז געווען אוממעגליך שווער צו הערן די שאלה און דאָך האָט ער געמוזט צושמייכלען און ענטפערן:

»מען פאָרט... מען פאָרט... צום טאַטן אויף פסח פאָרט מען«.

»גאָר אַזוי?«

די באַקאַנטע האָבן ניט פאַרשטאַנען און ער האָט נאָך אַלץ צוגעשמייכלט. א מתנה פירט ער דאָס דעם טאַטן, א ביסל נחת פון אן אויסגעגעבענעם זון... און דער טאַטע אַליין... דער דרימלדיגער, הויכער און אויס־געדאַרטער יורד און יחסן, וואָס האָט נאָך אין דעם פאַר־וואָרפענעם שטעטל אַן אויסגעקרימטע האַלבאיינגעפאַלענע שטוב און א שטאָט אין מזרח. ער נעמט דאָרטן מן־הסתם קיצבה און מתן־בסתר פון רייַכע בעלי־בתים, וואָס גע־דענקען נאָך זייַן שווערס עשירות... און די מאַמע זייַנע, די איינגעהויקערטע און קלוגע יידענע, וואָס קאָן נאָך אַלץ אָן די גוטע, יונגע יאָרן נישט פאַרגעסן, וועט זיך די וואַרעמע טרערן מיטן פאַרטאַך ווישן, אויסגלאָצן צו אים פון צייַט צו צייַט א רויטע טרערנדיגע רחמנות־אויג און וועט די גאַנצע צייַט אינזינען האָבן די איינציגע ווייענדע מחשבה:

»דערלעבט... רבונו של עולם...«

און איידעלע יונגעלייַט מיט געוועזענע חברים, פאַר וועלכע ער האָט זיך יינגלווייַז באַרימט, אַז ער וועט

אַמאָל א גרויסער גביר זײַן ··· און די שוויַיגנדיג־טרוי־
עריגע קרובים פון דער ערשטער וויַיב ···

אַלץ, אַלץ איז פאַרהאַן דאָרטן, אין יענעם טײַערן
שטעטעלע, וואוהין ער פאָרט איצט אויף פסח. טאָ לאָזן
זשע לפּחות אָטדי באַקאַנטע צו אים נישט שמייכלען און
לאָזן זיי נישט פרעגן:

»וואוהין? וואוהין פאָרט מען דאָס, רֶב ביינעש?«

---

נאָר אין זײַן קליינעם חדרל, וואָס אין איינגעהויקערטן,
פויערשן שטיבל, איז שוין זעהר הייס געוועזן. א בלאַסע
שיין פון אַ טונקעלן, קאַלטן און זעהר וואָלקנדיגן פריה־
מאָרגן האָט דאָ שטיל גערוהט. ער האָט געעפנט די אויגן
און נישט פאַרשטאַנען:

»איז ער, הייסט דאָס, נאָך נישט געפאָרן?«

ערגעץ אין א לאָך, וואָס אויף דער אויסגעקרימטער
און גוט אויסגעהייצטער הרובע, האָט געגרילצט אַן אומ־
רוהיגע גריל און ווילד הנאה געהאַט פון דער וואַרעמ־
קײַט. זעהר טונקל איז אינם קליינעם חדרל געוועזן, און
אויך אַזוי טונקל איז געוועזן דאָרטן פון יענער זײַט
קליינעם און פירעקיגן פענסטערל, וואו דער אַלטער עפּל־
בוים האָט זיך אינגאַנצן געשאָקלט און עמיצן מיט זײַנע
נאַקעטע און טרויעריגע צוויַיגן געסטראַשעט.

ער האָט זיך דערמאנט אָן פּיווניאַקס קרעפטיגן בחור,
וואָס דרייט זיך אַרום בײַם וואָקזאַל, א קלער געטאָן, אַז
ער ווערט שלאָף און צוריק פאַרמאַכט די אויגן. די הענט
מיט די פיס האָבן ווי געטאָן, דער קאָפּ איז געוועזן שווער
און הייס, און דרימלען האָט זיך שטאַרק געוואָלט.

האָט אָבער דער רוח געעסט פונם וואָקזאַל אָנגעטראָגן,
גוטהאַרציגע סוחרים, הייסט דאָס, האָבן זיך פאָרט דער־
באַרעמט און געקומען אים טרייסטן:

»ווייס איך וואָס? ס׳איז א קליינער אומגליק«.

דער עיקר, הייסט דאָס, איז נישט דער פּאַטש, וואָס ער האָט פּיוניאַקן געגעבן, נאָר דאָס, וואָס אַברהמטשיק שמעלצט זיך, וואָס סוחרים מיט קאָמיסיאָנערן קווענקלען און מאַכען ליצנות. דאָרטן ביי אַברהמטשיקן, זיצן זיי און פרעגן:

»ער האָט דאָך שוין באַלד קיין פּרוטה ניט?«

וואָס איז דאָ שייך? ווער ווייסט ניט, אַז א צווייטער אויף זיין אָרט וואָלט ביים וואָקזאַל צופרידן געלעבט און זיין געלט וואָלט ער ניט אָנגעוואָרן און פּיוניאַק וואָלט קיין העזה ניט געהאַט?...

ער האָט א ציטער געטאָן מיט אַלע הייסע גלידער און זיך אויפגעכאַפּט.

אין זיין קליינעם טונקעלן חדר איז געווען שטיל און פּוסט, און נאָר ביים בעט איז געשטאַנען א געזונטער און קרעפּטיגער יונגערמאַן און געהאַלטן זעהר א קאַלטע האַנט אויף זיין בריהענדיגן שטערן. מיט שווערע און שלאָפנדיגע אויגן האָט ער צום יונגנמאַן אַרויפגעקוקט און געזעהן: זעהר א באַקאָנטער, פרישער און פאַרביגער פּנים מיט אויך אַזאַ באַקאַנטען, פרישן און רוהיגן שמייכל.

»אַזוי, גאָר אַזוי?« האָט דעם יונגנמאַנס פרישער שמייכל געפרעגט און ער האָט זיך שוין דערמאַנט, אַז אַזוי שמייכלט נאָר איציק ברוך און געענטפערט אין געדאַנק:

»אַזוי, געוויס אַזוי...«

לעבן איציקן איז געשטאַנען די דאַרענקע אָפּגעשאָרענע מיידל און געקוקט אויף אים מיט דערשראָקענע אויגן.

»אפשר זיין ווייב אַרויסרופן?« האָט זי איציקן שטיל געפרעגט.

און איציק האָט גאָרנישט געענטפערט און נאָך אַלץ

געשמייכלט. ביינעש האָט פּאַמעליך פאַרמאַכט די אויגן און ווידער איינגעדרימלט.

---

ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, ווען אין חדר האָט שוין א לאָמפּ געברענט.

דער וואָקזאַלדאָקטער האָט מיט קעלט געטעטעמט אויף זיין הייסן פּנים און אים איילנדיג אַרומגעטאַפּט מיט שטע־כנדיג קאַלטע פינגער.

»א לונגאָנצינדונג אָדער א טיפוס, ווער ווייסט אים?« האָט דער דאָקטער אָפּגעזיפצט.

און פאַר די לעצטע ווערטער האָבן זיך נישט דער־שראָקן נישט ער, נישט איציק און נישט די דאַרענקע אָפּגעשאָרענע מיידל. נאָר ביי וואָלאָדיען האָבן זיך אויף א רגע צעשפּרייט די געלוואַסערדיגע אויגן און באַלד ווידער אָנגעפאַנגען צו שמייכלען.

## IX

אינדרויסן איז שוין ווידער וואַרעם געווען.

אַרומטאַנצנדיג אויף די קרומע צווייגן פונם מיט זונענ־שטראַלן באַגאָסענעם עפּלבוים, האָבן זיך די פויגעלאַך משמח געווען מיט דעם נייעם פריהלינג. פאַר גרויס נחת האָבן זיי געפּישטשעט, געשפּרונגען און זיך געהוידעט אויף יעדן דינעם און פייכטן צווייגעלע.

דורכן אָפענעם פענסטער האָט זיך געזעהן ווי דער בעל־הבית, דער פויער, שפּאַנט דאָרטן אַרום אין סעדל אָהן א היטל, באַטראַכט יעדן יונגן בוימעלע, טוט דאָס א שאָקל און פּרובט, צי ס׳האָבן דעם נישט געשאַדט די ווינטערדיגע פרעסט. זיינע גרויסע צוויי הינט, האָריגע, אויסגעפּאַשעטע און זאַטע, זיינען אים פאַמעליך נאָכ־געגאַנגען טריט ביי טריט. געכאַפּט דרך־אגב א הינטעשן

שפיל׳ זיך געיאָגט׳ געראַנגלט׳ געביסן אַלץ אויפצו־
כלומרשט׳ אויפן עק גאָרטן האָבן זיי א פרעמדן חזיר
באַמערקט און זיך געלאָזט צו איםביידע מיטאַמאָל׳
לויפנדיג געשווינט איבער די שוואַרצע שטיקער פון דער
פייַכטער גאָרטנערד׳ דערזעהענדיג די הינט נאָך פונ־
ווייַטן׳ האָט דער חזיר פון שרעק פאַרגעסן דעם אָרט׳
וואו דער הילצערנער פלויט איז נידעריג׳ און זיך געלאָזט
לויפן אין אַן אַנדער זייַט׳ באַלד אָבער האָט ער דער־
פילט׳ אַז די הינט האָבן אים געפּאַקט פאַר זייַנע לאַנגע
אויערן׳ און אויפגעהויבן אַן אומגעלומפּערטן חזירשן גע־
פילדער׳

און דאָ האָט דער פויער גערעדט צו זיך אַליין׳ דער־
זעהן׳ אַז ביינעש שטייט בייַם אָפענעם פענסטערל און
זיך פאַר אים פאַרשעמט׳

ביינעש האָט זיך פאַמעליך אָנגעטאָן און דאָס ערשטע
מאָל נאָך דער שלאַפקייט אַרויסגעגאַנגען אינדרויסן׳

אַזוי וואַרעם און שיין איז שוין געווען׳ און די הימלען
זיינען שוין געווען פאַרחלומט און בלוי׳ און א זון א פאַר־
חלומטע האָט זיך שוין אין זיי געלויכטן און געמאַכט
קינדערשע חנדעלעך׳ גלייַך ווי עמיץ וואָלט צו איר
שמייכלען און טשמאָקען מיט די ליפן׳

ער איז געשטאַנען די הענט אין די קעשענעס און גע־
קוקט׳

א שמאָלע און אויסגעטרעטענע סטעזשקעלע האָט זיך
געדרייט צווישן צוויי זייַטן האַלבפאַרטריקנטע שטיקער־
בלאָטע און פאַרפאַלן געוואָרן ערגעץ אין גראָבן׳ וואָס
בייַם וואָקזאַל׳

»צום וואָקזאַל גיין?« האָט ער געקלערט׳

ער האָט זיך געגעבן א טאַפּ פאַר זייַנע מאָגערע באַקן
און באַטראַכט זייַנע אָפּגעשוואַכטע דאַרע הענט; אַרויס־

גענומען פאַמעליך דעם טאַש און אים מיט צונויפגעדריקטע ציטעריגע פינגער נאָכאַמאָל איבערגעלייגט.

»א תכלית, האָט ער אָפּגעזיפצט, א שיינער תכלית«.

ער איז געגאַנגען פאַמעליך, ווי א קליין קינד, וואָס האָט זיך נישטלאַנג גיין אויסגעלערנט, און געקוקט אַראָפּ, וואו זײַנע טריט האָבן געמאַכט סימנים אויף דער ווייכער ערד. אַרום איז געווען רוהיג און שטיל. מיט א רוהיגער שטילקייט האָט זיך צעגאָסן די שײַן פון דער זון און ליבליך געוואַרעמט די קליינע צעוואָרפענע שטיבלאַך.

אונטער די ווייכע זונענשטראַלן האָבן די שטיבלאַך געכאַפּט א בײַטאָגעדיגן דרימל און דרימלענדיג זיך צו־געהערט צו יענע קלעפּ פונם שמיד, וועלכע האָבן ערגעץ ווײַט דערציילט דער שטילקײַט אַלץ איין לאַנגזאַמע און טרויעריגע מעשה:

»א מעשה מיט א דערשלאָגענעם«.

»א מעשה מיט אַן אומגליקליכן«.

»א מעשה מיט א טרויעריגן, וועלכער האָט דורך שווייס און שווערקײַט זײַן פרנסה באַקומען.«

לעבן וואָקזאַל האָט אים אָנגעיאָגט אַברהמטשיק קויפ־מאַן, אים א קניפּ געטאָן הינטנאַרום און מיט גרויס איילעניש אַרײַנגעשריען אין זײַן אויער:

»ביינעש, אפשר א גמילות־חסדל, אַ?«

און בשעת ביינעשס דאַרע באַקן האָבן זיך פאַמעליך פאַרקנייטשט מיט א שלאַפן שמייכל, איז שוין אַברהמטשיק געשווינד געלאָפן מיט אַן איבערגעשראָקענעם קאָמיסיאָנער און האַלב ערנסט, האַלב מיט ליצנות צו אים געטענהט:

»נו, בהמה, האָסט דו אָהן מיר נישט געקאָנט מודיע זײַן דעם נאַטשאַלניק?«

און ביינעש האָט נאָך אַלץ געשמייכלט און געהאַלטן צו אים אויסגעשטרעקט זײַן שוואַכע און דאַרע האַנט.

באַלד זיינען קעגן אים פונם וואָקזאַל אָנגעקומען צוויי באַקאַנטע קאָמיסיאָנערן.

זיי האָבן זיך לעבן אים נישט אָפּגעשטעלט, אַפילו נישט באַגריסט, נאָר געוואָרפן א שווײַגעדיגן בליק אויף זײַן בלאַס און אויסגעדאַרט פנים און אונטער זײַנע פלייצעס שוין געשמועסט וועגן אים אויפן סוחרישן לשון:

»נו, וואָס זאָגסט דו?«

»וואָס זאָל איך זאָגן?«

»דורך טיר און דורך טויערן, אַ?«

»וואָס פרעגסט דו?«

און ער איז געגאנגען ווײַטער מיט קליינע און שוואַכע טריט. דער שלאָפער שמייכל האָט זיך פון זײַן דאַרן פנים פּאַמעליך אַראָפּגערוקט און זיך פאַרביטן אויף א ביטערע מינע פון קליינקײַט און געפאַלנקײַט. עפּעס האָט ער נישט פאַרשטאַנען און אַליין נישט געוואוסט, וואָס ער פאַרשטייט נישט. אַלץ איז אַרום געווען פשוט און געוויינליך, אַלץ האָט ווי געוויינליך גערוהט מיט א שטילן עטוואָס פאַרחלומטן געזיכט און זיך שטיל געהילט אין דער ליכטיגקײַט פון דער גרויסער מערב־זון.

ס׳איז שוין געווען נאָך דעם אָפּגיין פון די בײַטאָגעדיגע צוגן.

אויפן ליידיגן וואָקזאַלפלאַץ האָבן דאָ און דאָרטן אַרומגעטאַנצט פויגעלאַך. זיי זיינען געשפרונגען פון איין אָרט אויפן צווייטן און צײַטנווײַז געפּיקט בײַ זיך אונטער די פליגעלאַך.

פיר יונגע סוחרים זיינען דאָ געזעסן אויף א באַנק, זיך געוואַרעמט קעגן דער אָפּגייענדיגער רויטליכער מערב־זון און האָבן געשמועסט פון מסחר, פון סוחרים און פון שיינע יונגע ווײַבלאַך.

אָט האָט איינער פון זיי אים באַמערקט, א שמייכל גע־

טאָן צו די איבעריגע און באַלד אַראָפּגעלאָזט די אויגן. און אַלע האָבן שוין געקוקט אויף אים און אים באַטראַכט מיט א שטום־סוחרישן שמייכל.

ער האָט אַראָפּגעלאָזט די קאָפּ, געמאַכט עטליכע טריט און שטיין געבליבן פאַר דעם מיטלסטן גרויסן און פיר־עקיגן פענסטער פון דעם צווייטן קלאַס. מיט קאָרטן אין די הענט זיינען דאָרטן אַרום א טיש געזעסן עטליכע פרעמדע סוחרים, פיוניאַק, שלמקע פערל און דער קאָ־מיסיאָנער מיטן געזונטן פנים און גרויסע פאַרדרייטע וואָנצעס. א רוהיגקייַט איז געלעגן אויף זייערע פנימער, א רוהיגקייַט פון מענשן, וואָס האָבן זיך נישט לאַנג אויס־געשלאָפן, געטאָן א געשמאַקן גענעץ, טראַכטנדיג: עט, וועלן מיר אפשר כאַפּן א קערטל.

נאָר אָט האָט פיוניאַק א וואונק געטאָן צום פענסטער. אַלע האָבן זיך אומגעקוקט און אים באַטראַכט מיט א שמייכל. ער האָט זיך אַוועקגעדרייט פונם פענסטער און איז געגאַנגען צוריק אַהיים, געשפּאַנט צוריק מיט דיזעלבע פּאַמעליכע און שוואַכע טריט, מיט וועלכע ער איז ניט־לאַנג צום וואָקזאַל געקומען.

---

ער איז געלעגן אין בעט און געטראַכט, אַז ער האָט איצט פאַרקרענקט די לעצטע געלט, אַז ביי אַברהמטשיקן איז שוין אָפן דער באַלקאָן, אויף וועלכן מען טרינקט איצט לאַנגזאַם טיי און מען וואַרעמט זיך קעגן דער רויטער, פאַרגייענדיגער זון.

ס'איז אַרייַנגעקומען וואָלאָדיע מיט זייַנע גאָלדענע קנעפּ און וואַסערדיגע אויגן. ער איז לאַנג געזעסן לעבן אים, לאַנג געשמייכלט מיט זייַנע וואַסערדיגע אויגן און לאַנג דערציילט, אַז איציק לערנט שוין ווידער ערגעץ אין די גרויסע שטעט, אַז די קליינע אָפּגעשאָרענע מיידל וויל

שוין אויך אין יענע שטעט פאָרן, אַז אַברהמטשיקס ווײַבל איז א שיינע און א חנעוודיגע, און דערפאַר האָט חשק צו איהר ער, דער קלײַענדיגער מיט די געלוואַסערדיגע און תּמיד שמייכלדיגע אויגן.

אָן עפּעסוואָס האָט זיך וואָלאָדיע פּלוצים דערמאנט, אויפגעשפּרונגען מיט א פאַרביג קוועלנדיגן פּנים און אָנ־געהייבן געשווינט און פילמאָל דערמאנען דעם נאָמען פון אַברהמטשיקס שיינע ווײַבל און אויך דעם נאָמען פון יענעם הויכן און געזונטן קאָמיסיאָנער, וועלכער האָט גע־האַט פאַרדרייטע וואָנצעס מיט א נאַרעשן און שיינעם פּנים.

»אָט א מזיק! האָט זיך וואָלאָדיע אויפן קאָמיסיאָנער געוואונדערט, ער האָט געלייגט דעם קאַפּ, איר פאַר־שטייט?«

»אַזוי?« האָט ביינעש געפרעגט.

און דענסטמאָל ווען ער האָט נעקלערט, אַז יענער, וועלכער האָט זײַן קאָפּ געלייגט און זײַן ציל דערגרייכט, דרייט זיך איצט רוהיג אַרום אויפן וואָקזאַלפּלאַץ און גע־נעצט פון צײַט צו צײַט מיט א שטאָלצע און זיכערע מיינונג וועגן זיך, האָט אים שוין וואָלאָדיע געקיצלט אונטערן אָרעם, געוואונקען צו אים מיט א צוגעמאַכטער אויג און געפרעגט:

»נו, און איר ביינעשל, אַ? טצצצ!... טצצצ!...«

ער האָט זיך פּלוצים דערמאנט, אַז איר, דערזעלבער, האָט ער פילמאָל דערציילט וועגן זיך, וועגן זײַן מיאוסער און שלאַפער ווײַב און געפילט א טעמפּן ווייטאָג פון חרטה און בושה.

---

ס׳איז שוין אין חדר געווען האַלב טונקל, שטיל און רוהיג. דורך דעם אָפענעם פענסטער האָט פון דער הימלבלויער הויכקײַט אַרײַנגעקוקט א ריינע, ווי נאָר־

וואָס אויסגעבאָדענע, לבנה און אויסגעזעהן, ווי זי האַלט אינמיטן א חקרניש טרויעריגן געדאַנק. מיט דרך־ארץ און כּבוד האָבן צו איר אַרויפגעקוקט די פאַרשטיינערטע שפּיצן פון די אָפּגעגילטע נאָהענטע און ווײַטע בוימער און אַלץ געוואַרט אויף דעם מאָמענט, ווען די לבנה וועט זיי דעם סוד פון טרויער און אייביגע מרה־שחורה מגלה זײַן. נאָר די לבנה איז אַלץ געווען פאַרטיפט אין הימלזאַכן. געשטאַנען אויף איין אָרט און געקלערט.

ערגעץ נישט ווײַט זיינען א גאַנצע מחנה הינט מיטאַמאָל אָנגעפאַלן אויף א דורכגייער. די הינט האָבן זיך אַרום אים געטראָגן מיט רציחה, מיט כּעס און מיט ווילדע גוואַלדן, גלײַכוּוי ער וואָלט געווען דער איינציגער גזלן, אויף וועלכן זיי וואַרטן שוין דאָ פון יאָרן, פון יאָרן.

ס'האָט זיך געהערט, ווי דער דורכגייענדיגער שרײַט און טרײַבט זיי פון זיך אַוועק, ווי איינער א הונט האָט פון אים געכאַפּט א געשמאַקן קלאַפּ און איז מיט א טרויער־קלאָג אַוועקגעלאָפן אינאַזײַט.

ס'איז ווידער געוואָרן שטיל און רוהיג.

אין דער טיפעניש פון א פינסטערן ווינקל האָט זיך נאָך אַלץ געוועבט וואָלאָדיעס פּנים; ס'האָט זיך געדאַכט, אַז ער ווינקט דאָרטן מיט א צוגעמאַכטער אויג, לאַכט פון צווישן צונויפגעדריקטע ציינער און פרעגט:

»נו, און איר, ביינעשל, אַ? טצצצ!... טצצצ!...«

אינדרויסן האָט עמיץ ווי א קרעל געטאָן די וואַנט, געמאַכט עטליכע שטילע טריט צום פענסטער און באַלד אַרײַנגערוקט אינווייניג אַן איבערגעדעקטן מיט א שוואַרצן שאַל קאָפּ. ער האָט זיך מיטאַמאָל אויפגעהויבן און דער־זעהן אַברהמטשיקס ווײַבל. אין איין רגע האָבן זיך אין זײַן קאָפּ צוזאַמענגעקליבן פיל אָפּגעריסענע געדאַנקען וועגן איר מיטן קאָמיסיאָנער און מיטאַמאָל פאַרטומלט

דעם מוח· עפּעס האָט זי געפרעגט מיט איר געוויינליכן דינעם און אָנגענעמען קול, נאָר ער איז געווען צעטומלט און ניט געהערט·

»וואַרט, האָט ער זוכנדיג עפּעס געשווינט מיט די הענט אויפן טיש געמורמלט· אָט וועל איך דעם לאָמפּ אָנצינדן«·

אָבער ער האָט אויפן טיש גאָרניט געפונען און דעם לאָמפּ ניט אָנגעצונדן· אין דער טונקלקייט, וואָס אין חדר, האָט ווידער גערוהט א שטילקייט, זיך געטוליעט צו די ווענט און זיך אַלעמאָל דורכגעשניטן מיט איר טרויעריגן עטוואָס אַראָפּגעלאָזטן קול:

»אַזוי שיין איז שוין די נאַכט, אַזוי וואַרעם און שטיל··· שטיל···«

וועגן עפּעסוואָס האָט זי דערציילט לאַנגזאַם און שטיל; וועגן א מענשנס אַנטלאָפענעם לעבן, וועגן אירן אַן אייגענעם האַלבטונקעלן חלום, וועלכער האָט זי לאַנג גענאַרט און איז צום סוף נישט מקויים געוואָרן·

אַרום האָט אַלץ געשוויגן און זיך איינגעהערט מיט בענקשאַפט און געפיל· די פאַרחלומטע לבנה האָט זיך אינדרויסן נעהענטער צוגערוקט, אַריינגעוואָרפן איבער איר אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ א געלע און בלאַסע שיין און האַלב פאַרקלערט געהערט, וואָס דאָס ווייבל אינם שאַל דערציילט:

» · · · ווייט־ווייט ליגט דאָס אונזער שטעטל· אויפן שיפּוע פון א באַרג ליגט דאָס · · · א גרויסע לבנה שיינט שוין דאָרטן איצטער געוויס, און די זשאַבעס שטעקן שוין דאָרטן די קעפּלאַך פונם טייכבלאַט אַרויס און קוואַקען אויף דער לבנה קוקנדיג · · · און דאָס וואַסער קלאַפּט שוין דאָרטן מיט גערויש און דרייט די מילראָד וואָס אין טאָל · · · און יינגעלאַך שפּילן זיך שוין דאָרטן מיטן

פרישן שטויב ··· וואַרפן דעם שטויב אינדערהייך און שרײַען, וואַרפן און שרײַען ···«

זי האָט זיך פּלוצים פונאַנדערגעלאַכט אויפן קול און שטיל געבליבן. מיטאַמאָל איז אַרום געוואָרן שטאַרק רוהיג און נודנע. פון א ווינקל האָט זיך אָנגעהייבן אַרויס־רוקן עמיצנס א לאַנגער שאָטן און באַלד נעלם געוואָרן. נאָכדעם האָט זיך געהערט, ווי ניט ווײַט אין סעדל יאָגט זיך א הונט נאָך א צערייצטער קאַץ, ווי די קאַץ אַנט־לויפט און דראַפּעט זיך געשווינט אַרויף אויף איינעם א נאָהענטן בוים.

»עכככ!« האָט עמיץ נאָהענט א טיפן זיפץ געטאָן.

ביינעש האָט זיך ווי פון א שלאָף אויפגעכאַפּט, עפּעס־וואָס מפקיר געווען און אויף דעם אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט!

»עט! ···«

נאָר זי האָט שוין דערציילט פון זײַנעם א קראַנקן אינ־טערעס. וועגן זײַן שלאַפקייַט האָט זי דערציילט, וועגן דער ווײַב, וועלכע איז צו אים דענסטמאָל פונם שטעטל געקומען:

»אָפּגעוועזן צוויי טאָג און אַליין קראַנק געוואָרן ···־ געגאַנגען ערגעץ, געפאַלן און אין חלשות געבליבן«.

---

זיי זיינען שוין ביידע געגאַנגען אויף דער שמאָלער און מיט לבנהשײַן באַגאָסענער סטעזשקע, וואָס האָט גע־פירט צום וואָקזאַל, געגאַנגען פאַמעליך טריט בײַ טריט און ביידע געקוקט אַראָפּ.

ס'האָבן געגלאַנצט פײַכטע גרינע דעכער. ס'האָט ער־געץ מאָדנע געגרילצט א פאַרבלאָנדזשעטע נאַכטפויגל און רויטגרינע לאַמטערנעס, וואָס אויף דער דריטער ווערסט,

האָבן פונוויַיטן אָפּגעגעבן א גרוס פון מענשן, וועלכע שלאָפן נישט בײַנאַכט.

»איר פאַרשטייט? האָט זי זיך מיט א זיפץ געקלאָגט, אַלץ האָט מיר ליגן געזאָגט און איך בין א נאַר געווען און געגלויבט; האָב איך נאָכדעם אַליין ליגן געזאָגט, האָט מען מיר אויך געגלויבט . . . דאַרפט איר דאָך וויסן: אַליין בין איך אויך מיאוס אַרײַנגעפאַלן: ליב געהאַט איינעם און חתונה געהאַט פאַר א צווייטן. נאָר וואָס איז דאָ שייך? . . . אויפן וואָקזאַל שמועסן דאָך שוין פון מיר ווײַבער . . .«

אַנטקעגן איז פלוצים אָנגעקומען א גרויסשטעטיגער סוחר, וואָס איז נישטלאַנג צום וואָקזאַל אַראָפּגעקומען. זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט. דער סוחר האָט פאַמעליך די ברילן פונם נאָז אַראָפּגענומען, זיי אויסגעווישט לאַנג־ווײַליג, געלאַכט און דערציילט, אַז ער גייט собственно говоря צו זיי: צו איר און צו אַברהמטשיקן: הייסט דאָס, אַז ס׳איצט בײַם וואָקזאַל אומעטיג און ס׳ווילט זיך אין קאָרטן שפּילן, נאָכדעם האָט ער די ברילן צוריק אָנ־געטאָן, אַרומגעקוקט ביינעשן פון קאָפּ ביז די פיס, זיך ווי איבערצײַגט, אַז ער איז קיין מענש ניט, און געזאָגט צו איר:

»קומט«.

און זי האָט זיך שוין מער אויף אים נישט אַרומ־געקוקט און ערגעץ אַוועקגעגאַנגען מיטן גרויסשטעטיגן סוחר.

ווען זיי זײַנען פון די אויגן נעלם געוואָרן האָט ער גלאַטאַזוי א זיפץ געטאָן און פאַמעליך אַוועקגעשפּאַנט צו זיך אַהיים. וואָלאָדיע איז אים פלוצים אַנטקעגן גע־קומען, שווער געעטעמט און אין איילעניש געפרעגט:

»ז׳איז געווען דאָ, לעבן אייער פענסטער?«

און אַז ער האָט געענטפערט יאָ, האָט וואָלאָדיע שוין ווידער צו אים מיט א צוגעמאַכטער אויג געוואונקען, גע־קיצלט און געפרעגט:

»נו, און איר ביינעשל אַ? טצצצ!... טצצצ!...«

## X

גאַנצע טעג האָט ער אין זײַן קליינעם חדרל אַרום־געשפּאַנט און געשוויגן. אַלץ, אַלץ איז שוין אונטער די פּלייצעס געבליבן; ס׳איז שוין אַפילו איבעריג געווען וועגן דעם צו קלערן. האָט ער נאָר געקלערט וועגן דעם, וואָס מענשן איז גוט און אים איז שלעכט. צום וואָקזאַל איז ער נישט געגאַנגען, נישט דערפאַר וואָס ער האָט זיך פאַר עמיצן געשעמט, נאָר דערפאַר וואָס ער האָט די סוחרים נישט פאַרגונען:

»זיי, וואָס מאַכן געשעפטן, קויפן און פאַרקויפן, קוקן דאָך אויף זײַן אויסגעדאַרטן פּנים און האָבן הנאה פון דעם, וואָס אויף אים איז א רחמנות«.

אין איין אָוונט, ווען ער איז אַן אומבאַמערקטער בײַם וואָקזאַל געשטאַנען, האָט ער געהערט ווי סוחרים ריידן וועגן אים:

»ווער, ביינעש? ער רעדט שוין צו זיך אַליין«.

עמיץ א סוחר האָט געוואָלט זיך פונאַנדערלאַכען, נאָר א צווייטער האָט אים געשטערט און זיך געשוואָרן:

»מענש איינער, אַן אויסגעטראַכטע מעשה דערצייל איך דאָס דיר?«

מען האָט דאָרטן גערדרונגען, אַז ער איז שוין אפשר ניט בײַם גאַנצן שכל. און פיוניאַק האָט נאָך דערציילט וועגן דעם משפט מיטן פאַטש, וואָס וועט אינגיכן זײַן און זיך באַרימט.

»אָט וועט איר זעהן··· נײַן איילן אין דרערד וועל איך אים באַגראָבן«· ער האָט זיך אַוועקגעדרייט און נישט געוואָלט וועגן פּיוניאַקן טראַכטן·

---

און דער משפּט איז געווען·

פונקט אום ערב־שבועות איז ער אויסגעפאַלן און מיט־געבראַכט די סוחרים א פריילוכן געדודער·

דאָרטן, אין עק »קאַזאַניע« דאָרף, וואו דעם »מיראָוואָי סודיאַס« ווײַסע און נאָרוואָס אָפּגעקאַלכטע שטיבל האָט זיך איינגאַנצן אינם געדיכט פאַרוואַקסענעם גאָרטן באַהאַלטן, האָט שוין שטאַרק מיט גרינס און מיט ערב־שבועות געשמעקט· די בליהענדיגע בוימער האָבן, ווי פרישע כלות, אויף דער גרינער ערד געקוקט און זי פאַר־דעקט פון דער שפּאָגלנײַער זון, וואָס האָט אונטער זיי ליכטיגע פּאָרמלאָזע פלעקן געוואָרפן· ס׳איז געווען עלף דער זייגער פריה· ביינעש איז אָנאַזײַט א פאַרבאַהאַל־טענער געשטאַנען און געזעהן, ווי אַלעמאָל פאָרט צו א נײַע פור מיט נײַע סוחרים־עדות· ער האָט אויף זיי נישט געוואָלט קוקן און זיך פאַרטראַכט·

אַברהמטשיק האָט אים דאָ געפונען, אַרײַנגעוואָרפן אין איילעניש א פּאָר ווערטער, וועלכע ער האָט נישט פאַר־שטאַנען, און באַלד נעלם געוואָרן· און דאָרטן נישט ווײַט האָבן זיך די סוחרים, ווי אויף א ערב־יום־טובדיגן ברית מזרז געווען און געפרעגט איינער בײַם צווייטן:

»נו, וועט מען דאָס אביסל גיכער מאַכן?··· ס׳איז דאָך עפּעס ערב־יום־טוב«·

דאָרטן, בײַ זיי אינדערהיים, זיינען שוין די טירן אָפן געווען און די פיש האָט מען שוין אויפן פישברעטל גע־האַקט און קינדערלאַך האָבן שוין גרינע מגן־דודס אין די אויפגערוימטע חדרים צעהאַנגען·

אָבער דער „מיראָוואָי סודיאַ״, א בייזער אָפּגעדינטער גענעראַל, האָט זיך ניט געאײַלט, זיך לאַנג דערפרעגט בײַ יעדן עדות און יעדן עדות מוסר געזאָגט. דער משפט האָט זיך ביז פאַרנאַכט פאַרצויגן.

די עדות האָבן ווי מורא געהאַט, אַז דער בייזער אָפּגעדינטער גענעראַל וועט זיי אַלע פונם וואָקזאַל פאַרטרייבן. זיי האָבן דערפאַר פאַרפּלאָנטערטע דיבורים געשאָטן, געענטפערט ניט אויף דעם, וואָס מען האָט זיי געפרעגט און דאָס רוב זיך אָפּגעזאָגט פון עדות זאָגן:

„מיר ווייסן ניט ... מיר האָבן אַליין נישט געזעהן ... מיר האָבן געהערט.״

דער „מיראָוואָי״ האָט זיך געבייזערט אויף זיי און אויף פּיווניאַקן, געשריען, אַז ער וועט זיי אַלעמען אין תּפיסה אַרײַנזעצן, און דאָך האָט ער צום סוף צוויי וואָכן תּפיסה צוגעפּסקנט ביינעשן, דעם אויסגעדאַרטען מרהשחורהניק, וואָס האָט געהאַט א שטאַרק בלאַסן פּנים מיט פאַרטריקנטע ליפּן.

די סוחרים און מעקלערס זיינען שוין צופרידן געוועזן פון דעם, וואָס דער משפט האָט זיך שוין סוף־כל־סוף געענדיגט, זיך אין איילעניש אויפגעזעצט אויף די בעל־עגלהשע בריטשקעס און מיט פאַרשפּעטיגטע פּנימער צוגעברומט:

„נו, נו ...״

און די בעלי־עגלות האָבן די פערד צופיל געשמיסן און זיך געשוואָרן:

„פאַרשפּעטיגט די באָד, ווי איך בין א ייד. וויאָ־אָ־אָ!״

ס׳האָט זיך געזעצט די זון.

ביינעש איז שוין לעבן דעם מיראָוואָיס שטיבל איינעראַליין געשטאַנען און די נעגל געביסן. נישט אין שטעטל, נישט צום וואָקזאַל האָט זיך געגלוסט פאָרן. אָטדאָ, בײַם

אָפּגעקאַלכטן שטיבל, וואָלט ער אפשר געשטאַנען לאַנג־לאַנג, געטראַכט און געביסן די נעגל.

„עט, וועט ער בעסער שוין פונדאַנען גיין די צוויי וואָכן אָפּזיצן!".

און שפּעטער מיט א האַלבע שעה איז ער שוין מיט צוויי צוגעשטעלטע פויערים אויף דעם וועג, וואָס צום שטעטל געגאַנגען. א ריינער בלויער הימל האָט זיך פון אויבן געצויגן, גרינע פעלדער זיינען פון ביידע זייַטן וועג, ווי אומגעוויינליך גרויסע פליגל, געלעגן און אינם בין־השמשותדיגן אַוויר האָט געשמעקט מיט אָפּגעשני־טענע גראָז. איינער פון די צוויי פויערים האָט זיך די נאָז נישט שיין אויסגעשנייַצט און א זאָג געטאָן:

„נו, גיכער דאָרטן, מאַך פיס... ס'איז שוין נאַכט!"

און ער האָט ניט געהערט און פאַרטראַכטערהייט גע־קוקט אַהין, וואו א פאַרשפּעטיגטער פויער איז נאָך מיט פערד און וואָגן אויף זייַן פעלד געשטאַנען. זייַנע ליפּן האָבן זיך געשאָקלט און שטיל געשעפּטשעט:

„פינפהונדערט...".

---

ער איז געזעסן אין א פאַרשלאָסענעם פירעקיגן שטיבל, וואָס לעבן פריסטאַווס הויז, געזעסן אַן אָפּגעשוואַכטער און מרה־שחורהדיגער, ווי אַן אָבל, און געטראַכט וועגן ייזעפ יאַגעשפּאָלסקען: „געווען א יונגערמאַן צו לייַטן, א שטיק אינטעליגענט, געהאַט היפּשע עטליכע טויזנטער, א שיינע ווייַב מיט אויך אזעלכע שיינענקע צוויי מיידלאַך און געלעבט ווי א גראַף. האָבן זיך אָבער די געשעפטן פאַרדרייט ביי אים... און מענשן האָבן אויפגעהערט צו שמייכלען אים אין פנים. און צוליב וואָס זאָלן זיי טאַקע צו אים שמייכלען? זיי האָבן קיין קבצן קיינמאָל ניט געזעהן?"

»פֿאָרט ייזעפּ איינמאָל אָפּ אין א גרויסע שטאָט, פאַר־פּאָרט אין דער שענסטער אַכסניה, לייגט זיך שלאָפן ... און גאַנצפריה עפנט מען די טיר פון זיין חדר אויף און מען זעהט: ייזעפּ הענגט אויף א שטריקל. האָט דאָך ייזעפּ א שיינע ווייב מיט שיינע צוויי קינדער געהאַט. זיי האָבן נאָך אים געקלאָגט. אָבער ער, ביינעש, ווער וועט נאָך אים קלאָגן? ... סייוויסיי זאָגט מען שוין דאָך, אַז ער איז אַביסל צעמישט«.

»אָבער דער עיקר איז נישט דאָס, דער עיקר איז, צי ייזעפּס דעה איז די ריכטיגע געווען, ער קען דאָס ניט אַרומקלערן, דען דער קאָפּ ... דער קאָפּ איז ביי אים צעשלאָגן און דער מוח צוגעפּרעסט און דאָס האַרץ, דאָס האַרץ איז טרויעריג און פילט, אַז אַברהמטשיקן איז דאָרטן גוט און פריילין«.

דאָרטן פון יענער זייט פירעקיגן פענסטערל זיינען יום־טובדיגע שטאָטמיידלאַך אַלע פאַרנאַכט פאָרויס דער שטאָט געגאַנגען. זיי האָבן געהאַט פרישע פנימער, וואָס האָבן געשמייכלט און ביי אים זיינען די אויגן רויט און הייס געווען און די ליפּן פאַרטריקנט און בלאַס.

ער האָט געדאַרט פון טאָג צו טאָג, צייטנווייז געפּרובט א הוסט טאָן און זיך געטאַפּט פאַר דער אויסגעדאַרטער ברוסט. ער איז דאָך אַלעמאָל אַזוי טייער געווען, און איצט ... וואָלט ער, למשל, פּלוצים קראַנק געוואָרן, וואָלט ער, למשל, אויסצערונג באַקומען ...

---

אין איינעם א פאַרנאַכט, ווען מ'האָט אים פון דער קוי־טיגער, פירעקיגער קאַמערל אַרויסגעלאָזט און אים גע־זאָגט, אַז ער מעג שוין גיין וואוהין ער וויל, איז שוין ביי אים א פאַרטיגער פלאַן אין קאָפּ געווען. ער האָט

צוגעוואַרט ביז אינדרויסן איז שוין אינגאַנצן טונקל געוואָרן און געדונגען א פור צום וואָקזאַל.

אָבער דער מוח זײַנער איז שוין זעהר מיד פון טראַכטן געווען און זיך אָפּגעזאָגט פון צו דינען. בשעת דער וואָגן, אין וועלכן ער איז אײַנגעהויקערט און שטיל געזעסן, האָט זיך אינם ערשטן מאָל, וואָס אַרויס דער שטאָט, אַראָפּגעלאָזט, האָט ער שוין דעם פּלאַן געהאַט האַלב פאַרגעסן, זיך געוואָלט אָן אים דערמאָנען און נישט געקאָנט. עפּעס האָט זיך אים אין קאָפּ געבאָמבלט:

»ער דאַרף צום וואָקזאַל קומען... ער דאַרף זײַנע חפצים, וואָס זיינען אין פויערשן שטיבל געבליבן, צונויפנעמען... ער דאַרף ערגעץ אַוועקפאָרן«. נאָר וואוהין, צוליב וואָס פאָרן, דאָס האָט ער נישט געוואוסט און געקוקט, ווי די לבנה באַווייַזט זיך אויפן גרינעם באַרג, וואָס אַנטקעגן.

דאָ, אויף דעם באַרג, איז שוין דער שמאָלער און לייַדיגער וועג מיט א געלן כשוף־ליכט באַלויכטן געווען, זיך געשלענגלט איןביידע זײַטן, זיך אַראָפּגעלאָזט, אויפגעהויבן און פאַרפאַלן געוואָרן אינם ווײַטן עק פונם האָריזאָנט, וואו איבער דעם טונקעלן באַרג מיטן וואָקזאַל איז געהאַנגען א גאַנצע געלבזילבערנע לבנה. דער פויער האָט די פערדלאַך צופיל געשמיסן, האָבן זיי מיט די ווייַדלען די סימנים פון דער בייטש אָפּגעווישט און געשווינד געשלעפּט דעם וואָגן מיט זײַן שאָטן, וואָס אויף דער ערד, און מיט דעם קליינעם וואָלקן פון פאַרגילטן עטוואָס פײַכטן שטויב. ס'האָט געדרימלט די טונקעלע געלטונקעלע וועלט. די קאָפּ האָט זיך פּאַמעליך אויף דער ברוסט אַראָפּגעלאָזט און פאַרגעסן אינם פיין פונם לעבן.

האָט ער אָבער שוין ניט ווײַט פונם וואָקזאַל דאָס קלאפּן פון א פויק מיטן ברומען פון א טרובע דערהערט, זיך ווי פון א חלום אויפגעכאַפּט און זיך דערשראָקן.

דאָס פויקן מיטן שפּילן האָבן זיך געטראָגן ערגעץ פון יענער זײַט, וואו ס׳איז געווען דער רעזערוואואַר, זיך צעגאָסן אין אַלע זײַטן און אָפּגעשטאָרבן אין דער טיף פון דער נאַכט. ער האָט זיך אײַנגעקוקט אין אברהמ־טשיקס שטיבל, וואָס איז צופיל באַלויכטן געווען און זיך דערמאָנט: א חתונה האָט דאָך בײַ אברהמטשיקס שוועסטער באַדאַרפט זײַן ...

און פלוצים האָט ער דערפילט, אז ער ווערט בלאַס. דאָס האַרץ האָט מאָדנע שנעל געקלאַפּט און אין צוגע־פרעסטן מוח האָט זיך אַרומגעדרייט א שרעקליכע סברה:

»ער מוז דאָך בײַ אַברהמטשיקס שטיבל דורכפאָרן. ס׳איז מעגליך, אַז ס׳זיינען איצט דאָרטן אויך זײַן שוויגער מיטן ווײַב פאַרהאַן ... פיווניאַק מיט זײַן חברה וועלן אים דאָרטן דערזעהן, דעם וואָגן מיט אים אַרומרינגלען און שרײַען: אוראַ! אוראַ!«

כדי מען זאָל אים דאָרטן נישט באַמערקן, האָט ער דעם פויער מיט דער פור אָפּגעלאָזט, זיך גענומען לינקס און, איבערשנײַדנדיג די רעלסן, פּאַמעליך אַוועקגעשפּאַנט צום קליינעם גאָרטן, וואָס בײַם וואָקזאַל. דאָרטן האָט ער זיך אויף א באַנק, וואָס אין שאָטן, צוגעזעצט און דעם קאָפּ ווידער ווי א דרימלדיגער, אויף דער ברוסט אַראָפּגעלאָזט.

ס׳איז געווען שטיל, און די געלבאַלויכטענע שפּיצן פון די גלײַכע טאָפּאָלעס האָבן זיך נישט געשאָקלט, און קיין ריר האָט זיך אויף קיין בלעטל געטאָן. נאָר דאָרטן אין א ווינקל, וואָס פון יענער זײַט לאַנגע בוימערשאָטנס, האָט דאָס מיידל, וואָס האָט אויפן וואָקזאַל ביכער פאַר־קויפט, געלאַכט מיט איר מפורסמדיגן געלעכטער און הנאה געהאַט פון דער מעשה, וואָס דער הויכער וואָקזאַל־גימנאַזיסט האָט איר דערציילט.

ס׳האָט געקלונגען דער וואָקזאַלגלאָק.

ווען צום האַלבעלפאַזייגערדיגן איז סך־הכּל צעהן מינוט געבליבן, האָבן זיך אין גאָרטן פּאָרלעכווײַז די מחותּנים באַוויזן. זיי האָבן פּאַמעליך אַרומגעשפּאַנט אויף דער לאַנגער, מיט זאַמד באַשיטער, סטעזשקע און געשימערירט מיט שנייווײַסע זײַדענע קליידער. גאָר נאָהענט לעבן איס איז דורכגעגאַנגען אַברהמטשיקס ווײַבל און זיך געקלאָגט פאַר א הויכער באַיאָרטער יידענע:

»א מאַן איז ער, הייסט דאָס, ניט קיין שלעכטער... ער טוט וואָס איך הייס. קומט אָבער די נאַכט, כראָפּעט ער פונם שלאָף, כראָפּעט און סליונעט...«

און ביינעש האָט זיך פּלוצים אָן שלמהקע פּערל דערמאָנט:

»סטײַטש, ער האָט דאָך שוין א פּרוטה נישט פאַר־מאָגט?!...«

ער איז פּאַמעליך צוגעגאַנגען צום באַלויכטענעם וואָק־זאַלפלאַץ און זיך אָנאַזײַט אָפּגעשטעלט.

אָן אָנגעטאָנער אין א שוואַרצן סורדוט, שוואַרצע הויזן און ווײַסן האַלזטוך איז אַברהמטשיק מיט איינעם פון די מחותּנים געשטאַנען און אים עפּעס דערציילט.

ער איז פּאַמעליך צוגעגאַנגען, אים אינאַזײַט אָפּגערופן און שטיל געזאָגט:

»בײַם לאָזאָווקער איז נישט קיין שלעכט ביסל באַביק פאַרהאַן. אפשר וועלן מיר מאָרגן צו אים א פאָר טאָן?«

און דערפאַר, וואָס אַברהמטשיק האָט אויף אים אָהן א שום וואונדער געקוקט און רוהיג געשמועסט וועגן דעם לאָזאָווקער באַביק, האָט ער, ביינעש, שוין מוט געפילט און אַברהמטשיקן חשק אונטערגעגעבן:

»אַברהמטשיק דאַרף דאָך וויסן, בײַם לאָזאָווקער איז ער, ביינעש, א שטיקל חשוב«.

אַברהמטשיק האָט זיך אונטערן אויער א קראַץ געטאָן און א סוחרישן שכל אויפגעטאָן:

»ער, ביינעש, פאַרשטייט דאָך, מ׳מוז פּיוניאַקן פאַר א מעקלער נעמען, דען אַז נישט וועט ער דאָך געוויס קאַליע מאַכן«.

---

און אויף דעם צווייטן טאָג זיינען ביינעש, אַברהמטשיק און פּיוניאַק אויף איין בעל־עגלהשע בריטשקע קיין לאָזאָווקע געפאָרן.

צום אָנהייב האָבן זיי אַלע געשוויגן. געהערט ווי די בריטשקע וויגט זיך, א באַרג אַרויפקריכנדיג, און ווי שלמה ליפּ טשמאָקעט צו די פערד. נאָכדעם האָט זיך פּיוניאַק פלוצים ווי פון א דרימל אויפגעכאַפּט און גלאַט אַזוי א זאָג געטאָן:

אוי, האָסט דו א ווייַבל, אַברהמטשיק!«

דענסטמאָל האָט זיך אויף אַברהמטשיקס דיקן און לויטערן פּנים א נחתדיגער שמייכל באַוויזן. ער האָט זיך טיפער אין בריטשקע אַרייַנגעזעצט און אויף ביינעשן אָנגעוויזן.

»אָט לאָז שוין ער זאָגן, אַ, ביינעשל?«

»א ווייַב, האָט פּיוניאַק געזאָגט, קען מען ניט, ביזוואַנען...«

דאָ האָט זיך בייַ אים שוין גאָר א מיאוס וואָרט אַרויסגעכאַפּט. ביינעש האָט דעם ווייַטערדיגן שמועס ניט געוואָלט הערן און זיך פאַרטראַכט וועגן אָנשרייַבן א בריוו צום ווייַב:

»לזוגתי היקרה מרת פרומקע שתחי׳. אַזוי ווי איך קלער קומען אויף שבת אַהיים, בעט איך דיך«...

און אויף יענעם וויַיטן באַרג, וואָס איז אונטער די פלייצעס געבליבן, האָט געדרימלט דער רויטער וואָקזאַל און מיט פאַרגליווערטע, תמיד האַלבאָפענע אויגן אַרייַנגעקוקט אין דער טיפער אומבאַקאַנטער ווייַטקייַט.

---

# דער טויבער

# I

אין אָנהייב האַרבסט איז עפּעס ווידער פאָרגעקומען צווישן מענדלען, וואָווע ביקס וואוקסיגן און שיינעם בחור, און צווישן אסתּרן, דעם טויבנס צווייאונצוואַנציג־יאָריגן מיידל, וואָס איז א קעכן בײַם ביק געווען. מען האָט וועגן דעם גערעדט אין שטאָט בײַ די מאַרק־קלייטן און בײַ וואָווע ביק אין דער גרויסער בײַטלמיל, וואו דער טויבער האָט אומעטום געשטופּט זײַנע אָנ־געשטרענגטע פאַרשטאָפּטע אויערן און געקוקט מיט חשד אויף יעדן מענשן, וואָס האָט נישט ווײַט פון אים א שמייכל געטאָן, און דאָך איז אים א שטיק צײַט נישט געראָטן א וואָרט כאַפּן.

מענדל האָט זיך נאָך אַלץ פרייליך געווערטלט מיט יונגעלײַטלאַך מוכרי־תּבואָהניקעס, וואָס האָבן אין מיל ווייץ געבראַכט, און זיי מיט אַן עלנבויגן אין דער זײַט געקיצלט:

»הער נאָר, דו, ווייסט, וואָס מאַקס נאָרדוי זאָגט?«

און געמיינט האָט ער דערמיט, ווי אַלעמאָל:

»דו ווייסט, וויפיל איז אין א רובל פאַרהאַן קאָפּיקעס?«

ס׳איז אויף אים גאָרניט קענטיג געווען.

אַליין איז ער ניטלאַנג מיט נײַע גלאַנצעדיגע שטיוול פון דער קרײַזשטאָט געקומען און, אַרומדרייענדיג זיך

אין מילהויף׳ זיך אין זיי געשפּיגלט. אַלעמאָל האָט ער דאָרטן אָפּגעשטעלט דעם יונגן מילנער׳ שולצן׳ און צו אים געוואונקען:

»ווי געפעלן זיי דיר׳ מײַנע שטיוול׳ אַ?«

און שולצן׳ דעם ערנסטן דײַטש׳ איז נישט נמאָס גע־וואָרן אַלעמאָל כּורעים פאַלן און די נײַע שטיוול אויף מענדלס פוס גלעטן.

אַזאַ גרויסן געפיל האָט שוין שולץ אָט אין די גלאַנצע־דיגע שטיוול געהאַט׳ און אַזאַ אײַזערנער יצר־הרע איז שוין אין אים פון טאָג צו טאָג צו זיי געוואַקסן.

ער האָט זיך אפילו נישט געפוילט אָטדאָ אויפן אָרט בײַ מענדלען א שטיוול אַראָפּשלעפּן און אים אויף זײַנעם א פוס אָנמעסטן.

דאָס אַלץ האָט דער טויבער געזעהן דורכן פענסטער פונם העכסטן מילשטאָק׳ וואו ער האָט דעמאָלסט בײַ דער הייבמאַשין געאַרבעט׳ געזעהן בגנבה און זיך אַלעמאָל אַרומגעקוקט׳ צי עמיצער אַן אַרבעטער קוקט אים נישט נאָך.

אסתּר האָט אַלע טאָג מענדלען עסן פון שטאָט גע־בראַכט. נאָכדעם האָבן זי שולץ מיט מענדלען מיט די אויגן פון מילהויף אַרויסבאַגלייט; מענדל האָט געשוויגן און פאַרקלערטערהייט צוגעשמייכלט און שולץ׳ דער מיל־נער׳ האָט אויף אסתּרס פלייצעס געוואונקען און מענדלען דווקא אויף א מיאוסן מקום געקיצלט. און האָבן דאָס ער־געצוואו אַרבעטער פון מיל דערזעהן׳ אַזוי האָבן זיי באַלד שוין אַלע די מילפענסטער באַקלעפּט:

»אַנו לאָז׳ לאָז נאָר«.

אים׳ דעם ברייטביינינגן טויבן מיטן איבערגעשראָקענעם׳ אָנגעשטרענגטן פּנים׳ האָט דאָס אַזוי געשטאָכן און אַזוי שטאַרק האָט זיך אים געוואָלט וויסן וועגן וואָס די אַר־בעטער לאַכן. איז ער אָבער מוראָדיג טויב געווען און

געשעמט האָט ער זיך שוין פאַר יעדער מענשן און פאַר זיך אַליין, קיינעם אין די אויגן נישט געקאָנט קוקן און אַלץ געטראַכט וועגן מענדלס און שולצעס בשותּפותדיגער עבירה, וואָס זיי האָבן אַמאָל געהאַט מיט א טראָגעדיגער פויערשער מיידל פונם נאָהענטן דאָרף ריבניצע.

זיי האָבן דאָך טאַקע דעמאָלסט דאָס פויערש מיידל ער־געץ אויף א צײַט משלח געווען.

נאָכדעם האָט אים איינמאָל אין א ווינקל געטראָפן יוסעלע באַבציס, דער אויסגעדאַרטער כפול־שמונהדיגער מיל־נָאמן, און צו אים עפּעס לאַנג אין א טויבן אויער אַרײַנגעשריען. ער האָט געהערט א וואָרט איבער צײַנער און דאָך האָט ער צו יוסעלען אַלעמאָל מיטן קאָפּ גע־שאָקלט.

»יאָ, יאָ, ער הערט«.

אַזאַ שעמעוודיגע טבע האָט ער, דער טויבער, שוין געהאַט, געשאָקלט צו מענשן מיטן קאָפּ און זיי פאַר־זיכערט.

»יאָ, וואָס זשע דען, ער הערט נישט?«

צוויי וואָכן כסדר האָט ער יוסעלעס אָפּגעריסענע ווערטער בײַ זיך אין טויבן קאָפּ געהאַלטן און ערשט נאָכדעם די מעשה אָקאָרשט אָנגעהייבן פאַרשטיין:

אַ מעשה מיט צוויי אָפּגעזאָגטע מילאַרבעטער, וואָס האָבן מענדלען געוואָלט אויספּאַטשן און אין די פינסטערע אָוונטן אַרומגעשנאָרעט דאָרטן, לעבן ביקס שטוב. האָבן, הייסט דאָס, אָטדי צוויי אַרבעטער עפּעס באַמערקט...

ער האָט נאָך אַלץ נישט געוואוסט, וואָס די אַרבעטער האָבן באַמערקט, אָפּגעשטעלט יוסעלען לעבן מיל און צו אים מיט דער האַנט א מאַך געטאָן:

»וואָס זאָל דאָס טאַקע באַדײַטן, אָטדי מעשה מיט מענדלען און מיט אסתּרן?«

דאָס האַרץ האָט דעמאָלסט אונטער זיין ברייטביינער־דיגער ברוסט אַזוי שטאַרק געקלאפּט׳ און געעטעמט האָט ער מיט לאַנגע׳ שווערע אָטעמס. ס׳איז אים געווען א בזיון פאַר יוסעלען.

»זי האָט אים ליב׳ האָט צו אים יוסעלע אויפן טויבן אויער געשריען׳ זי אסתּר׳ האָט אים׳ דעם ביקס בחור׳ ליב.«

»זי האָט אים ליב?« האָט ער בײַ יוסעלען שטיל איבער־געפרעגט.

ס׳האָט זיך אים געדאַכט׳ אז דער אויסגעדאַרטער כּפול־שמונהדיגער יוסעלע שטיפט׳ האָט ער דאָס מויל געעפנט און געלאַכט:

»הע׳ הע׳ הע...«

קיין קול האָט מען פון אים נישט געהערט׳ נאָר א מאָדנע ווילדן ברום׳ וואָס האָט זיך געריסן פון זײַן פונ־אַנדערגעצויגענעם מויל. זײַנע בלײַקאָלירענע אויגן האָבן געקוקט אזוי שפּאָטיש און משונה. ערשט נאָכדעם׳ ווען ער האָט באַמערקט׳ אַז יוסעלע רעדט ערנסט׳ האָט ער גענומען ריידן אויף זײַן טויבן אָפּגעריסענעם שטייגער׳ מאַכנדיג נישט קיין אויסגעאַרבעטע האַוואַיעס מיט איינער א קײַלעכדיג אײַנגעבויגענער האַנט און רײַסנדיג מיט גוואַלד איינציגע ווערטער פון זײַן ברייטביינערדיגער און קרעפטיגער ברוסט:

»אָט זאָל זי בײַ אים׳ דעם טויבן׳ א פרעג טאָן... ער קאָן זיי דאָך אויסגעבונדן׳ דעם ביק מיט זײַן בן... א שפּילכל?! צוואַנציג יאָר אַרבעט ער שוין בײַ זיי אין מיל«.

»און זאָל שוין יוסל זאָגן׳ ער ווייסט דאָך׳ אַ?«

יוסעלע האָט מיט זײַן באָזאַפּטיג קעפּל געשאָקלט:

»ער ווייסט. פאַרוואָס דען זאָל ער נישט וויסן?«

און אים, דעם טויבן, האָט זיך אַזוי שטאַרק געוואָלט געוואָרע ווערן, וואָס זאָגן דערויף מענשן, געזונטע, נישט קיין טויבע מענשן. ער איז געגאַנגען אויפן וועג פון מיל און צו זיך אַליין מיט די הענט געמאַכט.

»אָט, ווען איןביידע זײַטן פון זײַן גרויסן קאָפּ הענגען נישט, ווי צוויי שמאַטעס, קיין צוויי גרויסע און טויבע אויערן, וואָלט ער כאַפּן דאָ א וואָרט און דאָרטן א וואָרט.«

אינזינען האָט ער געהאַט אַרײַנגיין אַמאָל צו איר אַהין, צום ביק אין קיך, און איר דאָרטן א נויטיג וואָרט זאָגן, נאָר פונקט אין יענער צײַט האָט זיך מיט אים אַליין דער וויסטער אומגליק געטראָפן. ס׳איז אים שוין, אַפּנים, אַזוי געוועזן באַשערט.

## II

געשטאַנען זײַנען דעמאָלסט קורצע און וויינענדיגע חשון־טעג.

נאַריש פּאַרמרה־שחורהטע הימלען האָבן געמאַכט פּיסקעס און געוויינט, אויף דער נאַסער און שוואַרצער ערד קוקנדיג, כּביכול א גוסס באַקלאָגט:

»ווײַ איז אונז... וואָס איז פון דיר געוואָרן...«

און דאָרטן, אין איינזאַמען טאָל, וואָס אַרויס דער שטאָט, האָבן שוין בײַם ביק אין מיל א קײַלעכדיגן מעת־לעת די עלעקטרישע לאַמטערנעס געברענט, זיך טאָג און נאַכט געלויכטן אין טיפעניש פונם גרויען נעפּל און ווי אויסגעמאַטערטע געלע אויגן געוואונקען צו דער נאָ־הענטער חשונדיג־געפאַלענער שטאָט:

»מיר מאָלן מעל... מיר מאָלן מעל...«

אין פײַכטן נעפּל איז די פירשטאָקיגע מיל אײַנגעהילט געוועזן. רוהיג, ווי פאַרקלערט, האָט זי געברומט איר אוראַלטן מאָנאָטאָנישן ברום און זיך געטרייסלט צוזאַמען

מיט אירע פערציג מענשן אַרבעטער. צווישן גערויש און טומל האָבן מענשן געאַרבעט מעכאַניש און ערנסטשטום, ווי די מאַשינעס און רעדער, וואָס האָבן זיך אַרום זיי געדרייט, נישט גערעדט און נישט געקלערט, גלײַכווי בײַ זיי אין מוח וואָלטן געלעגן די גרויסע געפּאַקטע מיט ווייך מילשאָפּן און בײַ זיי דעם שכל אָפּגענומען:

»די שאָפּן זיינען אזוי ענג מיט ווייך געפּאַקט... א ברירה האָבן זיי? מען מוז מאָלן?«

נאָר זעלטנווען האָט דער מילגערויש א פּלוצלינגן ציטער געטאָן און זיך מיט א טרויעריגן בת־קול דורכגעשניטן:

»סטאָפּ!... סטאָפּ!...«

נאָר קיינער האָט זיך אויף דעם נישט אָפּגערופן, און געדאַכט האָט זיך שוין, אַז דאָס בת־קול איז א ווײַטס און פאַרלוירנס, פאַרבלאָנזשעט געוואָרן אַהער, אין א פרעמדער אומבאַקאַנטער וועלט, זוכט עמיצן און קען נישט געפינען.

א באָרוועסער מיט א גלײַכגילטיגן שטויביגן פּנים איז דער טויבער געזעסן אין דער אָנגעלאָדענער הייבמאַשין און זיך אַראָפּגעלאָזן פונם פערטן שטאָק. עמיצער האָט פאַרבײַלויפנדיג עפּעס אויף דער הייבמאַשין באַמערקט און גענומען שרײַען מיט שרעקליכע און ווילדע קולות:

»שטעלט אָפּ! שטעלט אָפּ!«

בײַם טויבן אין האַרצן האָט זיך עפּעס אָפּגעריסן, גע־שווינט אַרײַנגעגאָסן זיך אין מוח און דאָרטן א בליץ גע־טאָן מיט אַן איבערגעשראָקענעם געדאַנק:

»די שטריק... די שטריק האָט געפּלאַצט.«

מיט א נערוועזער שנעלקײַט האָט ער זיך אָנגעכאַפּט מיט ביידע הענט פאַר דער איבערגעבליבענער גאַנצער שטריק. ער האָט זיך אַזש אָנגעהייבן וואונדערן:

»צי דען וועט ער אינאמתן פון אַזאַ הויכקײַט אַראָפּ־פאַלן?!«

נאָר אין דערזעלבער צײַט האָט אים שוין מיט כּוח א שלײַדער געטאָן אינאַזײַט. ער האָט געפילט, אַז ער פאַלט, און דאָך האָט זיך אים געדאַכט, דאָס עמיצער באַדויערט אים און שעפּטשעט אין איינעם פון זײַנע טויבע אויערן:

»צו שפּעט... צו שפּעט...«

קיינמאָל האָט ער, דער טויבער, אַזאַ שטיל קול נישט געהערט, זיך איבערגעשראָקן און צוגעשלאָסן די גרויסע בלײַקאָלירענע אויגן.

שפּעטער, ווען ער האָט די אויגן צוריק געעפנט, זיינען שוין אַרום אים געשטאַנען פיל שטויביגע אַרבעטער, זיך אָנגעבויגן צו אים און געשריען אין זײַנע טויבע אויערן.

»וואו, וואו טוט וויי?«

מיט א בלאַסן, כּמעט טויטן פּנים איז ער אויף דער פּאָדלאָגע געלעגן און אַפילו קיין כּוח נישט געהאַט אָנ־צווײַזן אויף דער פאַרוואונדעטער לאָפּעטקע און העכער, אויף דער זײַט.

נאָכדעם האָט מען אים אָפּגעטראָגן אין זײַן קליין שטיבל, וואָס אין שמאָלן קלויזגעסל. דער טאַנדעטניק מיט דער טאַנדעטניטשקע, וואָס האָבן בײַ אים אין די צוויי חדרים געוואוינט, האָבן נישט געלאָזט מען זאָל אים בײַ זיי ליגן, האָט מען אים געלייגט אין אַלטן הילצער־נעם בעט, וואָס אין קיך.

---

דער צוויי־פּנימדיגער יוסעלע באַבציס האָט בײַ זיך אין באָזאַפּטיגן קעפּל נאָך אַלץ חנופהדיגע המצאהלאַך געהאַט:

זיך פּאַר מענדלען אין די אויגן א מבטלדיגן קראַץ געטאָן און די מעשה מיטן טויבן צונישט געמאַכט:

»אַן אומגליק א גרויסער... דער רוח וועט אים נישט נעמען, דעם טויבן«.

און נאָכדעם געקומען צום טויבן אין קיך און אין זײַנע אויערן געשריען:

„וואָס זשע? געזונטערהייט האָט ער געקלערט פון ביקס ידים אַרויס?“

און צוליב וואָס האָט אים אָטדער צווייענדיגער חנופה־גאַנג גענוצט?

אים אַליין האָט דאָך שוין אַמאָל דער ביק חושד געווען אין א מיאוסער גנבה. איינמאָל אום ווינטער האָט ער אים אַפילו אַראָפּגעשלײַדערט מיט אַלע כוחות פון די שטיינערדנע מילטרעפּ, אַזוי, אַז ער, דער אויסגעדאַרטער יוסעלע, האָט זיך אויף טויט איבערגעשראָקן, זיך אָנגעכאַפּט פאַרן שפּיציגן בלוטפליסנדיגן נעזל און געכליפּעט ווי א יידענע:

„אוי! ... מײַן קאָפּ! ... ער האָט מיר דערהרגעט, מײַן קאָפּ ...“

אפשר האָט זיך אים אַליין שוין אויך אײַנגעגעסן דאָס חנופהדיגע לעבן, און געוואָלט האָט ער שוין זײַן לײַטישער און אמתער, נאָר נישט געקאָנט און כאָטש געפּונען פאַר נויטיג דעם טויבן א גוט וואָרט זאָגן:

„ס׳וועט אים גאָרנישט זײַן, לחלוטין גאָרנישט. ער דאַרף זיך נאָר איבערליגן, די לאָפּעטקע מיט דער ריפּ אויסוואַרעמען.“

האָט אָבער דער טויבער קיין חכמות נישט פאַרשטאַנען און מרה־שחורהדיג נאָכגעשאָקלט:

„גוט, גוט. ער וועט זיך איבערליגן.“

אַליין האָט ער שוין, דוכט זיך, נישט געקלערט, נישט וועגן לעבן און נישט וועגן טויט, געלעגן אין בעט מיט א גלײַכגילטיגן און בלאַסן פּנים און זיך אַלץ נישט געקאָנט מסיח־דעת־זײַן פונם אומעטיגן געדאַנק:

„אַראָפּגעפאַלן ... פונם פערטן שטאָק אַראָפּגעפאַלן“

ס׳איז אים שוין, דוכט זיך, אַלצאיינס געווען, צי ער וועט אַמאָל פונם בעט אויפשטיין, צי ניין.

נאָכדעם איז איינמאָל צו אים געקומען אסתר, געקומען א שלאַנקע און פרישע מיט א נײַעם און שוואַרצן האַרבסטרעקל און נאָך מיט נײַערע און שוואַרצערע ערנסטע אויגן. א ווײַלע איז זי לעבן זײַן בעט ער־שטוינט און פאַרחלומט געשטאַנען, זיך אַפילו געהאַלטן מיט א פינגער פאַר דער געמבע און אים פאַרקלערטער־הייט באַדויערט.

»א תּכלית, א שיינער תּכלית איז פון דיר געוואָרן«.

זי האָט זיך אײַנגעבויגן צו אים, אַפּנים געוואָלט עפּעס אַרײַנשרײַען אין זײַן טויבן אויער, נאָר זיך נישט אײַנ־געהאַלטן און זיך פונאַנדערגעוויינט אויפן קול. דעם קאָפּ האָט זי אַלץ טיפער און טיפער אײַנגעגראָבן אין די שמאַטעס, וואָס לעבן זײַן ברוסט, געכליפּעט און גע־וויינט. אוממעגליך איז געווען צו וויסן ווער̇עמענס אומגליק זי באַוויינט: זײַנעם, דעם צובעט געפאַלענעם טויבנס, אָדער גאָר איר אייגענעם, דעם געהיימען און אומ־באַקאַנטן, ווי יענע פינסטערע האַרבסטנאַכט, וואָס אין איר האָבן די צוויי אָפּגעזאָגטע אַרבעטער לעבן ביקס שטוב אַרומגעשנאָרעט און עפּעס באַמערקט.

דער טויבער האָט געקוקט אויף איר מיט זײַנע גרויסע בלײַקאָלירענע אויגן און געוואָלט זאָגן עפּעס א נויטיג, זעהר נויטיג וואָרט. א מטושטשדיגס און פאַרמלאָזעס האָט דאָס וואָרט לאַנג אַרומגעשוועבט אין זײַן קאָפּ:

»יאָ, דער עיקר: זאָל איר דער קאָפּ אין דער לופט נישט פליהען, אָ!«

ער האָט שוין אַפילו געהאַט דאָס מויל געעפנט און א האַנט אויסגעבויגן. נאָר אסתר איז שוין פונם בעט אויפ־געשטאַנען און גענומען דאָס האַרבסטרעקל פאַרקנעפּלען.

זי האָט פּאַמעלאַך און טרויעריג מיטן קאָפּ געשאָקלט· מרה־שחורהדיג אָפּגעזיפצט און אַפילו א ייאושדיגן טשמאָקע געטאָן מיטן מויל· גלײַכווי זי וואָלט מיטן טשמאָקע וועלן זאָגן:

»אויך א טאַטע··· משטיינס געזאָגט··· וועמענס עצות זי וועט דאָ אויסהערן···«

---

טאָג און נאַכט האָט שוין נאָכדעם געגאָסן דער רעגן· געגאָסן א רעגלמעסיגער און סתם פאַרעקשנטער· גלײַכווי עמיצער וואָלט אים בעטן· ער זאָל אויפהערן און ער וואָלט נישט פאָלגן און אויפצולהכעיס זיך חזרן:

»וויל איך אַזוי··· וויל איך אַזוי··· וויל איך אַזוי···«

ברודיגע האַרבסטטרערן זײַנען גערונען איבער די נאַסע פאַרבלאָזע שויבן· זיך געשלענגלט פּאַמעלאַך און פויל און ענדליך אײַנגעזונקען אין די אײַנגעהויקערטע און נאַסע קיכוועגס·

ווער האָט די טרערן באַדאַרפט?

אַלץ איז אַרום געווען אַזוי ברוגז און בייז· אַפילו דער אײַנגעהויקערטער און אָפּגעקראָכענער באַקאויוון· וואָס האָט דעם טויבן טאָג און נאַכט גלײַך אין פנים געקוקט·

אַזוי שטום איז אַרום געווען· דעם טויבן איז אַזש א חידוש געווען:

»פלעגט ער דאָך אַמאָל דערהערן· ווי בײַם טאַנדעטניק קלאַפּט די ניימאַשין«·

גאַנצע שָעהן איז ער געזעסן אויפן בעט מיט אַראָפּ־געהאַנגענע פיס· א מרה־שחורהדיגער און שווײַגנדיגער און געוואָרפן בקשה־אויגן אויף דער טאַנדעטניטשקע· וואָס איז אַלעמאָל אין קיך אַרײַנגעקומען און זיך אין באַקאויוון מיטן נאַסן האָלץ געפּאָרעט·

אַזאַ קליינינקייט האָט ער זי געהאַט צו בעטן, און דאָך האָט זיך זײַן בלאַס אויסגעמאַטערט פּנים, ווי בײַ א בעטלער פאַרקרימט:

»אָט ווען זי וויל נאָר א פּאָר ווערטער צו אים אין טויבן אויער אַרײַנשרײַען, וואָלט ער הערן אויף וויפיל ער איז טויבער געוואָרן«.

איז אָבער די טאַנדעטניטשקע אַזאַ פאַרשאָלטענע שלאַנג געווען. אַלעמאָל איז זי לעבן זײַן בעט דורכגעגאַנגען, זיך אַפילו אָנגערירט אָן זײַנע אַראָפּגעהאַנגענע פיס און אַפילו איינמאָל אים נישט מזכּה געווען מיט קיין בליק. אַזאַ שלעכטע איז זי שוין געווען, אָטדי אײַנגעדאַרטע טאַנדעטניטשקע, און איר אויפמערקזאַמקײַט האָט ער שוין נישט געקענט צו זיך צוציהען אַפילו מיט זײַן בעטלערשן פאַרקרומטן פּנים.

אָט, ווען ער שטעלט איר א פיסל אונטער און פאַרהאַלט זי לעבן זיך, וואָלט זי אַזש א ציטער געטאָן פאַר שרעק און וואָלט זיך געחידושט:

»זעה נאָר, ער לעבט נאָך, דער טויבער?!«

ס'האָט אים פאַרדראָסן אויף דער טאַנדעטניטשקע, האָט ער שוין אויף איר מיט בייזע אויגן געקוקט און פאַר כּעס עפּעס אונטערגעברומט. אַזוי פלעגט ער אַמאָל בייז קוקן און אונטערברומען אויף זײַן ווײַב לאהן. זי פלעגט זיך דעמאָלסט אויפצולהכעיס אין די קליידער שלאָפן לייגן, און ער פלעגט דערפאַר די שיסל געקעכץ פונם טיש א כאַפּ טאָן און זי מיטאַמאָל אויף דער ערד א שלײַדער טאָן.

אסתּר איז איינמאָל אַרײַנגעקומען און זיך לאַנג געקריגט פאַר אים מיט דער טאַנדעטניטשקע, און ער איז געלעגן אין בעט, גאָרנישט געהערט און שוין ווידער געטראַכט וועגן יענעם ערנסטן און וויכטיגן וואָרט, וואָס

ער האָט זײַן אסתּרן באַדאַרפט זאָגן. דאָס וואָרט האָט זיך לאַנג בײַ אים אין טויבן קאָפּ געדרייט און ענדליך אַרויס א ווייכס און נאַרישס, נישט דאָס, וואָס ער האָט געקלערט:

„אָ, זעהסטו, ווען זי, דײַן מאַמע לשלום, לעבט · · ·"

אַרויסגעזאָגט האָט ער דאָס אַזוי האַרט און שווער, און דאָך האָבן זיך שוין זײַנע אויגן באַלד אָנגעהייבן שעמען פאַר זיך אַליין און פאַר איר, דער שלאַנקער און אויפ־געררעגטער, וואָס האָט שוין נישט געדענקט ס׳אַר׳א פּנים איר יאָרנלאַנג געשטאָרבענע מוטער האָט געהאַט. זי האָט אויף אים מיט אַזאַ וואונדער געקוקט, גלײַכווי זי וואָלט בײַ אים וועלן פרעגן:

„צוואָס נוצט זי איר איצט, אָטדי געשטאָרבענע מאַמע, וואָס אויפן אַלטן בית־עולם?"

זי האָט אַרויסגענומען פון טאַש א שטיקל פּוטערגעבעקס און אים געגעבן. האָט ער דאָס פאַרזוכט, דערפילט דעם געשמאַקן טעם און גענומען דאָס אַרומקוקן:

„דער ביק ווייסט, וואָס גוט איז".

און פּלוצים איז דער געדאַנק, מיט וועלכן ער האָט זיך לאַנג אַרומגעטראָגן, אויסגעפורימט געוואָרן אין די נויטיגע ווערטער:

„ס׳איז קרום · · · אָטדאָס, וואָס די אַרבעטער האָבן דעמאָלסט בײַנאַכט געזעהן · · ·"

„און וואָס נאָך? ער גלויבט זיי נישט, נישט דעם ביק און נישט דעם בן זײַנעם. ער גלויבט זיי לחלוטין נישט".

## III

מיט די ערשטע פרעסט האָט אים דער ווייטאָג אין דער זײַט און אין דער לאָפּעטקע אָפּגעלאָזן. די קיכפענסטער זיינען שוין געוועזן פאַרבלאָזן מיט שניי, און בײַ דער

טאַנדעטניטשקע אין אויוון איז דאָס האָלץ נאָך נאַסער געווען. ס׳איז אים געווען קאַלט, האָט ער אַרויפגעשלעפּט אויף זיך די שטיוול, אָנגעטאָן דאָס וואַטענע לײַבל, זיך האַרט צוגעגאַרטלט מיטן רויטן גאַרטל און אַפילו אָנגערוקט דאָס אויסגעפליקטע שמויסענע היטל איבער די טויבע אויערן. דער טאַנדעטניטשקע איז אַזש א חידוש געווען:

»וואוהין? וואוהין גייט ער דאָס, דער טויבער?«

»אין קלויז, האָט ער איר מרה־שחורהדיג און שטיל אָנגעוויזן, ער גייט זיך אָנוואַרעמען ... אין קלויז«.

די טאַנדעטניטשקע האָט עפּעס אויפגיך מיטן מויל געמאַכט. אפשר האָט זי אים געשאָלטן. ער האָט נישט געוואוסט און זיך געגאַנגען זײַן וועג.

אין קלויז האָט אים איינמאָל בײַ דער הייסער הרובע געפונען יוסעלע דער נאָמן און גענומען צו אים שרײַען:

»דער ביק! ... ביק!«

עפּעס האָט ער צו אים געשריען וועגן דעם, וואָס דער ביק האָט אים, יוסעלע דעם נאָמן, אומזיסט אָפּגעזאָגט פון מיל און נאָכדעם אויסגעלאָזן עפּעס וועגן אים, דעם טויבן.

»יאָ, יאָ, ער, דער טויבער, דאַרף דעם ביק לאָדן...«

»לאָדן?« האָט דער טויבער זיך געוואונדערט.

ער האָט עס נישט פאַרשטאַנען, אויפגעהויבן די האַנט גאַנץ הויך און אויף דעם ביק אָנגעוויזן, אַראָפּגעלאָזן די האַנט גאָר נאָהענט צו דער קלויזפּאָדלאָגע און אויף זיך, דעם טויבן, מרמז געווען:

»דער ביק, האָט עס געהייסן, איז אַזוי גרויס, אַזוי גרויס און ער, דער טויבער איז אַזוי קליין ... גאָר קליין. געוויס וועט דער גרויסער דעם קליינעם מנצח זײַן«.

יוסעלע האָט זײַן שטערן פאַרקנייטשט, זיך פאַרקלערט

און אַזש גענומען דאָס בערדל אין האַנט. און דעם טויבן האָט זיך שוין געדאַכט, אַז ער האָט א קלוג און א טיף וואָרט געזאָגט. ער האָט זיך דערפאַר אויך פאַרקלערט און צוגעגעבן:

»זאָל כאָטש דער ביק אים, דעם טויבן, צורוה לאָזן...«

געמיינט האָט ער דערמיט נישט זיך מיטן ביק, נאָר אסתּר מיטן ביקס ברוינעם און וואוקסיגן בחור, געקלערט עפּעס פרעגן וועגן דעם ביי אים, יוסעלע דעם נאָמן, און נישט געוואוסט וויאַזוי.

נאָכדעם איז א קאַלטער און שנייעדיגער אָוונט געווען, א פאַרקלערטער איז ער צו אסתּרן געגאַנגען און אינזינען געהאַט פרעגן ביי איר א נויטיגע זאַך, אינזינען געהאַט דעם גאַנצן וועג און זיך אפילו געחזרט ווי אַזוי אָנ־הייבן:

»א מענש באַדאַרף וויסן... א מענש באַדאַרף פאַר־שטיין...«

אָבער, ווען ער האָט די דרויסנטיר פונם ביקס קיך געעפנט, האָט ער דערזעהן, ווי דער וואוקסיגער און רירעוודיגער מענדל האָט זיך מיטאַמאָל פון איינעם א קיכווינקל א לאָז געטאָן און געשווינט א פראַל געטאָן אין דער צווייטער ווייַסער טיר, וואָס האָט צום ביק אין די חדרים געפירט. ער האָט זיך דערשראָקן, דערפילט א משונהדיג האַרצקלאַפּעניש און ווידער דאָס נויטיגע וואָרט פאַרלוירן. אין זייַן טויבן קאָפּ האָט אַרומ־געבלאָנזשעט א חשד:

»מענדל איז א מיאוסער בחור... גאָר א מיאוסער בחור«.

נאָר אסתּר איז שוין געזעסן לעבן אים, געשטופּט אים א געבאַקטע קאַרטאָפל אין האַנט און צו אים געשריען:

»געווען דאָ ער, נטע דער שדכן«.

און דעם טויבנס פּנים איז שוין אויסגעבעסערט געוועז, און די בלײַקאָלירענע אויגן זײַנע האָבן שוין עטוואָס שמייכלענדיג געפרעגט:

»טאַקע באמת? ··· דו נאַרסט מיך נישט אָפּ?«

עפּעס האָט זי צו אים געשריען:

»פיני דעם פאַרבערס בחור יואלקען·«

דער טויבער האָט אָפּגעביסן א שטיקל פון דער הייסער קאַרטאָפל און דאָס אין מויל געהאַלטן· דאָס ברייט־באַקעדיג פּנים זײַנס האָט זיך ווי פאַרקרימט און בײַ עמיצן געבעטן רחמים:

»ס׳איז דאָך אָבער זעהר א מיאוסער שדוך ···«

זי האָט צו אים אין טויבן אויער געשריען:

»יואליק איז א זשוליק ··· אַן אָדעסער זשוליק«·

האָט ער קײַענדיג די קאַרטאָפל איר נאָכגעשאָקלט:

»יאָ, יאָ, א זשוליק ··· געוויס א זשוליק«·

## IV

ס׳איז דעמאָלסט א פראָסטיגע נאַכט געוועז·

דעם טויבן האָט זיך געחלומט, אַז ער קוקט אַרויס פונם העכסטן מילפענסטער און זעהט ווי אין מילהויף יאָגט זיך מענדל נאָך דער גויע, וואָס ראַמט אין קאַנטאָר· די גויע אַנטלויפט מיט שרעק, גליטשט זיך אויפן אויס־געגאָסענעם אײַז און האָט מורא: אָט, אָט וועט זי מענדל כאַפּן· און דאָרטן בײַ א זײַט שטייט שולץ, דער מילנער, האַלט זיך פאַרן בויך און שרײַט לאַכנדיג: »כאַפּ זי! ··· כאַפּ, כאַפּ! ···«

און פלוצים דערזעהט ער, דער טויבער, אַז מענדל יאָגט זיך נישט נאָך דער גויע, וואָס ראַמט אין קאַנטאָר, נאָר נאָך זײַן אסתּרן· ס׳כאַפּט אים אַזש א שוידער· אסתּר אַנטלויפט, שטרעקט אויס די הענט און שרײַט

פאַר פחד׳ ווען ער איז נישט טויב׳ וואָלט ער הערן
א האַרצרײַסנדיגן קוויטש׳
די אויסגעדאַרטע און שלעכטע טאַנדעטניטשקע האָט
אים שוין נאָכדעם א גאַנצן פריהמאָרגן געהאַלטן אין איין
שילטן:

»א כאָלערע זאָל אויף אים קומען... ביזט א מבין׳
ווי ער האָט זיך דאָס אַביסל צערעוועט בײַנאַכט?«

זי איז אַפילו צו אים צוגעגאַנגען און פאַר זײַן אַרבל
א שלעפּ געטאָן:

»וואָס׳ וואָס האָט ער אַזוי גערעוועט בײַנאַכט?«

ער האָט זיך געחידושט און מיט די אַקסלען גע־
קנייטשט:

»ער האָט גערעוועט? ער האָט נישט גערעוועט«׳

אַליין האָט ער שוין נישט געדענקט נישט דעם חלום׳
נישט מענדלען און נישט די גויע׳ אַרויפּציהענדיג אויף
די פיס די אַלטע שטיוול האָט ער זיי פון אַלע זײַטן באַ־
טראַכט׳ א קלער געטאָן׳ אַז מען דאַרף זיי מיט עפּעס א
פעטער זאַך אויסשמירן און איז אַוועקגעגאַנגען אין קלויז׳
דאָרטן איז ער לאַנג בײַ דער הייסער הרובע געזעסן און
געטראַכט׳ אַז ער׳ דער טויבער׳ האָט ליב וואַרעמקײַט׳
אויך האָט ער ליב א קאָפּ פון א פיש׳ הייסע און פרישע
חלה און א שטיקל פעט פלייש׳ דאָסזעלבע פעט פלייש׳
וואָס דער ביק האָט אַמאָל פאַר אים אין די אויגן געגעסן׳

»דער ביק ווייסט׳ וואָס גוט איז«׳

די קלויז האָט זיך ביסלאַכווײַז מיט מענשן אָנגעפילט׳
יידן גייען אַרום און שמועסן׳ א וואונדער׳ וואָס מען
דאַוונט נישט׳ מיט יעדער מינוט קומען אָן נײַע מענשן;
זיי לויפן אַרײַן מאָדנע געשווינט און מישן זיך אויס מיטן
עולם׳ און דער עולם שלינגט זיי אײַן און ווערט
גרעסער׳ מערער׳ דער טויבער קוקט מיט זײַנע בלײַ־

קאָלירענע אויגן און באַמערקט: ביי די, וואָס לויפן פונ־דאָסניי אַריין אין קלויז, זיינען די פּנימער דערשראָקן, די מיילער אָפן און די אויגן מוראָדיג גרויס. זיי פרעגן, דוכט זיך, ביי די, וואָס געפינען זיך אין קלויז: טאַקע? אמת? יענע שאָקלען צו זיי מיטן קאָפּ, בלייבן זיי שטיין, ווי פאַרגליווערטע און דערשלאָגענע און טשמאָקען מיט די ליפּן.

»סאַ׳ר א רחמנות...«

מען קוקט, דאכט זיך, אויף אים. מענשן סודען זיך בינטלאַכווייז און וואַרפן אויף אים משונהדיגע אויגן, און ער דרייט זיך לעבן זיי און רוקט אומעטום זיין טויבן קאָפּ. מען לאָזט זיך נעהענטער צו אים. עמיצער ווייזט אויף אים מיט א פינגער, קוקט ער זיך אַרום און באַטראַכט זיינע בגדים: א קשיא, אפשר האָט ער די הויזן נישט ריכטיג פאַרשפּילעט. מען גייט צו אים צו און מען שרייט אים אויפן אויער, ער זאָל גיין אַהין, צו וואָוועס ביקן, קוקט ער מיט אַזאַ וואונדער און פאַרשטייט נישט: וואָס וועט דעם עולם אַרויסקומען, אויב ער וועט גיין צו וואָוועס ביקן? ס׳גייט צו אים צו א חשובער ייד און שרייט אים אויפן אויער, ער זאָל גיין צום ביק. באַווייזט ער מיט א פינגער צו זיך אויף דער ברוסט:

»איך? איך זאָל גיין?«

ער פאַרשטייט גאָרנישט און גייט דאָך אַהין, צום ביק, קנייטשט מיט די אַקסלען און גייט.

נאָר דאָ, פאַרן ביקס שטוב שטייען אויך פיל מענשן. ס׳דאַכט זיך אים, אַז דאָס זיינען דיזעלבע, וואָס ער האָט אין קלויז געלאָזן. זיי שטופּן זיך צום ביק אין די חדרים, פון די חדרים אין קיך און צוזאַמען מיט זיי שטופּט זיך ער, דער טויבער. ער וויל זיך ניט שטופּן, ווייסט נישט צוליב וואָס ער שטופּט זיך און שטופּט זיך פאָרט.

די קיך איז שוין פול מיט מענשן, ס׳איז אַזש דאָרטן פינסטער, ס׳שווינדלט אים אין די אויגן, אַלץ ציטערט און שאָקלט זיך געשווינט, ווי די זיפּן, וואָס ביים ביק אין מיל. ס׳ציטערן און שאָקלען זיך די קיך, די מענשן, און אַפילו דער טאַפּטשאַן מיטן איינגעצווינגענעם, פאַר־בלויטן מת, וואָס צו אים שטופּט ער זיך ענדליך צו. אין איין רגע דערקענט ער דעם מת:

»יאָ, ס׳איז אסתּר, געוויס אסתּר«.

ער הייבט זיך אַפילו נישט אָן צו וואונדערן. אדרבא, ס׳דוכט זיך אים: ער איז שוין דאָ אַמאָל ביי אָטדעם זעלבן טאַפּטשאַן מיט דעמזעלבן טויטן געשטאַנען. שוין לאַנג איז דאָס געווען, זעהר לאַנג, נאָר ס׳איז דאָך געווען. אפילו דיזעלבע פיל מענשן זיינען דאָרטן אַרום געשטאַנען און א מרה־שחורהדיגער ווינטערדיגער פריה־מאָרגן איז דעמאָלסט, ווי איצט, אינדרויסן געווען.

עמיץ טוט אים פאַרן אַרבל א שלעפּ און ווייזט אים אויף דעם סטעליע. ער קוקט: א שטריק הענגט נאָך דאָרטן אַראָפּ פונם קרוק. ער פאַרשטייט שוין, אַז זי האָט זיך געהאַנגען, וויל פרעגן »פאַרוואָס?«, פרעגט נישט, און כאַפּט א קוק אויף דער אַלטיטשקער יידענע, וואָס שטייט צוקאָפּנס פונם מת, זי האָט זיך פאַר־קרימט, אָטדי אַלטיטשקע יידענע, זיך איינגעהויקערט, געעפנט דאָס ציינלאָזע מויל, פאַרוואָרפן דעם קאָפּ מיט די געשלאָסענע אויגן און זיך פאַרקרימט. זי וויינט, אַפּנים, מיט א האַרצרייסנדיגן קול, נאָר ער איז טויב און הערט נישט. ער פאַרקרימט זיך אויך, וויל אויך וויינען און קאָן נישט. ס׳ווערט א גערודער, מען טרייבט פונ־אַנדער דעם עולם, דער אַלטער חברא־קדישא־שמש שריים דאָרטן ביי דער טיר:

»נו, גענוג, גענוג. גייט אייך געזונטערהייט«.

די קיך ווערט ליידיג. מען טרײַבט אים אויך, וויל ער נישט גיין. מען שלעפּט אים פאַר די פּלייצעס, וואַרפט ער אַרום זיך אַזעלכע שלעכטע אויגן און כאַפּט זיך מיט ביידע הענט פאַרן טאַפּטשאַן מיטן טויטן. מען רײַסט אים מיט כוח, שלעפּט ער נאָך זיך דעם טאַפּטשאַן מיטן טויטן. מענשן ווערן מיד און לאָזן אים צורוה. נאָר ער דערזעהט עמיצן אויפן טיר פון קיך און דערמאָנט זיך אַן חלום, אָן מילהויף, אָן מענדלען, אָן דער גויע און אָן אסתּרן. ער לאָזט אָפּ דעם טאַפּטשאַן און לאָזט זיך ערגעץ לויפן. נאָר באַלד פאַרגעסט ער וואוהין ער דענקט לויפן, רײַסט זיך דאָך אַרויס אויפן גאַס און לויפט גיך, מיט אַלע כוחות. די שטיוול פאַרקריכן טיף, טיף אינם אויפגעבלאָזענעם שניי און ער עטעמט שווער, פּילט, ווי ס׳לאָזט זיך אויס דאָס חיות און לויפט.

## V

דאָס איז געווען אַזוי מאָדנע און ווילד.

ביים ביק האָט מען פאַרגעסן אויף נאַכט די בהמה אין שטאַל פאַרטרייבן, האָט מען זי נאָכדעם גאַנצפריה מיט אַן אָפּגעשניטענעם עק אינדרויסן לעבן הויפטיר געפונען. פון שטוב זיינען אַלע מענשן מיטן ביק בראש אַרויס. מען האָט די בהמה אין הויף אַריינגעלאָזן, זיך אַרומגעשטעלט, זי באַטראַכט און זיך מיט ערשטוינטע פנימער אין די אויגן געקוקט:

»וואָס זאָל דאָס באַטײַטן?«

דער עק איז מיט א שאַרפער זאַך געווען אָפּגעהאַקט הויך ביים רוקן. פונם פאַרוואונדעטן אָרט האָבן נאָך געטריפט טראָפּנס בלוט. א מרה־שחורהדיגע און אומגליקליכע איז די בהמה געשטאַנען צווישן היימישן עולם, געשטאַנען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, טרויעריג מיט די

גרויסע בהמהשע אויגן געפינקלט און דאַכט זיך גע־
טראַכט:

»אָט קוקט: אייביג, אייביג וועל איך שוין קיין עק נישט
האָבן... אַז אָכאונווײ איז צו מיר...«

עטליכע טעג נאָכאַנאַנד האָט מען זיך בײַם ביק אין
שטוב די קעפּ געבראָכן:

»וועמענס אַרבעט זאָל דאָס זײַן?«

מען האָט פונאַזײַט בליקן אויף יוסעלען, דעם אָפּ־
געזאָגטן נאָמן, געוואָרפן, חושד געווען די צוויי אַרבעטער,
וואָס האָבן מענדלען אויספּאַטשן געוואָלט, זיי אַפילו
צום אוראַדניק גערופן און זיי דאָרטן אויסגעפּאָרשט.
ערשט מיט א פּאַר וואָכן שפּעטער איז מען אָקאָרשט
אויף א סברה געפאַלן.

»כ׳בעט אײַך, אפשר איז דאָס גאָר דעם טויבנס
אַרבעט?«

עמיצער האָט א זאָג געטאָן גלאַט אַזוי אין דער וועלט
אַרײַן, און אַלע האָבן זיך שוין נאָכדעם אָן דעם אָנ־
געכאַפּט. ס׳איז געווען אַזוי משונה און נישט צו גלויבן
אויף אים, דעם וואוקסיגן און ברייטביינענדיק טויבן מיטן
צוגעגאַרטלטן לײַבל, אָנגערוקטן שמויסענעם היטל און
מרה־שחורהדיג גלײַכגילטיגן פּנים, און דאָך האָט מען
געגלויבט, זיך געוואונדערט, נישט פאַרשטאַנען און גע־
גלויבט:

»א קשיא אויפן טויבן? ס׳איז דאָך מיט אים עפּעס
נישט אינגאַנצן גלאַט«.

אָט האָט אים איינמאָל די אויסגעדאַרטע טאַנדעטניטשקע
דערצאָרנט, האָט ער איר אַן אויסגעטאָנעם שטיוול אין
קאָפּ געוואָרפן, געכאַפּט אירע בעטן, טישן און בענקלאַך
און זיי מיט כּעס אינדרויסן אַרויסגעשלײַדערט.

מען איז דעמאָלסט פונם גאַנצן שטעטל זיך צוזאַמענ־

געלאָפן, געקוקט פונוויַיטנס און מוראָ געהאַט צוגיין. איינער האָט דעם צווייטן איבערגעגעבן:

»דעם טויבן זיינען די »געבלוטן« אַריַין אין קאָפּ«.

די אויסגעדאַרטע טאַנדעטניטשקע האָט זיך דאָ אַרומ־געדרייט, זיך געקלאַפּט מיט צוויי פויסטן אין קאָפּ און געריסן איר שמאָלן און הייזעריגן האַלז:

»יידן קוקט: א פּאָגראָם מאַכט ער מיר ... א פּאָגראָם!«

און יידן זיינען געשטאַנען און האָבן געקוקט. ס'האָבן זיך שוין געפונען גוטהאַרציגע קרעפטיגע קינדער, וואָס זיינען גרייט געווען אויף דעם טויבן זיך אַרויפוואַרפן, האָט אָבער די טאַנדעטניטשקע שונאים געהאַט, זיי האָבן געבליצט אויף איר מיט בייזע אויגן און געשעפּטשעט אונטער אירע פּלייצעס:

»נישקשה, נישקשה, זי איז זיך אינם טויבן גענוג נוקם«.

און דאָרטן, ביַי דער שטוב, האָט נאָך דער טויבער עפּעס אינדרויסן אַרויסגעשליַידערט און געשאָלטן מיט א דערשטיקטן קרעכץ:

»א ר—ר—רוח! ...«

מען האָט אים טאַקע צום אוראַדניק גערופן און זיך ביַי אים דערפרעגן אָנגעהייבן:

»דו קענסט זי, דעם ביקס בהמה?«

האָט ער זיך אָבער אָנגעכאַפּט אינם וואָרט »ביק« און דאָס נישט געקאָנט פאַרגעסן:

»יאָ, יאָ, וואָוע ביק«.

דעם »אוראַדניק« איז באַלד נמאָס געוואָרן און געוואָלט האָט ער שוין וואָס גיכער פּטור ווערן פון אָטדער וואוקסיגער און ברייטביינינגער בריאה, וואָס קוקט אויף אים מיט גרויסע אויסגעגלאָצטע אויגן און »בעבעט« מיט שווערקייַט אַלץ איינאונאיינציג וואָרט. האָט אָבער דער

טויבער פון אים נישט געוואָלט אָפּטרעטן, געקראָכן צו אים אַלץ נעהענטער און נעהענטער און אַפילו געמאַכט צו אים מיט דער האַנט:

»וואָווע ביק... אָ...«

עפּעס האָט ער אים געוואָלט דערציילן וועגן א בײַטל־מיל, וואָס האַלט זיך אין איין טרייסלען, וועגן א טאָפּ־טשאַן מיט א מת און וועגן א קרוק מיט א שטריק; געוואָלט דערציילן און נישט געקאָנט. ווי אין א נעץ איז ער פאַרפּלאָנטערט געוואָרן אין דער ערשטער מחשבה וועגן ביק און זיך פון איר ארויסרײַסן קיין כוח נישט געהאַט.

דער »אורעדניק« האָט אים ענדליך אַרויסגעשטופּט און פאַרשלאָסן די טיר, און ער איז נאָך דאָרטן לאַנג גע־שטאַנען און געגומען, גאָט ווייסט נאָך וואָס, די הויזן, איבערבינדן. א ייד פון שטאָט איז פאַרבײַ דורכגעגאַנגען האָט ער אין די הויזן פאַרגעסן, זיך געלאָזט גיין צו אים, שוין אַפילו אויסגעשטרעקט א האַנט פאָרויס און אים אָנגעהייבן דערציילן דאָסזעלבע, וואָס ער האָט נאָר־וואָס געוואָלט דערציילן דעם אורעדניק:

»אָ!... דער ביק!...«

דער ייד האָט זיך איבערגעשראָקן און מיט א מוראָדיג האַרצקלאַפּעניש אַנטלאָפן אָנאַזײַט, און ער איז געגאַנגען ווײַטער צו דער שטאָט צו און אויסגעשטרעקט די האַנט צו יעדן מענשן, וואָס ער האָט באַגעגנט. יידן האָבן פּחד באַקומען און אים דעם וועג אָפּגעטראָטן, און ער איז אַלעמאָל שטיין געבליבן מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט און מיט נישט קיין געענדיגטן וואָרט:

»אָ!... דער ביק!...«

יעדער מחשבה האָט זיך, אַפּנים, מיט אָטדעם וואָרט אין זײַן געפּרעסטן מוח אָנגעהייבן, נאָר קיינער האָט נישט

געוואָלט הערן אָטדי מחשבה, איז ער דערפאַר בײַם ערשטן וואָרט געבליבן, גלײַכּווי ער מיט אָטדער מחשבה וואָלטן אויף עמיצן געהאָפט און געוואַרט, אָט וועט ער סוף־כּל־סוף קומען, יענער מענש, וואָס וועט אים וועלן אויסהערן, וועט ער דאָס ערשטע וואָרט אָפּלאָזן און וועט אים אַנטדעקן אַלע מחשבות, וואָס אין זײַן טויבן און געפּרעסטן קאָפּ.

פּאַמעלאַך איז ער אַזוי פאַרגאַנגען אין קלויז, געעפנט די טיר און אַרײַנגערוקט זײַן טויבן קאָפּ. קיינער איז אין קלויז נישט געווען, האָט ער זיך בײַ דער הייסער הרובע געזעצט. אַרום אים איז אַזוי שטיל און רוהיג געוועןי די קלויזשויבן, מאַט פאַרפרוירן, די סטענדערס פאַרלאָזן, ווי מצבות פון קדושים, וואָס שטייען מיטן פּנים צו מזרחזײַט און כאַפּן א קוק אַהין, צו גאָט־ברוך־הוא.

כראָפּעט זיך ערגעץ קעגנאיבער דער הייסער הרובע א ייד אַן אָרעמאַן, וואָס איז פון די ווײַטע מקומות צופוס געקומען, כראָפּעט פון א געשמאַקן בײַטאָגעדיגן דרימל און חלומט וועגן א סך, א סך איינציגע קאָפּיקעס.

און דער טויבער זיצט דא מרה־שחורהדיג בײַ דער הרובע און הערט נישט, ווייסט נישט אַפילו צי דאָרטן, קעגנאיבער דער הרובע, ליגט א מענש. זײַן מוח איז אײַנגעפּרעסט, קאַלט, און געדענקט שוואַך און נעפּלדיג א טרויעריג געשעהעניש מיט זײַנער א פאַרוואונדעטער לאָפּעטקע, מיט א טאַפּטשאַן, מיט א מת, און מיט אַן אײַזערנעם »קרוק«, וואָס צו אים איז א שטריק צו־געבונדן. און אַרום אַלעס דרייט זיך אַן אָנגעהייבענע מחשבה מיט נישט קיין געענדיגטן וואָרט:

»דער ביק!... אָ!...«

ס׳קומט אַרײַן יוסעלע דער גאַמן, טוט אויס דאָס שמויסענע פוטער און זעצט זיך לעבן אים בײַ דער

הרובע. פּאַמעלאַך און פאַרחלומט גלעט ער זיך זײַן שפּיציכיג בערדל. און דאַכטן דאַכט זיך שוין, אַז ער קלערט זײַנע תּמיד בייזליכע מחשבות, מחשבות פון א יידן א מטופל, וואָס זיצט אָהן פרנסה. האָט אָבער יוסעלע א נשמה, וואָס עס באַרירן זי צײַטנווײַז ווילדפרעמדע ענינים. ער שרײַט עפּעס אינם טויבנס פאַרשטאָפּטן אויער, און דער טויבער בויגט צו אים זײַן געפּרעסטן קאָפּ און שאָקלט אים נאָך:

»געשטאָרבן? ... וואָס זשע דען? אַוודאי געשטאָרבן«.

ער וויל עפּעס זאָגן, נאָר יוסעלע לאַכט. ס'פאַרקנייטשן זיך יוסעלעס צוגעשוירענע וואנצעס מיט דער אויבערשטער ליפּ און ס'באַווײַזן זיך געלע, פאַררויכערטע ציינער. יוסעלע שרייט ווידער, און ער קוקט אים אין די אויגן. זײַן פּנים איז מרה־שחורהדיג, די בלײַענע אויגן זיינען פאַרגליווערט און אויסגעגלאַנצט, דאָך כאַפּן זיי בײַ וסעלן איבערגעריסענע ווערטער און גיבן איבער דעם געפּרעסטן מוח:

»דער ביק איז א חזיר ... א רײַכער חזיר, נישקשה«.

ס'דוכט זיך אים, אַז יוסעלע רייצט זיך מיט אים, און ס'פאַרדריסט אים. נאָר באַלד פאַרגעסט ער, אַז ס'פאַרדריסט אים און וואָס ס'פאַרדריסט אים, און געדענקט נאָר דעם ביקס הויכע און ווײַס אָפּגעקאַלכטע שטוב מיט אירע פונאַנדערגעוואַקסענע אַקאַציעבוימער, וואָס פאַר די פענסטער, און מיט איר ריין בלויעם, ווי נאָרוואָס אָפּגעוואַשענעם פאַרקאַן.

עס ווערן טונקל די געקווייטלט פאַרפרוירענע שויבן. מענשן קומען אַרײַן אין קלויז, רוקט ער זיך פּאַמעלאַך אַרויס אינדרויסן, פאַרלייגט די הענט אין די אַרבל און לאָזט זיך ערגעץ גיין. ער שפּאַנט פּאַמעלאַך מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, נאָר באַלד פאַרגעסט ער, וואוהין ער

גייט, פילט אפילו נישט צי ער גייט, ווייסט נישט צי איג־דרויסן איז זומער, צי ווינטער. יינגעלאַך פאַרלאָזן אויף א ווײַלע דעם גליטש און לויפן אים נאָך. עפּעס שרײַען זיי צו אים, נאָר ער הערט נישט, גייט צווישן צוויי שורות הילצערנע קלייטן און קוקט זיך אויף זיי נישט אום, מענשן קערן אים אָפּ דעם וועג, און ער באַמערקט זיי נישט. פונאונטן פאָרט אָן א שליטן. דעם פויער איז קאַלט, ער פוילט זיך נעמען די לייצעס אין די הענט און אָפּקערן, שרײַט ער אים: »בערעגיס!«*. און ער הערט נישט. דער »דישל« טוט אים א קלאַפּ אין די אײַנגעהויקערטע ברייטע פלייצעס, כאַפּט ער זיך מיט דער האַנט פאַרן פאַרוואונדעטן אָרט, קוקט זיך נישט אום און גייט ווײַטער.

ער שטעלט זיך אָפּ בײַם ביק אין פינסטערן קאָרידאָר און ווייסט נישט, וואוהין זאָל ער ווײַטער גיין. די רעכטע טיר, וואָס פירט אין עסצימער, איז צוגעמאַכט שטײַף און פעסט, גלײַכווי זי איז געשלאָסן פון אינ־ווייניג. די לינקע טיר, וואָס צו דער קיך, איז עטוואָס אָפן. א לאַנגע און שמאָלע שײַן ציהט זיך דורך איר פון דער קיך, צעשפּרייט זיך אויף דער פּאָדלאָגע פונם פינ־סטערן קאָרידאָר און רירט זיך נישט. ער שטעלט זיך אין ווינקל, וואָס קעגנאיבער אָטדער טיר, און רירט זיך אויך נישט. מען גייט מיט א לאָמפּ גיך אַדורך און מען באַמערקט מיט שרעק א פּאָר אָפּגעריבענע שטיוולנעזער. ס׳ווערט א גערודער, און ס׳שטייען שוין לעבן אים אַלע שטובמענשן. דער ביק אַליין שרײַט עפּעס אין זײַן טויבן אויער, נאָר ער הערט נישט און טראַכט:

»דער ביק איז א חזיר... א רײַכער חזיר... נישקשה«.

---

* »היט זיך

און בשעת ער קומט צוריק צו זיך אין שטיבל און שטעלט זיך לעבן טאַנדעטניק ביי דער הרובע, טראַכט ער נאָך אַלץ וועגן דעם.

איצט געדענקט ער שוין, אַז ער איז געוועזן ביים ביק אין שטוב און האָט אים געזעהן גאָר נאָהענט לעבן זיך.

און נאָך געדענקט ער: ער איז א טויבער, א ייד א טרעגער, וואָס האָט אַמאָל געהאַט א ווייב לאָה מיט א מיידל — אסתר.

ער פאַרקרימט זיך אַפילו און באַווייזט דעם טאַנדעטניק צו זיך אויף דער ברוסט:

»עסן ... ס׳קלעמט אים אָטדאָ, ביים האַרצלעפעלע.«

און דער טאַנדעטניק זיצט רוהיג לעבן אים, האַלט א קליין פאַרשמוצט קינד אין שויס און גלעט מיט א האַנט זיין אומריין קעפל, זיין קול איז צעקראָכן און מאָנאָטאָניש, ווי דאָס קול פון א יידענע. ער האָט נישט קיין באָרד. עטליכע איינציגע האָר שטעקן אין זיין געמבע און אין דער אויבערשטער ליפּ און שאָקלען זיך, בשעת ער רעדט. ער גענעצט זיך פונאַנדער, הייבט זיך אויף און שרייט צום טויבן אין אויער:

»ער איז נישט קראַנק באַצאָלן, דער ביק...«

דאָס ברודיגע קינד פאַרקרימט זיך, עפנט א קליין מייַלכל אָהן ציינער און פאַרגייט זיך, און דער טאַנדעטניק הערט נישט און שרייט נאָך אַלץ צום טויבן:

»א רוח׳ן ביקס טאַטן!«

די טאַנדעטניטשקע לויפט אָן ערגעץ פון גאַס, כאַפּט דאָס וויינענדיג קינד אויף אירע קאַלטע אויסגעדאַרטע הענט און רייסט איר שמאָלן האַלז:

»פאַר אַזאַ מעשה מעג ער גוט באַצאָלן, דער ביק... ער האָט אָבער געוואוסט אויף וועמען אָנצוטרעפן.«

זי שלעפּט אים פאַר דער האַנט און שרייט:

»טויבער גולם! ··· וואָס שווײַגסטו?«

נאָר בײַם טויבן זיינען שוין די געדאַנקען ווידער פאַר־פלאָנטערט· ער קוקט גלײַך אין דער טאַנדעטניטשקעס פנים און רירט זיך נישט·

א שכן, א שנײַדער מיט א ווייכער און ליכטיגער באָרד, קומט צום טאַנדעטניק אין שטוב אַרײַן, באַטראַכט לאַנג דעם טויבן און שלעפּט פאַר זײַנעם אַן אַרבל:

»טויבער, ס'אַר'אַ טאָג איז הײַנט?«

ער איז אַזאַ ווייכער און גוטיטשקער, אָטדער יונגער שנײַדער מיט דער לאַנגער ווייכער באָרד· ער וויל אויס־פאָרשן אויף וויפיל דער טויבער איז צעמישט, און בײַ אים אַליין קלאַפּט שוין אַזוי שנעל דאָס האַרץ, און דאָס פנים זײַנס, דאָס איידעלע, איז שוין רויט, און די אויגן זײַנע שעמען זיך שוין, פינקלען און שעמען זיך: ער ווייסט? אפשר האָט ער א נאַרעשקײַט געטאָן···

נאָר דער טויבער ווייסט נישט, ווער ס'שלעפּט אים פאַר זײַן אַרבל, ווייסט נישט נאָך וואָס מען שלעפּט אים, ווייסט נישט צי בײַ דעם, וואָס שלעפּט אים, איז הײַנט שבת, צי וואָך· אַן אײַנגעהויקערטער מיט פאַרבאַהאַלטענע הענט פאַרלאָזט ער די שטוב, גייט ערגעץ און ווייסט נישט וואוהין, דרייט זיך לעבן דער קלויז און אין מאַרק בײַ די קלייטן און דערזעהט פלוצים, אַז ער שטייט ווידער בײַם ביק אין שטוב· דער ביק שטייט אים אַנט־קעגן און שרײַט אין זײַנעם אַן אויער, א שמאַטע:

»וואָס ווילסטו, טויבער?«

מען עפנט די טיר און מען ווײַזט אים, ער זאָל זיך נעמען דעם וועג, פאַרלייגט ער ווידער די הענט אין די אַרבל און פאָלגט שווײַגנדיג און שטיל·

## VI

און ווינטערש נעפלדיגע מעת־לעתן האָבן געגענעצט און געבוירן קורצע און פראָסטיגע טעג· דאָס זיינען נישט געווען קיין טעג, נאָר טונקעלע און מסוכנדיג קאַלטע בין־השמשותן·

ס׳האָט געשאָטן שניי·

גאַנצפריה האָט זיך דער טאַנדעטניק מיט דער וויַיבס שאַל אויפן גרויסן שמויסענעם פוטער איַינגעהילט, זיך אין מאַרק אַרויסגעכאַפּט און באַלד צוריק א פאַרשאָטענער מיט שניי און מיט א פאַרבלויטער נאָז צולויפן געקומען· ער האָט געריבן די פאַרפרוירענע אויערן מיט די פאַר־שטיינערטע שפיצפינגער און דערציילט דעם וויַיב וועגן דריַי פאַרפרוירענע, וואָס מען האָט ערגעץ נאָהענט אונטער א פאַרשאָטענעם דאָרף געפונען·

»יאָ און וואָס נאָך? יידן האָבן זיך אויף א יאַריד גע־לאָזן פאָרן און זיך קוים לעבעדיגע פון אונטער דער שטאָט צוריק פאַרשלעפּט«·

אַזוי צופרידן איז ער שוין געווען דערמיט, וואָס ער האָט זיך מיט אסך הייצונג פאַרגרייט, געהאַלטן א שטיקל אַרבעט ביַי דער הייסער הרובע, געקוקט אויף די פאַר בלאָזענע שויבן און זיך פאַר שמחה אַזש מיטן טויבן גע־ווערטלט:

»זיק אין שטוב, טויבער ··· דו הערסט, וואָס מען רעדט צו דיר?«

האָט אָבער דער טויבער נישט געהערט און זיך דאָס זיַיניגע געטאָן: דאָס קורצע און גראָבע ליַיבל האָט ער אויף זיך אַרויפגעוואָרפן, די לענדן זיך שטיַיף אונטערגעגאַרטלט, דאָס היטל איבער די אויערן אָנגערוקט און אַפילו די טאַנ־דעטניטשקע פונאונטן פאַר איר קאָפּטל א שלעפּ געטאָן:

»אָט זאָל זי זעהן: ער גייט... אין מיל גייט ער... צום ביק אין מיל...«

די טאַנדעטניטשקע האָט אויף אים אַזאַ בייזן בליק געטאָן:

»גיי... אין דער ערד גיי... דערלעב נישט קומען...«

און ער האָט צו איר נאָך אַלץ מיטן קאָפּ געשאָקלט:

»יאָ, יאָ, צום ביק אין מיל«.

פּאַמעלאַך איז ער די שטאָט דורכגעגאַנגען, זיך גע־נומען לינקס און אַוועקגעשפּאַנט אַהין, אין איינזאַמען טאָל, וואו דער שנייענדיגער שטורעם האָט זיך מיט רויך אויסגעמישט און אַרום מיל א קײַלעכדיגס געכאַפּט.

דער אָנגעפּעלצטער מילסטרוזש האָט אים דערזעהן, זיך אויפן טויער געשטעלט און אים אין מיל נישט געוואָלט אַרײַנלאָזן, האָט ער זיך גענומען מיט אים ראַנגלען; ער האָט צעהרגעט דעם סטרוזש, דער סטרוזש האָט אים צעהרגעט. מ׳האָט ענדליך דעם אוראַדניק געבראַכט, וואָס האָט אים צו צוויי גויים אין די הענט איבערגעגעבן.

נאָכדעם איז א פּראָסטיג שטילע און אויסגעשטערנטע נאַכט געוועזן.

פּאַרטאָג פּאָרט זיך אַזוי שטיל אַן אָנגעפּאַקטער שליטן מיט דרימלענדיגע יידן, פּאָרט ערגעץ אויף א יריד, וואָס אין נאָהענטן שטעטל. אַרום איז אַזוי שטיל. דרימלט זיך אין דער רעכטער האַנט דער פויערשער בית־עלמין; שלאָפט זיך לינקס וואָווע ביקס ווײַסע שטוב מיט איר לאַנגן סאָד, און איבער אַלץ א פּאַרטאָגיגער ריינער הימל מיט אויסגעלאָשענע שטערנדלאַך, וואָס ווינקען זיך נאָך ערגעצוואו דורך וועגן א געהיים נאַכטמעשהלע.

יידן פאַרלירן אַלעמאָל די פאַרשלאָפענע קעפּ און דרימלען אײַן מיט א פרומען בטחון־געדאַנק:

»אי״ה א גוטער יריד...«

פלוצים: א שנאָרך פון אַן איבערגעשראָקענעם פערד, א טראָג דעם שליטן אינאַזײַט מיט אַן איבערגעשראָקענעם געשריי פונם פויער, דעם אָנטרײַבער:

»טפררו!!«

יידן דערוואַכן פונם דרימל מיט אַזאַ מוראָדיגער שרעק; בײַ יעדן פון זיי קלאַפּט שנעל דאָס האַרץ:

»וואָס איז געשען?«

דער פויער שטייט שוין פאַר די פערד און שילט זיך מיט נבול־פּהדיגע קללות:

»א טשאָב טאָבי... טשוט, טשוט טשילאָוויקאַ ני פערעאיכאַלי!...«*

יידן לויפן געשווינט צום פויער, בויגן זיך אָן און דערקענען דעם טויבן:

ער ליגט זיך אַזוי אַן אײַנגעהויקערטער אינם צוגעגאַרטלטן וואַטענעם לײַבל מיטן אָנגערוקטן שמויסענעם היטל און האַלט א האַק אין דער האַרט געשלאָסענער רעכטער האַנט.

ער איז נאָך וואַרעם, לייגט מען אים אויפן שליטל און מען פירט אים אָפּ אַהיים. א ברירה האָט מען?

יידן ירידניקעס זיינען אַזוי אומצופרידן, קוקן אויפן בלאַסן מזרח און קלאָגן זיך:

»פאַרשפּעטיגט דעם יריד, ווי איך בין א ייד.«

---

און אין שטאָט האָט מען שוין באַלד פּשט לערנען אָנגעהייבן:

»וואָס זשע, ס׳איז א נײַס? דער טויבער האָט פאַרטראַכט דעם ביק הרגענען.«

* א זאָלסטו... שיר, שיר קיין מענשן ניט איבערגעפאָרן.

ערגעץ האָט זיך שוין געפונען אַן עדות זאָגער, וואָס האָט דעם ביקס פּחד גרעסער געמאַכט.

אָט ווען איז דאָס געווען? שפּעט בײַנאַכט איז ער אונטערן ביקס שטוב דורכגעגאַנגען און געזעהן: איינער א מענש דראַפּעט זיך אויפן הויכן פּאַרקאַן, קלעטערט און דראַפּעט זיך; ס׳איז אויף אים א פּחד אָנגעפאַלן, איז ער אַנטלאָפן.

»און וואָס נאָך: ווער ווייסט ניט, אַז דער טאַנדעטניק געפינט אַלע גאַנצפריה זײַן טיר אָפּגעשלאָסן?«

בײַם ביק האָט מען טאַקע באַלד א געזונטן גוי, א סטרוזש געדונגען, וואָס האָט גאַנצע נעכט געקלאַפּט אינם הויכן פּאַרקאַן; און דער האַלבדערפרווירענער טויבער איז צוויי וואָכן נאָכאַנאַנד שלאָף געווען, און ווי א גולם, זיך געוואַלגערט אין בעט, וואָס אין זײַן נאַסער קיך.

עמיצער האָט זיך אויף אים דערבאַרעמט און דעם דאָקטער אַרײַנגערופן, א יונגן אויסגערוהטן און גוטיטשקן דאָקטער, וואָס האָט געהאַט קליינע וואָנצעס מיט שוואַרצע קלוגע אויגן. ער איז לאַנג געזעסן לעבן אים, אָטדער גוטיטשקער און אויסגערוהטער דאָקטער, לאַנג אַרײַנ־געקוקט אין טויבנס גלײַכגילטיגן פּנים און לאַנג אויס־געהערט די מעשה, וואָס די אויסגעדאַרטע טאַנדעטניטשקע האָט אים, רײַסנדיג דעם שמאָלן און הייזעריגן האַלז, דערציילט. אַלץ, וואָס ער האָט געזעהן און געהערט, האָט זיך אים, אַפּנים, אויסגעוויזן שרעקליך וויכטיג און אינטערעסאַנט. דערפאַר איז ער געזעסן שטיל, פאַר־טראַכט און מיט גרויס דרך־ארץ.

און שפּעטער מיט א פּאָר טעג איז ער ווידער גע־קומען, אָט דערזעלבער יונגעטשקער און אויסגערוהטער דאָקטער מיט דיזעלבע קליינע וואָנצעס און שוואַרץ קלוגע אויגן, און ווידער לאַנג לעבן טויבנס בעט געזעסן.

ער האָט אין טויבנס פּנים געקוקט און געטראַכט.

דער טויבער האָט אין זײַן פּנים געקוקט און אויך גע־טראַכט.

און דאָך האָט אײנער דעם צווייטן נישט פאַרשטאַנען. אַזוי ווײַט און פאַרשיידן זײנען זײ שוין געװען, אָטדי צוויי ברואים, װאָס האָבן זיך גלײַך אין די אויגן געקוקט.

דער טויבער האָט זיך טאַקע צום סוף מיישב געווען און זעלבשטענדיג געזונט געוואָרן, אָהן א שום הילף פון א מענשן, וועגן וועלכן ער האָט שוין קלערן נישט געקאָנט.

ס׳איז אַזוי מערקווירדיג געווען.

אַליין איז ער אפשר נאָך קרעפטיגער און געזינטער ווי פאַר דער שלאַפקײַט געוואָרן און דאָך איז אים א מיאוסער פעלער פאַרבליבן:

ער האָט אויפגעהערט שלאָפן בײַנאַכט.

א הויכער, ברייטביינעדיגער און גלײַכגילטיגער האָט ער אין שטוב אַרומגעבלאָנזשעט און געשוויגן צוזאַמען מיט די שטילע און פינסטערע נעכט.

אַזוי לאַנג און פינסטער זײנען די נעכט געווען, און אײַנגעהילט האָבן זײ אין זײערע טונקעלע טיפקײַטן די גאַנצע פאַרחלומטע וועלט, און פאַרשלעפערט האָבן זײ אַלץ, וואָס האָט געלעבט און געטראַכט, חוץ אים, דעם אייציגן וועלט־דופק, וואָס האָט נישט געטאָרט רוהען, נישט געטאָרט אפילו טראַכטן וועגן רוהע.

הין און צוריק האָט ער איבערן קליינעם שטיבל אַרומ־געשפּאַנט, געקלאַפּט ווי אַן אומרוהע און געטראָגן אויף זיך די ייסורים מיט דער מרה־שחורה פון די שלאָפנדיגע.

ער איז נישט געווען מיד און האָט נישט געטראַכט וועגן רוהע. אָט ווען עמיצער זאָל אים געווען בײַ דער האַנט אָנכאַפּן און אים אָפּשטעלן, וואָלט ער זיך, נישט אַרומ־

קוקנדיג, אויסגעריסן פון אים און וואָלט ווידער גע־שפּאַנט.

וואַרפט זיך אַמאָל אינמיטן דער נאַכט דער טאַנדעט־ניטשקעס קליין קינד דורך, לאָזט אַרויס פריהער עטליכע קרעכצן און נאָכדעם א געוויין.

די טאַנדעטניטשקע כאַפּט זיך מיט א שטאַרק פאַר־שלאָפענעם פנים פונם בעט אויף, הייבט עטוואָס אויף דעם שווערן דרימלדיגן קאָפּ און שטילט דאָס קינד איין:

»נו שלאָף, נו שלאָף«.

זי רעדט מיט אַזאַ פאַרלעגערטן קול, דערהערט, ווי דער טויבער שפּאַנט דאָרטן אין צווייטן חדר און שילט אים:

»א קרענק אים... עס נעמט אים קיין קויל ניט«.

נאָר דער טויבער הערט נישט און שפּאַנט ווידער, אַזוי האַרט און פעסט זיינען זיינע טריט, און די נאַכט איז אַזוי שטיל און שלינגט זיי איין שטיל און פאַמעלאַך, אָטדי האַרטע און פעסטע טריט, און וואַרט אויף נייע. און באַלד קומען זיי, אָטדי נייע שווערע טריט און קלאַפּן, ווי מיט א האַמער, אין פאַרשלאָפענעם מוח. אפשר דערפאַר, וואָס די נאַכט איז שטיל און קיינער אחוץ דעם טויבן שפּאַנט נישט, ווייזט זיך שוין אויס, אַז דער טויבער וועט זיך אייביג, אייביג אַרומדרייען און אַז די נאַכט וועט זיך אייביג, אייביג ציהען. די טאַנדעט־ניטשקע דערשרעקט זיך פאַר דער מחשבה, דעקט איבער דעם קאָפּ און שלאָפט איין מיט אַן אַלטבאַקאַנטן קינדערשן פחד. אַלץ שלאָפט שוין אין איר, נאָר אינם דרימלדיגן מוח דרייט זיך נאָך אַרום אַן אָפּגעריסענע פאַרלעגערטע קללה:

»א קרענק!... א כאָלערע!...«

דער טאַנדעטניק האָט זיך איינמאָל אין א בלאַסער נאַכט פון שלאָף דורכגעוואָרפן, דעם טויבן שפּאַנען ניט געהערט און גלאַטאַזוי א טראַכט געטאָן:

»אפשר האָט אים שוין דער רוח גענומען?«

און דער טויבער איז דעמאָלסט בײַ זיך אין בעט געלעגן און שטיל און אָהן אַן אויפהער געקלאַפּט מיט די פיס אין דעם ווענטל פונם בעט. ער איז ניט שלעפעריג געוועזן, נישט געוואוסט, צי פאַר דער נאַכט איז א טאָג געוועזן און צי נאָך דער נאַכט וועט נאָך עפּעס זײַן.

עפּעס האָט פונדרויסן דורכן פענסטער אַרײַנגעקוקט, האָט זיך דער טויבער אויף די קנין אַוועקגעשטעלט און גענומען קוקן אין פענסטער, א בהמה איז דאָרטן געשטאַנען א מרה־שחורהדיגע און אַן אומגליקליכע און אינווייניג אַרײַנגעקוקט. באַלד האָט ער די בהמה דערקענט.

»וואָווע ביקס בהמה...«

געשווינט האָט ער די האַק געכאַפּט און איז אינדרויסן אַרויס. א בהמה איז דאָרטן געשטאַנען, געשלעפּט נאָסע שטרוי פונם נידעריגן דאַך און זי פאַמעלאַך, פאַמעלאַך געקײַעט מיט גלײַכע, שטומפּיגע ציינער. זי האָט אים דערזעהן, די בהמה, און פון דער »סטריכע« אוועקגעגאַנגען, איז ער איר נאָכגעגאַנגען פאַמעלאַך, נישט געאײַלט. אַרום איז שטיל און פּוסט געוועזן, א נאַסער ווינט האָט זיך אין דער בלאַסער נאַכט אַרומגעטראָגן און גלאַטאַזוי קונצן געמאַכט; פון א נאָהענטן אײַנגעהויקערטן שטיבל האָט ער איינציגע שטרוי פון דאַך אַרויסגעריסן און זיי איבערן אָפּגעלאָזטן ברודיגן שניי פונאַנדערגעבלאָזן; און אויף די בוימער, וואָס בײַ א רײַכן בעל־הביתס א שטוב, האָט זיך אָטדער נאַסער ווינט אַרויפגעכאַפּט און מיט זייערע שפּיצן אינם אײַזערנעם דאַך

געקלאַפּט· ערגעץ אין צווייטן געסל איז א ייד א סוחר שפּעט פונם וועג אָנגעקומען און געשמאַק געקלאַפּט אין א פענסטער פון זײַן דרימלענדיגער שטוב· א מחנה הינט האָבן זיך אונטער א נאָהענטער שטוב פרײַנטליך אין די פנימער געקוקט און זיך מיט די עקן חנופהלאַך געמאַכט· איינער א הונט האָט זיך פון צווישן זיי אַרויסגעריסן און זיך אויף דער בהמה מיטן טויבן א לאָז געטאָן, האָבן זיי אַלע נאָכלויפן גענומען· די בהמה האָט לויפן אָנגעהייבן, האָט דער טויבער די האַק אויפן אַקסל פאַרוואָרפן און זיך געלאָזט נאָך איר· דער ווינט האָט אָן די שפּיצן פון די בוימער פאַרגעסן און זיך נאָכן בינטל געלאָזן· באַלד האָט זיך דאָס בינטל אין בלאָסן נאַכט־חשכות אויסגעמישט און זיך שוין געשווינט געטראָגן איבער שטאָטגריבער, קליינע טאָלן און מיסטבערגלאַך·

---

און גאַנצפריה האָבן יידן דעם טויבן א טויטן געפונען און לעבן אים — פעסי דער מילכיגערס געהרגעטע בהמה·

זי האָט אַזוי געוויינט, אָטדי פעסי:

»אדרבה, זאָלן יידן זאָגן, וואָס איז זי דאָ שולדיג? · · ·«

זי האָט נישט געקאָנט ענדיגן און זיך פאַר האַרצווייטאָג פונאַנדערגעכליפּעט· און יידן זיינען דאָ פאַרקלערטע געשטאַנען און געשוויגן·

---

# יורדים

# I

אַז צביהן, דער קלענערער און בייזערער פון די צוויי פאַרזעסענע שוועסטער פוזיס, עסט זיך איַין דאָס אַלטע אָפּגעקומענע לעבן, הערט זי אויף צו עסן, צו טרינקען און צו וואַשן דאָס פּנים. עטליכע טעג כסדר דרייט זי זיך אַרום אין אונטערשטן קליידל מיט א וואליטשקן שאַלכל אויפן צעשויבערטן קאָפּ, און ראַמט אין אַלע חדרים און איבערהויפּט אין דער גרויסער פוסטער זאַל, ווישט שמיידיג דעם שטויב פון די ווענט, פונם באַלקן און פון יעדן פאַרגעלטן בלאַט, וואָס אויף די אַלטע הויכע פיקוסן, זי עטעמט דערבייַ שווער דורך דער נאָז, ענטפערט ניט אויף קיינעמס ווערטער און ווערט שטאַרק אין־כַעס, אלמאי מ׳רופט זי אין עסצימער אַריַין עסן.

אַקעגן א פּאָר מעת־לעת פּאַסט זי אַזוי אָפּ אָהן א ביסן אין מויל, אָהן א וואַרעם גלעזל טיי אַפילו, נאָר סוף־כל־סוף וואַלגערט זי זיך איַין אין בעט אַריַין, ס׳שטייט די גאַנצע צייַט בייַ איר אין צימער ניט צוגעקליבן, און שיסט אויס מיט א האַרצרייַסנדיגן געוויין. דער געוויין איז א ייאושדיגער, א יאָמערדיגער און קאָן זיך אַוועקציהען א טאָג און צוויי.

»רבונו של עולם, כליפּעט זי שווער אַרויס, מ׳פוילט דאָך דאָ אין שטוב אָהן תּכריכים... לעבעדיגערהייט האַלט מען דאָ אין איין פוילן...«

און דידאָזיגע ווערטער אירע רירן שטאַרק אָן די עלטערע שוועסטער, רחלען, א קליין וואוקסיג פּיראונ־דרײַסיגיאָריג מיידל מיט קליינע ווײַבערשע וואָנצעלאַך. זי געפינט זיך די גאַנצע צײַט דאָ אין צימער לעבן צביהן און היט זי. זי שטייט מיטן פּנים צום פענסטער און קוקט, ווי די שכנה די באנדערקע באַווײַזט זיך אין הויף מיט א פאַרקאַטשעטן קליידל און מיט א פולן הויך אויפ־געהויבענעם צובער לעבן פאַרריסענעם טראָגעדיגן בויך. דער באנדערקע פלאָנטערט זיך א קליין פאַרמורזשעט מיידעלע צווישן די פיס; זי האַלט עס אין איין שילטן. רחל קוקט דורכן געשלאָסענעם פענסטער, ווי בײַ דער באנדערקע שאָקלען זיך אָהן אויפהער די גראָבע גע־דראָלענע ליפּן, און קיין קול הערט זי ניט. בײַ רחלען אַליין שטייען אויך טרערן אין די אויגן, קוקנדיג אין פענסטער, בײַסט זי א קנעכל פון א פינגער און האַלט אין איין טראַכטן וועגן צביהן:

»רבונו של עולם, וואָס וויל זי פון מיין לעבן האָבן, צביה?«

און נאָך:

»צביה, דו ווייסט, וואָס דו טוסט איצט? . . . צביה . . .«

ניט זי טראַכט אָטדי ווערטער, נאָר זי געדענקט זיי.

טרעפן טרעפט זיך עס מערסטנטייל נאָך שבועות, צו תמוז צו, ווען אין אַלטן אָפּגעקומענעם הויז הייבן אָן באַנייס א קאָן צו שוויצן די גראָבע געמויערטע ווענט, וואָס שטייען אַן אַרשין אין דער ערד. זייערע ציגל לאָזן אַרויס פלעקן פונאויבן אויפן ווײַסן קאַלך און פאַרשפּרייטן אַרום זיך א פאַרדומפּענעם געריך, א זיסליכן און ברויזנ־דיגן, ווי דער ריח פון דער זודיגער גוראַלניע, אין וועלכער זיי זיינען אַמאָל אײַנגעמויערט געוועזן. אין אַלע צימערן איז דעמאָלט פון בײַטאָג שטיל און קיל. און נאָר אין

עסצימער אויף דער קאַנאַפּע ליגט אָנגעלענט דער אַלטער פּוזיס, דער טאַטע פונם הויז. ער איז א בלינדער. ער פּינטלט מיט די בלינדע אויגן, וואָס באַשטייען פון גאָרע ווײַסליכן, הערט זיך איין אינם געוויין, וואָס ציהט זיך פון צביהס צימער, און וויל וויסן:

»וואָס ווײנט זי דאָרטן, צביה?«

פון גרויס לאַנגווײַליגקײַט קראַצט ער זיך אין גרויען קאָפּ און אין דער באָרד, געגעצט מיט גרויסע אויס־געצויגענע געגעצן און שעפּטשעט דערבײַ מיט א צעצויגענעם מויל און מיט א שטאַרק געלעגערטער צונג:

»אַך טי, רבונו של עולם!... גאָטעניו... טאַטעניו...«

ער וואַרט:

יקותיאל דער אײַנבינדער, דער צעפּלאָכטענער שמש פון דער סאַדעגערער קלויז, וועט זיך שפּעטער אביסל אַרײַנכאַפּן א קוק טאָן, צי ס׳איז ניטאָ א גלאָז טיי, וועט ער אים אביסל פאַרהאַלטן און וועט אים דערציילן, אַז זיי זיינען שלעק, די מיידלאַך זיינע.

»גרויסע שלעק...«

ער וועט מיט אים בכלל פאַרפירן א שמועס וועגן דער שטאָט, וועגן לייטן און וועגן זיך, קלמן פּוזיס אַליין, וועגן זײַנע אַמאָליגע געשעפטן: איינמאָל האָט ער גע־קויפט פאַר א שיבוש א וואַלד, די זאַוואַלינע, האָט מען אים גערופן; געדענקט ער עס ווי הײַנט:

»האָט מען זי געהאַקט, די זאַוואַלינע, געהאַקט און גע־האַקט אפשר צוועלף יאָר נאָכאַנאַנד, און דער בייטל איז געווען פול, יקותיאל ווייסט דאָך, אַז אַמאָל איז ער, קלמן פּוזיס, געווען דער קלוגער... נאָר נאָכדעם, אַז דאָס רעדל האָט זיך איבערגעדרייט, איז די קלוגע געוואָרן זי, לאה לשלום, די ווײַב זײַנע, ווײַל זי האָט געהאַט רייכע

קרובים. איצט האַלטן אים, קלמנען, די קינדער זײַנע פֿאַר א נאַר.

»פּכע! וואָס וועט דערויף זאָגן יקותיאל?«

נאָר יקותיאל איז א קלוגיטשקער, א ווערטלזאָגער און א שווײַגער. ער האָט א היפּשע פלאַקסענע באָרד מיט אויך אַזעלכע היפּשע פלאַקסענע ברעמען, און אַז ער קומט אַרײַן, קוקט ער פונוויײַטנס אויפן אַלטן פּוזיסן, קוקט מיט קלוגיטשקע אויגן, און א שמייכל שוועבט אים אונטער די אָפּגעשוירענע וואָנצעס אויף די נאַקעטע ליפּן.

»וואָס זאָל זיך הערן? שרײַט ער צום בלינדן פּוזיסן. ס'איז שלעכט, ר'קלמן! ביטער אין אַזא לאַנגן זומער־טאָג צו זײַן א קבצן«.

און דער אַלטער פאַרלירט מיטאַמאָל דעם האָנער; ער ווייסט ניט, וועמען מיינט יקותיאל, זיך צי אים, דעם אַלטן אָפּגעקומענעם פּוזיסן. א ווײַלע ליגט ער אַזוי א נישטיגער און פינטלט מיט די בלינדע נאַריש שעמעוודיגע אויגנוויײַסליכער.

»זיך, יקותיאל«.

»א שיינעם דאַנק, ר' קלמן«.

א פויזע.

»געוועזן אַמאָל יאָרן, אַ? יקותיאל«.

»געוועזן, ר' קלמן«.

»און אַוועק, יקותיאל«.

»אַוועק, ר' קלמן«.

דער אַלטער פאַרטראַכט זיך.

»וויפיל ביסטו אַלט, יקותיאל?«

קיינער ענטפערט ניט.

דער אַלטער וויל וויסן, ס'אַר אַן אויסזעהן האָט איצט די וועלט, וועלכע ער האָט שוין צײַט צוועלף יאָר ניט געזעהן; ס'אַר אַן אויסזעהן האָט איצט יקותיאל.

»יקותיאל׳ פרעגט ער פאָרזיכטיג׳ ווי איינער׳ וואָס טרעט אויף די שפּיצפינגער׳ ביסט שוין גרוי׳ יקותיאל?«

נאָר יקותיאל איז שוין נישטאָ. ער האָט באַמערקט׳ אַז אין שטוב איז עפּעס ניט׳ ווי אַלעמאָל׳ און אַז קיין טיי וועט אַזוי גיך ניט זײַן׳ און האָט זיך שטיל אַרויס־געקוקט. און דער אַלטער פּוזיס ליגט שוין ווידער איינגעראַליין אין היפּשן עסצימער און הערט פון ווײַטליכן צימער צביהס נאָגנדיגן געוויין. אים איז לאַנגווײַליג׳ וואַרט ער:

אין דער הייסער פינפאַזייגערדיגער בייטאָגעדיגער שעה וועלן זיך שאָטנס ציהען איבערן קליינעם ברוקירטן שטעטל. טויט וועט זײַן דער היציגער דרויסן׳ און דער אָרטיגער בריוונטרעגער וועט דורכאיילן דורכן שמאָלן געסל׳ וועט ער זיך׳ אפשר׳ אַרײַנכאַפּן אַהער און וועט דאָ איבער־לאָזן פּינקטליך הונדערטפופציג רובל מיט א קופּאָן׳ אין וועלכן ס׳וועט פּינקטליך שטיין:

»בפקודת בנכם הגביר שיק איך אײַך רצוף־פּה א. אַזי. וו.«

און דאָס וועט זײַן פונם איינציגן זון שמואלן׳ וואָס האָט ערגעץ אַרום יעקאַטערינאָסלאַוו עטליכע אייגענע גוראַלניעס און שיקט אַהער אַלע חודש אויף צו לעבן.

נאָר דער בריוונטרעגער קומט אַזוי זעלטן׳ סך הכל איינמאָל אין חודש. טעג ציהען זיך אַזעלכע לאַנגע׳ זומערדיגע׳ און צביה וויינט. דער אַלטער קראַצט זיך אין גרויען קאָפּ און אין דער באָרד און שעפּטשעט בײַ יעדן לאַנגן אויסגעצויגענעם גענעץ.

»אַך טי׳ רבונו־של־עולם! גאָטעניו... גאָטעניו...«

## II

ס׳טרעפט:

פון שמואלן, דער רײַכן זון, קומט אָן א בריוו, אַז צביה זאָל קומען. פון דער שנור איז פאַרהאַן א צו־שריפט:

»אצינד וועט שוין צביה ניט חרטה האָבן«.

און נאָך:

»אויב ס׳פעלט איר א קליידל, זאָל עס קיין מניעה ניט זײַן«.

ס׳איז קלאָר, ווי דער טאָג: ס׳האַנדלט זיך וועגן א שידוך; דער חתן איז ניט אַבי ווער: אויב ער געפעלט שמואלן מיט ברכהן, מסתמא קוקט ער שוין ניט אויפן שיינעם פנים, און דער עיקר איז בײַ אים דער »מענש«, דער »גראד«.

דער אַלטער איז אויפגערעגט. ליגנדיג אויף דער קאַנאַפּע, האַלט ער אין איין פינטלען מיט די בלינדע ווײַסליכער און איז צופרידן:

»וואָס זשע דען? שמואל ... מ׳האָט ניט געוואוסט פריהער, אַז ער וועט איר צוזוכן א חתן?«

ער גייט שיר ניט אויס, אַזוי וויל ער וויסן, ווער איז דער חתן, און איבערהויפּט, דער מחותּן, דער נײַער מחותּן. כּדי צו דערגיין, צי אין שמואלס בריוו איז נישטאָ א פּאָר ווערטער וועגן דעם, האַלט ער אין איין חנפענען די מיידלאַך:

»כ׳בעט דיך, רחלע, סערדצע, וויפיל האָט שמואל אייגענע גוראַלניעס?«

ער ווייסט, אַז שמואל איז בײַ די מיידלאַך געהויכט און געקרוינט, האַלט ער דעריבער אין איין ריידן צו זיך אַליין:

»געווען אַמאָל א חסידישער יונגערמאַן, שמואל...
געפאָרן נאָך דער חתונה מיטן שווער קיין אויסלאַנד צום
רבין. און איצט, זאָגט מען, טראָגט ער לייקענע הענטש־
קעס און גיט די האַנט די פריצות, מיט וועלכע ער האַנדלט.
און א באָרד דאַרף ער האָבן א היפשע, א שוואַרצע, אַ?
רחלע, א יאָ, א שוואַרצע?«

נאָר די מיידלאַך גלויבן, אַז די חכמה איז געווען
די מוטער זייערע, לאה לשלום, און אים, דעם בלינדן
טאַטן, האַלטן זיי פאַר א נאַר. פון לייטישקייַט
שווייַגן זיי, נאָר אַן אויסזעהן איז בייַ זיי אַזאַ, גלייַך זיי
טראַכטן:

»משטיינס געזאָגט... פאַרהאַן וועמען צו ענטפערן.«

א פאָר טעג איז די שטוב פול מיט פאַרבאַהאַלטענעם
אויפגערעגטן לאַרעם. בייַ צביהן אין צימער געפינט זיך
די גאַנצע צייַט די אָרטיגע אויפגעקלערטע דיינטע, אָטדי,
וואָס איז אַמאָל געווען רחלס א חברטע און האָט שוין
דרייַ קינדער און איז אויפגעצויגן געוואָרן ערגעץ אין א
גרויסער שטאָט בייַ א פרומען שטיפזיידן, א גביר. זי
נייט צביהן קלייניגקייַטן און גיט עצות. זי טראָגט און האָט
פלעקן אויפן פנים און ריידן רעדט זי מיט אַזאַ זיכערקייַט,
גלייַך זי איז א גרויסער מומחה אין די זאַכן און ווייסט
א שפרוך, ווי צו געפעלן א חתן, זי האָט קרייַטעכ־
צער...

סוף־כל־סוף פאָרט צביה אַוועק. פונפאָרנט בייַ דער
שטוב שטייט א געדונגענער בעל־עגלה מיט צביהס
אונטערגעבונדענעם קאָרב, און רחל שטייט דאָרטן מיט
טרערן אין די קרומליכע רחמנות־אויגן און מיט א פאַר־
באָרגענעם קנאה־ווייטאָג, וועלכער וועט קיינמאָל ניט
אַרויסגעזאָגט ווערן, און טאַפּט אויף דער בעל־עגלהשער
בריטשקע דאָס קישעלע:

»ס׳וועט איר כאָטש זײַן גוט צו זיצן׳ צביהן?«

נאָר אין פיר וואָכן אַרום קומט צביה צוריק אַן אויס־געמאָרעטע מיט א פאַרברענטן פנים׳ ווי פון א קוראָרט׳ מיט א שטילן נײַ צוגעקומענעם ייאוש אין האַרצן און מיט א גוואַלדיגן קאָפּווייטאָג פון דער ניטגעשלאָפענער נאַכט אין וואַגאָן.

בשעת זי קריכט אַראָפּ פון דער פור׳ שמייכלט זי נאָך׳ זי איז ווי צופרידן׳ וואָס זי איז אַהיים געקומען. אין שטוב איז אויך ווי יום־טובדיג. אויפן טיש אין עסצימער ליגט א פריש געל טישטאַך׳ מ׳טרינקט טיי. די אויפ־געקלערטע דיינטע איז אויך דאָ׳ און צביה קרימט זיך׳ קלאָגט זיך אויף קאָפּווייטאָג און אויף דער רעשדיגער חתונה׳ וואָס מ׳האָט א וואָך צײַט געפּראַוועט דאָרטן בײַ שמואלס רײַכן שווער אינדערהיים.

»ווײַ איז מיר׳ קרעכצט זי׳ אַזויפיל טומל׳ אַז ס׳טוט א סקריפּע די טיר׳ ווײַזט זיך מיר נאָך אַלץ אויס׳ אַז ס׳שפילן כלי־זמר«.

דער אַלטער ליגט דאָ בײַדערזײַט אויף דער קאַנאַפּע און פינטלט מיט די בלינדע ווייסליכער.

»נו׳ פרעגט ער׳ און וויאַזוי איז עפעס בײַם מחותן אין שטוב? דער מחותן איז רײַך׳ אַ? א ברייט פיר־אַכץ?...«

און וועגן דעם בריוו׳ וואָס שמואל האָט צוגעשיקט צוריק מיט א חודש׳ רעדט מער קיינער קיין וואָרט ניט. צביה שלאָפט אָפּ בײַ אָנדערהאַלבן מעת־לעת בײַ זיך אין צימער׳ און אַז זי שטייט אויף׳ זשומעט איר נאָך אַלץ אין די אויערן׳ און בײַ יעדן סקריפּ פון דער טיר׳ ווײַזט זיך איר אויס׳ אַז ס׳שפילן כלי־זמר׳ אָדער ס׳פײַפט דער צוג. ס׳ציהען זיך שוין ווידער לאַנגע זומערדיגע טעג און אין שטוב איז קיינער נישטאָ. ס׳איז קיל אין שטוב׳

און דער אַלטער ליגט איינעראַליין אויף דער קאַנאַפּע. ער קראַצט זיך פון גרויס לאַנגווײַליגקייט אין גרויען קאָפּ און אין דער באָרד און שעפּטשעט בײַ יעדן לאַנגן, אויס־געצויגענעם גענעץ:

»אַך טי, רבונו של עולם! . . . גאָטעניו! . . . טאַטעניו! . . .«

איצט וועט שוין אין שטוב, דאַכט זיך, מער גאָרנישט ניט פּאָרקומען.

## III

נאָר אָט מאַכט זיך:

פון שמואלן, דעם רײַכן זון, קומט איינמאָל אָן א דעפּעש, אַז איבערמאָרגן פאָרט ער דורך אויף דער נאָהענטער קליינער סטאַנציע, ער איילט קיין אויסלאַנד אויף א קוראָרט און בעט, מ׳זאָל צופאָרן צום וואָקזאַל זיך זעהן.

ס׳איז פאַר זונזעצן זיך. און דער טאָג איז אַזאַ קלאָרער און געשענקטער, א שפּעטזומערדיגער טאָג. דער אַלטער פּוזיס ליגט דעמאָלט אין עסצימער אויף דער קאַנאַפּע און וואַרט, מ׳זאָל אים אָנטאָן די שבתדיגע קאַפּאָטע און אים אַרויספירן אביסל אין גאַס שפּאַצירן. ניטלאַנג איז דאָ אין שטעטל אין רײַכקייט געשטאָרבן זײַן אַמאָלי־גער לאַנגיאָריגער שותּף ישראל קיטיווער. און דעם קיטיוועס אייניקל נאָטע־הירש בויט איצט איבער דעם זיידנס הויז און ציהט אַרויס א נײַעם גאַניק אין מאַרק אַרײַן. ליגט דער אַלטער אויף דער קאַנאַפּע און מאָלט זיך אויס, ווי ער וועט באַלד בלינדערהייט שטיין דאָרטן אין מאַרק לעבן דעם הויז, וואָס בויט זיך. אין דער שבתדיגער קאַפּאָטע וועט ער דאָרטן שטיין און וועט אָנווײַזן נאָטע־הירשן מיטן שטעקן:

»זעהסטו, נאָטע־הירש. אָטדאָ, וואו דו ציהסט דעם גאַניק, איז אַמאָל געווען, געדענק איך, א טיפע קאַנאַווע, איז כּדאי א גראָב טאָן און זעהן, צי דער גרונט וועט אויסהאַלטן.«

און אַרום און אַרום שטייען שטאָטלייַט און קוקן:

»וואָס זשע דען? שמועסט מען, קלמן פוזיס... איינ־מאָל אין זייַן לעבן האָט ער געבויט?«

דער אַלטער גאַרט אַזש, אַזוי שטאַרק ווילט זיך אים אין מאַרק אַרייַן צום קיטיווערס הויז.

»נו, רחלע סערדצע? פרעגט ער אַלע רגע, וואו זשע איז זי, די שבתדיגע קאַפּאָטע?« נאָר רחל ענטפערט ניט. אין שטוב איז עפּעס געשעהן, דעם דעפּעש פון שמואלן האָט מען אפּנים דערלאַנגט צו די מיידלאַך אין צימער דורכן פענסטער, און די בשורה אָנזאָגן איז עמיצער פון דאָרטן געשווינט אַוועקגעלאָפן. איצט איז דאָ שוין ווידער פאַרהאַן די ארטיגע אויפגעקלערטע דיינטע. מיילערריידן אַלע אינאיינעם, און א יום־טובדיגער לאַרעם וויקלט זיך אַרום מענשנס לייַבער. עס דאַכט זיך: אין דער לעצטער פאַרייאושטער רגע איז די שטוב אויפ־געריכט געוואָרן פלוצים, אומגעריכט און אויפאייביג, אויפאייביג. צי האָט ניט שמואלס דעפּעש א שייכות צו זייַן בריוו, אין וועלכן ער האָט אָנהייב זומער געשריבן, אַז צביה זאָל קומען?... צי פירט ער איצט ניט מיט זיך די ישועה אַהער אין שטוב? מסתמא פאָרט ער ניט אַליין...

בייַ רחלען שטייען טרערן אין די קרומליכע רחמנות־אויגן. זי קוקט, שמייכלט און קאָן ניט ריידן. און פלוצים טוט זי זיך א זעץ צו אויפן בענקל, וואָס אינ־אזייַט אין ווינקל און שיסט אויס מיט א געוויין:

»שמואל!... אַכט יאָר אים ניט געזעהן, שמואל!...«

און עס דאַכט זיך, אַז זי רופט אים, ער איז דאָ אין צווייטן חדר.

---

אויפמאָרגן א גאַנצן טאָג האַלטן די מיידלאַך אין איין הארעווען און טאָן.

מ׳באַקט לעקעכלאַך און אַנדערע זיסע זאַכן אין וועג אריַין. מ׳שוועבקט נאָזטיכלאַך, און מ׳פּרעסט זיך אַליין ווייַסע קאָפּטלאַך. די פענסטער זיינען אָפן. דאָס דינסט־מיידל איז חושד רחלען, אַז זי קרויזט זיך די האָר, און דער אַלטער ליגט אין עסצימער אויף דער קאַנאַפּע, און אים דאַכט זיך, אַז פון דריטן חדר, וואו די מיידלאַך שטייען ביַים טיש און טוען אַלעמאָל א שטעל אַוועק דאָס אָנגעהיצטע פּרעסל, דערהערט ער אָפט, ווי עמיצער טוט א זינג... ער פּלאַפּלט מיט יקותיאלן, דעם צעפּלאָכטע־נעם שמש פון דער סאַדעגערער קלויז:

»געוועזן אַמאָל א חסידישער יונגערמאַן שמואל, אַ? גע־פאָרן נאָך דער חתונה מיטן שווער קיין אויסלאַנד צום רבין... און איצט איז ער ריַיך, שמואל, שטאַרק ריַיך«.

אַז ער ווערט אַנטשוויגן, פינטלט ער מיט די בלינדע אויגן און מאָלט זיך, וויאַזוי שמואל זעהט איצט אויס:

»א באָרד דאַרף ער האָבן א היפּשע, א שוואַרצע. ער טראָגט לייקענע הענטשקעס און גיט די האַנט די פּריצות, מיט וועלכע ער האַנדלט... שמואל!...«

ער שלאָפט קוים איבער די נאַכט. און אינדערפריה, אַז ער גייט אַרויס אין פאָרכאַלאַט אינאיינעם מיט די מיידלאַך צום געדונגענעם בעל־עגלהשן פאַעטאָן, וואָס שטייט ביַי דער שטוב און וואַרט, זעצט ער זיך אַזוי גיך ניט אויף; בלינדערהייט גייט ער אַרום דעם פאַעטאָן,

ער טאַפּט, צי ס׳איז פֿאַרהאַן א לעדערן בײדל, און איס דאַכט זיך, אַז אין שאָטן, אין ברוקירטן געסל שטײען דורכויס שטאָטלײַט און קוקן:

»קלמן פּוזיס פֿאָרט זיך זעהן מיטן זון«.

»בײַם פֿאַטעאָן, פרעגט ער, איז דאָ א בײדל?... אַ? סע דאָ?«

מ׳לײגט אָן גאַנצע וויאָרסטן און מ׳פֿאָרט אַרום און אַרום מיטן ברײטן פּאָסטוועג. מ׳זיצט אין פֿאַעטאָן אויס־געפּוצט, יום־טובדיג אויפגערעגט, גלײַך מ׳פֿאָרט אויף א חתונה, און מ׳איז ברוגז אויפן אַלטן, אלמאי ער מאַכט ניט צו כאָטש אויף א רגע דאָס מויל. נאָר אַז מ׳קומט אויפן קלײנעם וואָקזאַל, באַמערקט מען אָקאָרשט, אַז מ׳איז אַרויסגעפֿאָרן צו פריה, און מ׳נודעט זיך לאַנגע שָעהן. שמואלס צוג איז א פּלאַצקאַרטנדיגער, א דראָטיג קרעפּטיגער און א שנעלער. אַז ער טוט א לויף צו צום קלײנעם וואָקזאַלכל, גיט מען שוין מיטאַמאָל צווײ קלינג, און דער אויסגעפּוצטער »אָבער« האָט דאָ אויף דער קלײנער סטאַנציע פֿאַר קײנעם קײן דרך־ארץ ניט און שינדט די הויט, מ׳זאָל געבן דעם דריטן קלונג:

»פֿאַרטיג? אַ?«

אויף דער פּלאַטפֿאָרם ווערט א געיאָגערײַ, און פון־מיטן טומל רײַסט זיך אַרויס א שטאַרקער זיכערער זאַפּ־טיגער באַריטאָן:

»טאַטע! איך בין אָט דאָ! אין פענסטער שטײ איך!«

אין וואַגאָנפענסטער שטײט א יונגער ברוסטיגער ייִד מיט א היפשער שוואַרצער באָרד און אביסל עזותדיגע, ווי מיט לאַק גלאַנצנדיגע אויגן. דאָס איז שמואל, דער רײַכער, גליקליכער זון שמואל. ער שטרעקט אויס אַראָפּ

די שלום־עליכם־האַנט, און דער אַלטער שטייט לעבן פענסטער א פאַרציטערטער, א דערשראָקן פאַרטרייסלטער. ער פינטלט שטאַרק מיט די בלינדע ווייַסליכער און זוכט אָטדי האַנט מיט אַלע זייַנע צעהן ציטעריגע פינגער, און די מיידלאַך הייבן אים אונטער די עלנבויגנס און העלפן אים זי געפינען. אָט האָט ער זי סוף־כל־סוף געפּאַקט, די האַנט. ער נישטערט אַרום איר מיט אַלע צעהן ציטעריגע פינגער און טאַפּט זי געשווינט אַרום און פּרובט זי אויס.

»ס'איז שמואלס האַנט, פרעגט ער, אַ? ... שמואלס האַנט? ...«

נאָר דער עזותדיג אויסגעפּוצטער »אָבער« האָט זיך שוין דערשלאָגן דעם דריטן קלונג און דער צוג האָט שוין גערירט. דעם אַלטנס פינגער טאַפּן נאָך א ווייַלע אין דער לופט מיט אַזאַ געפּיל, גלייַך זיי באַרירן נאָך אַלץ דעם גלאַטן סאַמעט פון א נייַער זעמשענער הענטשקע, און לאָזן זיך פּאַמעלאַך אַראָפּ.

איצט וועט מען פאָרן אַהיים, פונם צוג איז שוין סייַ וויסייַ קיין זכר ניט געבליבן. ער איז פאַרשוואונדן ערגעץ דאָרטן ווייַט, ווייַט אינם עקסטן שפּעלטל פונם שפּעטזומערדיגן האָריזאָנט. מ'זעצט זיך צוריק אין פאַע־טאָן און מ'זוכט אין בויד, מ'האָט פאַרלוירן א פול טיש־טאַכל מיט פרישע ווייסינקע צוקערלעקאַכלאַך. נאָר נאָך וואָס האָט מען זיי, אייגנטליך, אַהער געפירט, אָט די צוקערלעקאַכלאַך?

מ'שווייגט. דעם בעל־עגלהס פערד זייַנען מיד. קוים־קוים וואָס זיי טרייסלען זיך; און די גלעקער אויף זייערע העלזער, קוים־קוים וואָס זי קלינגען. נאָר אויף אָטדער שוואַכער מידער גלעקערקלאַנג רעגט אויף צביהס נערוון און ברענגט זי אַרייַן אין כעס:

»רבונו־של־עולם, זי וועט פון אָטדי גלעקער משוגע ווערן«.

אין א ברייטן שפּועדיגן טאָל מוז זיך דער בעל־עגלה אָפּשטעלן און סוף־כל־סוף די גלעקער אַראָפּנעמען. לינקס, איבער א ווייַטן וואַלד א קאַרליק, האַלט די פאַר־גרעסערטע זון ביי זעצן זיך; זי האָט אַרום זיך א פּליסיג טייכל, א געלס און זויבערס, ווי לויטערער בורשטין, און א פּאַס א ראָזער און א קורצער ציהט זיך אויס ביים האָריזאָנט און נאָגט צו איר פּונווייטנס. נאָר דאָרטן דאַכט זיך, אַז זי וועט זיך קיינמאָל ניט זעצן, אָטדי זון, זי וועט אַזוי בלייַבן הענגען, ווי אַמאָל אין די צייַטן פון אַלטן גבעון.

דעם אַלטן האָט מען שוין אָפּגעטאָן זייַנס, מ׳האָט אויף אים אָנגעשריגן, אַלמאי ער רעדט, און ער איז אַנטשוויגן געוואָרן. ער האָט נאָר א פּינטל געטאָן מיט די בלינדע ווייַסליכער און האָט געגעבן א שמייכל צו זיך אין דער באָרד אַרייַן:

»פּכע!... אַז זיי האַלטן אים פאַר א נאַר, די מיידלאַך זייַנע«.

מ׳טרייסלט זיך אַהיים פּאַמעלאַך, אָהן גלעקער; מ׳וויל שוין וואָס גיכער אַהיים קומען און מ׳שווייַגט.

איצט וועט שוין געוויס קיין שום נייַס אין אַלטן אָפּ־געקומענעם הויז מער ניט פּאָרקומען. איבעראַיאָר זומער, אַז דאָרטן וועלן באַנייס א קאָן אָנהייבן שוויצן די גראָבע געמויערטע ווענט, וועט זיך צביה ווידער אַרומדרייען אין אונטערשטן קליידל און וועט פּאַרעקשנטערהייט ראַמען אין אַלע חדרים, זי וועט ניט עסן, ניט טרינקען און וועט זיך סוף־כל־סוף אַרייַנוואַרפן ביי זיך אין צימער אין בעט מיט א געוויין. און דער אַלטער פּוזיס וועט דעמאָלט ווידעראַמאָל ליגן אין קילן עסצימער אויף דער קאַנאַפּע

און וועט פינטלען מיט די פאַרשמאָלטע בלינדע ווײַס־ליכער. ער וועט ניט וועלן, אַז יקותיאל דער שמש זאָל זיך אָנשטויסן, וואָס סע באַטײַט צביהס געוויין, וועט ער פאַרפירן מיט אים א שמועס:

»געוועזן אַמאָל יאָרן, אַ? יקותיאל«.

»געוועזן, ר׳ קלמן«.

»און אַוועק, יקותיאל, אַ? אַוועק, ווי א שאָטן«.

»נעכטיגע טעג, ר׳ קלמן«.

| | |
|---|---|
| | זייט |
| אַרום וואָקזאַל . . . . . . . . . | 1 |
| דער טויבער . . . . . . . . . . . | 113 |
| יורדים . . . . . . . . . . . . . | 151 |